STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10140

MENSHEN UN LEBEN

Issar Moses Rubin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. מ. רובין

מענשען און לעבען

1953

MENCHEN UN LEBEN

By A. M. RUBIN

Copyright by
A. M. RUBIN
1219 Pennsylvania Avenue
Miami Beach, Florida

1953

Printed in U.S.A.
209

אין אָנדענק פון מיין פרוי

רחל דבורה רובין, ע״ה

פאַר אַלע מיינע דערגרייכונגען —
האָב איך דיר צו פאַרדאַנקען.

עטלעכע ווערטער פון מחבר

מער פון א האלבען יאר הונדערט האב איך געשריבען אין די אידישע צייטונגען. פון די טויזענטער ארטיקלען, וואס איך האב אפגעדרוקט, האב איך אויסגעקליבען פאר דעם בוך, לויט מיין מיינונג, די וויכטיגסטע, וועלכע פארהאנדלען פראבלעמען, וואס זיינען גוט פאר אלע צייטען, סיי אמאל, סיי היינט.

אין אלע צייטען האבען אידען געזוכט אן ענטפער אויף זייערע טאג־טעגלעכע פראבלעמען אין אזעלכע אידישע ספרים ווי „פרקי אבות" און ענלעכע מוסר־ספרים.

אט מיט דעם געדאנק האב איך צוגעגרייט דעם בוך, אין וועלכן עס גייען אריין ארטיקלען, וואס איך האב געדרוקט אין משך פון יארען. און אויב דער בוך וועט אנגענומען ווערען ביים לייענער בסבר פנים יפות און פארנעמען אן ארט צווישן די בכבוד'יגע אידישע מוסר־ספרים, וועט דאס זיין מיין גרעסטער שכר פאר יארען לאנגער מי.

א הארציגען דאנק מיין יונגען קאלעגע, דעם שריפטשטעלער משה שיפרים, פאר זיין אומדערמידלעכער ארבעט צוצוגרייטען דעם בוך צום דרוק.

א. מ. רובין

אינהאַלט

זייט

מענשען און לעבען

ווייזט די מענשען אַ פריינדליך פּנים — — — — — — — — — 11
מענשען, וואָס טוען ניט, נאָר חלומ'ען — — — — — — — — 15
רעספּעקט צו זיך אַליין און צו אַנדערע — — — — — — — 19
אַ צייט צום לערנען און צום אַמוזירען — — — — — — — 23
וועגען ספרים און זייערע לייענער — — — — — — — — — 27
ניטאָ קיין פּראָגרעס אָהן אַרבעט — — — — — — — — — 31
טאַטע־מאַמעס רחמנות צו די קינדער — — — — — — — — 36
ווען מענשען באַפאַלט אַן אומגליק — — — — — — — — — 40
די אייגענליבע און די מענשענליבע — — — — — — — — — 44
צווישען די מענשען און די פּלאַנצען — — — — — — — — 48
וואו געפינט מען דאָס ביסעלע גליק? — — — — — — — — 52
די מענשען און זייערע כאַראַקטערען — — — — — — — — 58
נאַטור און מענשליכער כאַראַקטער — — — — — — — — — 61
איבערהעם לינקלאָנ'ס אַ „רעצעפּט" — — — — — — — — 64
דזשאָרדזש וואַשינגטאָן און די אידען — — — — — — — 68
צו דעם געבורטסטאָג פון אַ העלד — — — — — — — — — 72
שונאים פעלשען אידישע ספרים — — — — — — — — — — 76
אַ קאַפּיטעל פון דער אידישער געשיכטע — — — — — — — 80
ווען מען זוכט אַ קאַריערע פאַר אַ קינד — — — — — — 84
דער אַלטער רוף: „עס זאָל זיין ליכטיג!" — — — — — — 88
די אידישע משפחה פון אַמאָל און היינט — — — — — — — 93
ווען אַ קינד איז געבענשט מיט טאַלאַנט — — — — — — — 97
וועגען די מענשען, וואָס זיינען צו־גוט — — — — — — — 101
דער קאַרגער מאַן און דער פוילענצער — — — — — — — — 105
פאַרוואָס מוזען מענשען מורא האָבען — — — — — — — — 109

פון אַמאָליגע צייטען ביז היינטיגע

פון אַמאָליגע צייטען ביז היינטיגע — — — — — — — — 115
די לערען פון שיינע מידות ביי אידען — — — — — — — 119
וואָס מען לערענט אונזערע קינדער — — — — — — — — 122
אידען מוזען לערנען און זיך בילדען — — — — — — — 127
דער גולם פון פּראָג — — — — — — — — — — — — — 130
וועגען בילדונג ביי אונז און ביי זיי — — — — — — — 135
די מענשען און זייערע געפילען — — — — — — — — — 139
דער אמת'ער ציל פון לעבען איז גליק — — — — — — — 143
„דער ריכטיגער וועג אין לעבען" — — — — — — — — — 147

אין די טרויעריגע צייטען פונ'ם חורבן

אין דער טיפעניש פון ים — — — — — — — — — — — — 155

די באַגעגניש צווישען ברודער און שוועסטער — 156
די פרוי וואָס האָט געליטען — 158
און דער לערער האָט געוויינט — 160
ווען אַ פריינט ווערט אַ פאַררעטער — 162

אידישע ימים־טובים

דער ראש השנה פון היינט און פון אַמאָל — 167
פון דעם יום־כיפור ביז איבעראַיאָר — 171
סוכות — „די צייט פון אונזער פרייד" — 175
שמחת־תורה און קינדער־דערציאונג — 180
דער גרעסטער נס פון „על הנסים" — 184
חנוכה — דער יום־טוב פון אידישען בוך — 188
פון'ם אַמאָליגען המן ביז'ן היינטיגען — 192
אידישע פרייהייט, אידישע דערציאונג — 196
דער באַטייט פון יום־טוב שבועות — 200
וואָס די מעשה פון רות דערציילט אונז — 204
אין די „זיבען וואָכען" פון טרייסט — 208
וועגען דעם באַדייט פון שבת נחמו — 212
אונזער האָפענונג און דערלייזונג — 217
שמיני עצרת — אַ טאָג פון אָפּהאַלטען זיך — 221
דער אַמאָליגער יום־טוב פון פלאַנצען — 225
די געשיכטע פון שבעה עשר בתמוז — 229
די אַלטע תפילות און די נייע סליחות — 233
אין „צענטען טאָג פון צענטען חודש" — 238
אין דעם אומעטיגען שבת פון „חזון" — 242
מען דאַרף געדענקען די אידישע שמחות — 245
ק ה ל ת — 249
די געשיכטע וואָס מען דאַרף לערנען — 254
דעם אידען'ס געבעט אין הושענא רבה — 258
דער אַמאָליגער „עומר", היינטיגע ספירה — 262
דער שיינער געדאַנק פון שבת שובה — 266

רעליגיעזע סיסטעמען פון דער וועלט

וועגען דער רעליגיע פון אַלטען מצרים — 273
אַ פאַרגעסען פאָלק און זיין גלויבען — 277
אַ רעליגיע פון גאָלדענעם מיטעלוועג — 281
אַ נייער געדאַנק פון אַלטען גלויבען — 285
דער פערזישער גלויבען און די אידען — 289
מענשען פאַרגעטערען מענשען — 294
די רעליגיע פון אמת'ער גלייכהייט — 299

מענשען און לעבען

ווייזט די מענשען אַ פריינדליך פנים

און איבערהויפּט זאָלען מאַן און ווייב ניט אַרומגיין פאַרכמורעט איינער געגען צווייטען

דערציילט די געשיכטע, אַז עס איז ניט געווען אין דער וועלט נאָך אַזאַ ווילדער, בלוטיגער אויסוואורף ווי דער רוימישער קייזער נערא, אָדער ווי מען רופט אים אין דער גמרא נירון קיסר.

זיין אייגענער מאַמען, אַגריפּינאַ, האָט ער דערטרונקען; זיין ווייב, אָקטאַוויא, האָט ער געלאָזט מיט אַ שווערד דעם קאָפּ אָפּ־האַקען; זיין געליבטע, פּאָפּעאַ סאַבינאַ, האָט ער מיט אַ זעץ מיט'ן פוס דער'הרג'עט.

און דערמיט איז נאָך די ליסט פון זיינע ווילדער רציחות ניט פאַרפול.

עס איז אין אמת'ן ניט געווען קיין פרוי, וואָס נערא האָט געליבט, אַז ער זאָל איר שפּעטער ניט טויטען.

עס איז ניט געווען קיין מאַן — אפילו זיינע בעסטע פריינט — וואָס ער האָט ניט געלאָזט צעררייסען פון ווילדע חיות.

אַ בעסטיע אין מענשליכער געשטאַלט איז נערא געווען.

נאָר איין פרוי האָט זיך געפונען, וואָס האָט די דאָזיגע בעס־טיע געקאָנט האַלטען אין צוים.

איר נאָמען איז געווען אַקטע, דוקא אַן אָרימע שקלאַפין, ניט קיין איבריגס שיינע, ניט קיין געבילדעטע און אין דער רוימי־שער געזעלשאַפט האָט מען איר ניט געקענט.

אָבער אויף נעראָ'ן האָט זי געהאַט אַ גרויסען איינפלוס. נעראָ האָט איר ניט געטאָן קיין בייז אפילו נאָכדעם ווי ער האָט איר אויפגעהערט צו ליבען.

די דאָזיגע שקלאַפין האָט בעהערשט דעם בלוטיגסטען טיראַן פון רוים.

און זי איז פאַרבליבען ביי זיין זייט ביז נאָך זיין טויט, ווי קיין אַנדער מענש האָט עס ניט באַוויזען.

אָבער וואו איז געלעגען דער סוד פון דעם מערקווירדיגען ער־פאָלג פון אַט דער ניט־שיינער, ניט־געבילדעטער שקלאַפין?

די געשיכטע דערציילט, אַז אַקטע'ס גרויסקייט איז געלעגען אין איר פריינדליכקייט.

שטענדיג מיט אַ פריינדליכען פנים, מיט אַ זיסען, ווייכען שמייכעל האָט זי צעשמאָלצען דאָס האַרץ פון דעם טיראַן, וואָס איז אין אירע הענט געוואָרען אַזוי ווי אַ וואַקס.

איר פריינדליכקייט, אַנגענעמליכקייט, צאַרטקייט און ליבליכ־קייט האָבען אים געהאַלטען אין אייביגען צויבער.

דאָס איז דער כוח פון אַ צאַרטען שמייכעל, פון אַ פריינדלי־כען, אַנגענעמען פנים.

ווייל די וועלט נויטיגט זיך אין פריינדליכקייט און צו אַזאַ מענשען גיט זי איבער אַלע שליסלען פון ערפאָלג.

איר געפינט אין דער וועלט גענוג רייכע מענשען, גרויסע גאָלד־זעק, וואָס אימפּאָנירען אייך מיט זייערע אוצרות.

איר באַגעגענט אָפט שטאַרקע הערשענדע מענשען, וואָס מאַכען אויף אייך אַן איינדרוק און איר רעספּעקטירט זיי.

אָבער איר פילט זיך צוגעבונדען נאָר צו אַ מענשען, וואָס קאָן זיין פריינדליך אַנגענעהם און געווינען אייער האַרץ דורך אַ ליב־ליכען שמייכעל.

ווארים אַ פריינדליכער פּנים איז פונקט אַזוי ווי זונען־שיין פאַר די פלאַנצען.

זיי מוזען האָבען די ליכט און ווארימקייט פון דער זון; אין דער פינצטער וואַקסט אַ פלאַנץ שוואַך און פאַרקריפּעלט, אָדער זי וואַקסט גאַרניט.

פונקט אַזוי מוזען די מענשען האָבען אַן אַטמאָספערע פון פריינדליכקייט, כדי אַרויסצוברענגען שיינע מדות.

אין אַ פריינדליכער סביבה אַנטוויקעלט זיך אַ בעסערע מענשהייט.

און אויב איר האָט אַ ברייטע באַקאַנטשאַפט צווישען מענשען, קאָנט איר עס צוזעהן מיט אייערע אויגען.

איר קומט אַריין אין אַ באַקאַנטען הויז, דער מאַן איז שטענ־דיג ווי אַ פאַרדרייטער, אַ פאַרזאָרגטער, קאַרג אויף ווערטער און מיט אַ פאַרכמורעטען פּנים.

לעבען די קינדער אין אייביגען שרעק פאַר׳ן בייזען טאַטען, און קומט ער אַהיים, צעפּאַלען זיי אין די ווינקעלעך.

זיי האָבען מורא מיט אים זיך צו באַגעגענען. זיי געטרויען אים ניט, און וואָס זיי טוען באַהאַלטען זיי זיך פון אים.

זיי האָדעווען זיך אין אמת׳ן אָהן אַ טאַטען.

און די ווייב פון אַזאַ מאַן?

איר וועט קיינמאָל ניט זעהן די פּרוי פון אַ מרה־שחורה׳דיגען, פאַרכמורעטען שוויגער גליקליך.

זי פילט זיך אַליין, פאַרלאָזען, און אין איר האַרצען קלייבט זיך אַלץ מער גיפט און גאַל קעגען דעם מענשען, וואָס האָט איר עלענד געמאַכט.

ביי אַזאַ מענשען לעבט די גאַנצע פאַמיליע אומגליקליך.

איר קומט ווידער אַריין אין אַ היים, וואו דער פאָטער איז

בטבע א פריינדליכער מיט אן אנגענעהמען שמייכעל; א מענש, וואס מען רופט, מיט א גוטען מזג, און עס דאכט זיך אייך, אז פון אלע ווינקעלעך שטראלט דאס גליק.

די קינדער לוסטיג, קלינגענדיג; מען חבר'ט זיך מיט'ן טאטען, מען דערציילט אים אלערליי מעשה'לעך און די פרוי קוועלט פון נחת — איר היים איז איר גן־עדן.

עס פארשטייט זיך, אז פונקט ווי דער מאן אזוי די ווייב. אויב איין פאמיליע לעבט אומגליקליך, ווייל דער מאן איז א פינצטערער מרה־שחורה'ניק, און אויב אן אנדער פאמיליע לעבט אין נחת, ווייל דער מאן איז א פריינדליכער, איז דאס אויך דער פאל מיט דער פרוי.

קומט דער מאן אהיים און געפינט דער ווייב א בייזע, א פאר־דריסליכע מיט בלויע ליפעלעך, ווערט אים פינצטער זיין וועלט און ער אנטלויפט פון הויז ווי פון א פעסט.

איז אבער די פרוי אין איר נאטור א פריינדליכע און באַ־געגנט אים שטענדיג מיט א ליבליכען שמייכעל, איז ניטא קיין גליקליכער מענש פון אים.

אזוי איז שוין די וועלט. מענשען בענקען נאך פריינדליכ־קייט, און א פריינדליכער מענש איז א פרייליכער מענש.

ווארים פארדרוס, זארגען און גאל געפינט יעדער מענש גענוג ביי זיך אליין, ער דארף זיי ניט זוכען ביי אנדערע.

אויב ער קומט צוזאמען מיט אנדערע, וויל ער זיי זעהן פריינד־ליכע, אנגענעהמע.

און אז א פריינדליכער, אנגענעהמער מענש האט אלע מאל ערפאלג, דאס וואלט געקאנט דערציילען יענע ארימע שקלאפין פון דעם מעכטיגען רוימישען טיראן.

מענשען, וואָס טוען ניט, נאָר חלומ'ען

זיי רעכענען זיך ניט מיט'ן לעבען, ווי עס איז, נאָר זיי דערציילען אייך, וואָס זיי וואָלטען.

צוויי אידען האָבען צווישען זיך געהאַט אַ שמועס:

„יאָ", האָט איינער געזאָגט, „עס איז אַמאָל געווען אַ בעסערע וועלט. די מענשען זיינען דעמאָלט געווען געזינטער און האָבען גע־לעבט לענגער.

„שטעלט זיך פאָר, אַז ווען מיין זיידע איז געשטאָרבען, איז ער אַלט געווען 80 יאָר."

„עך", האָט דער צווייטער איד פאַרקוועטשט מיט די פלייצעס, „און דאָס איז ביי דיר אַן אַלטער מאַן?! ווען מיין זיידע וואָלט געלעבט ביז היינט, וואָלט ער שוין אַלט געווען אַריבער 95 יאָר."

איר לאַכט? איר זאָגט, אַז די געשיכטע איז אַ וויץ?

אָבער יענער איד האָט גאָר ניט געהאַט אין זינען זיך צו ווּיצלען. ער האָט געמיינט טויט־ערנסט, וואָס ער האָט גערעדט:

וואָלט זיין זיידע נאָך היינט געלעבט, וואָלט ער שוין געווען אַלט אַריבער 95 יאָר.

דער איד האָט פשוט פאַרגעסען דעם אמת, אַז זיין זיידע איז שוין אפשר גאָר לאַנג טויט; עס האָט ביי אים זיך פאַנאַנדער־געשפּילט די פאַנטאַזיע.

ער האָט זיך פאַרגעשטעלט זיין זיידען אַ לעבעדיגען; און נאָך מער, ער האָט געוואָלט זיך איינרעדען, אַז ער לעבט.

ער וואָלט דאָך איצט אַלט געווען אַריבער 95 יאָר, דער גור־טער זיידע.

ער וואָלט —

און וויפיל נאָך מענשען געפינט איר, וואָס רעכענען זיך ניט מיט די פאַקטען, ווי זיי זיינען, און ווילען ניט טראַכטען פון דעם טרוקענעם אמת, נאָר זיי פאַלען אריין אין פאַנטאַזיעס און פאַר־וויגען זיך אין חלומות.

די ווירקליכקייט איז זיי אומאַנגענעם; עס איז זיי זיס צו טראַכטען פון „ווען איך וואָלט".

„ווען איך וואָלט דערגרייכט, וואָס איך האָב געוואָלט, וואָלט איך אויפגעטאָן מי יודע וואָס."

„ווען איך וואָלט געהאַט זיין געלט, וואָלט איך אַנדערש גע־לעבט".

„ווען איך וואָלט געהאַט זיינע געלעגענהייטען און זיינע מיט־לען, וואָלט איך געווען באַרימט אין דער וועלט".

און דערביי בלייבט ער.

ווייל אַליין טוט ער גאָרנישט, אַליין וויל ער ניט נעמען די געלעגענהייט אין זיינע הענט; ער אַרבייט ניט, שטרעבט ניט און קעמפט ניט צו דערגרייכען, ווי אַנדערע.

נאָר ער פאַרגלייכט זיך צו אַנדערע, צו יענע, זאָגענדיג: „יאָ, ווען איך וואָלט — "

אָבער אַזאַ מענש האָט קיינמאָל ניט קיין ערפאָלג אין לעבען; ער בלייבט אַלעמאָל פון הינטען, צוריקגעשטאַנען. אַלע אַנדערע יאָגען אים אַריבער.

דער געדאַנק פון „וואָס ער וואָלט", מאַכט אים פאַרגעסען אָן דעם, וואָס ער איז. ער לעבט אין אַ וועלט פון חלומות און פאַר־שלאָפט די ווירקליכקייט.

א מענש, וואס דערציילט אייך שטענדיג, וואס ער וואלט, איז אזוי ווי איינער, וואס באטויבט זיך מיט אפיום. עס מאלען זיך פאר אים שיינע בילדער פון אלערליי פארגעניגענס, און ער איז גליקליך.

אבער קוים ניכטערט ער זיך אויס, זעהט ער, אז ער האט א סך פארלוירען.

מיר האבען א באקאנטען, וואס האט זיין גאנצען לעבען לאנג געחלומ׳ט פון וואס ער וואלט און —

ער איז היינט א וויסטער שלימזל.

ער האט אמאל באשלאסען צו לערנען, אין קאלעדזש אריינ־צוטרעטען, און ווען ער פלעגט קומען צו אונז, פלעגט ער זאגען:

„ווען איך וואלט געהאט די שטיצע, וואס אנדערע יונגעלייט קריגען, וואלט איך זיי שוין לאנג אריבערגעיאגט".

אבער זוכען די שטיצע, ווי יענע האבען געטאן; ארבייטען אויף צו קריגען די נויטיגע מיטלען, ליידען, אבי פארצוזעצען זיין שטודיום, דאס האט ער ניט געוואלט.

ער האט געטראכט, וואס ער וואלט, אבער עס איז אים געווען שווער, וואס עס איז, און עס איז ביי אים געווארען אויס קאלעדזש.

נאכדעם האט ער זיך גענומען צו ביזנעס. אליין א סטאר־קיפער געווארען און ביי ערנסטער ארבייט האט ער געהאט די בעסטע געלעגענהייט צו ווערען א רייכער ביזנעסמאן.

איז אבער אנשטאט ארבייטען פאר זיין ביזנעס, פלעגט ער שטענדיג אונז דערמאנען:

„ווען איך וואלט געהאט דעם קרעדיט, וואס אנדערע קריגען, וואלט איך געקאנט עפענען א דעפארטמענט סטאר".

און חלום׳ענדיג וועגען דער דעפארטמענט סטאר, האט ער

דערוויל פאַרנאַכלעסיגט זיין אייגענע ביזנעס, וואָס איז אים שנעל נמאס געוואָרען.

און אויס ביזנעסמאַן.

עס איז אים געפעלען געוואָרען אַ מיידעל. ער האָט מיט איר געוואָלט חתונה האָבען, פלעגט אַרומגיין מיט איר, און דער אמת איז, אַז זי האָט נאָר געוואַרט, ער זאָל זיך צו איר ערקלערען.

„יאָ, ווען איך וואָלט קאָנען מיט איר הייראטען”, פלעגט ער זאָגען צו אונז, „וואָלט איך געווען זייער גליקליך”.

אָבער ערקלערען זיך צו איר אַליין, בעטען איר האַנט האָט ער מורא געהאַט, ער האָט ניט געוואָגט, און —

זי האָט חתונה געהאַט מיט אַן אַנדערען.

און וואָס ער האָט געטאָן און וואָס ער האָט געהאַט אינזינען, איז אים אַלץ געשטאַנען אין וועג דער חלום, וואָס ער וואָלט.

געטאָן האָט ער גאָרניט, נאָר פאַנטאַזירט, וואָס ער וואָלט.

היינט איז ער אַן אַלטער בחור און אַ גרויסער קבצן, אָבער ער גייט נאָך אַלץ אַרום קלערענדיג, וואָס ער וואָלט.

און אַזעלכע מענשען געפינט איר אַ סך צווישען יונגעלייט און צווישען מיידלעך און אפילו אויך צווישען זקנים.

אָבער אַלע זיינען זיי צוריקגעשטאַנען אין לעבען, קיינער פון זיי האָט ניט געהאַט קיין ערפאָלג.

ווייל אַזעלכע מענשען זיינען בעלי־חלומות. זיי נעמען ניט דאָס לעבען ווי עס איז, נאָר זיי טראַכטען, ווי עס וואָלט זיין.

און דאָס איז, וואָס מיר אַלע מעגען וויסען.

זאָגט ניט, וואָס איר וואָלט; טוט, וואָס איר מוזט.

רעספעקט צו זיך אַליין און צו אַנדערע

דער געדאַנק פון אַ ימים נוראים׳דיגער תפילה, פון וועלכער אַ משכיל שפּאַט אָפּ.

אין דער נאַצישער אייראָפּע פאַרשפּאַרט אין אַ געטאָ מיט אַ געלער לאַטע אויף דער פּלייצע; אין דער פרייער אַמעריקע ניט צוגעלאָזען צו קיין לייטישען דזשאָב און אויסגעשלאָסען פון די יחסנ׳דיגע „דזשענטייל" האָטעלען — אומעטום באַליידיגט און אין שפלות, קומט פונדעסטוועגען דער איד ראש־השנה און יום־כיפור אין שוהל און מאָנט פון דעם באַשעפער:

„ובכן תן כבוד לעמך" — גאָטעניו, פאָטער, באַוויז דיין פאָלק רעספּעקט, עס הייסט מיר לעכצען נאָך כבוד.

און דער משכיל מיט דעם שפּיציגען בערדעל טייטעלט מיט די פינגער אויף אָט די ווערטער פון דעם פאָלק און בייזערט זיך:

— זעט נאָר וואָס פאַר אַ העזה אונזערע אידען האָבען!! די גאַנצע וועלט חוזק׳ט פון זיי. אומעטום ווערען זיי דערנידעריגט, און זיי ליגט נאָר אין זינען כבוד. פאַרוואָס זיינען מיר אַזעלכע געשטראָפטע, אַז יעדער איד איז ביי זיך אַ יחסן און וויל נאָר כבוד?

און ווי דער אידישער שטייגער איז צו ענטפערען צוריק מיט אַ פראַגע, פרעגען מיר:

— און וועלכער מענש, אויב ער איז אפילו ניט קיין איד, וויל ניט קיין כבוד?

ווארים דער פארלאנג נאך כבוד, דער וואונש רעספעקטירט צו ווערען, איז פארווארצעלט טיף אין הארצען פון יעדען בשר ודם. דער גאנצער פראבלעם פון לעבען איז א קאמף פאר כבוד. און אלע מעשים, וואס ווערען אפגעטאן, סיי די גוטע און סיי די שלעכטע, האבען אין גרונט געגומען איין כונה: ענטוועדער דער מענש וויל זיך דערהויבען אין אלעמענ׳ס אויגען און געווינען פאר זיך זייער רעספעקט, אדער ער מיינט אנדערע צו דערנידעריגען און זיי מבטל צו זיין, כדי אויף זייער חורבן צו בויען פאר זיך דעם טעמפעל פון כבוד.

ווען איינער, למשל, ווערט א פאליטישען און פארקלינגט די וועלט, אז ער טוט אלץ פאר דער טובה פון די בירגער; ווען א צווייטער ארבייט ווי א ביבער צו זיין אן ערפאלגרייכער ביזנעס־מאן, און א דריטער וויל זעהן זיין נאמען געדרוקט אין דער צייטונג, און א פרוי רייסט זיך צו ווערען א „סאסייעטי ליידי“, טוען זיי דאך אלע פאר דעם איין צוועק — צו ווערען גרויס און בארימט און מען זאל זיי געבען כבוד.

ווייל מיר זיינען אלע געזעלשאפטליכע באשעפענישען, און פונקט ווי מיר שפייזען אונזער קערפער מיט עסען און טרינקען, כדי צו זיין פיזיש שטארק, אזוי מוז מען שטארקען די נשמה מיט דעם גייסטיגען שפייז, וואס מען רופט רעספעקט.

און אזוי איז רעספעקט דאס ברויט און זאלץ פון לעבען. רעספעקט אדער כבוד איז אונזער טיפסטע מאראל, ווייל א מענש, וועלכען די געזעלשאפט טיילט צו פיל כבוד, פילט אויף זיך גרויסע מאראלע פארפליכטונגען און דערפאר פארלאנגט א מענש מיט זעלבסטווירדע, מען זאל אים רעספעקטירען. ער פארלאנגט עס ניט ווייל ער איז אן עגאאיסט און האלט פון זיך אן עולם ומלואו, נאר ווייל ער איז מאראליש שטארקער אנטוויקעלט, און אויב דער

פארלאנג נאך רעספעקט איז אן אלגעמיין מענשליך געפיל אפילו ביי גוים, טא פארוואס ניט אויך ביי אונז?

ביי אידען האט מען דוקא געלייגט גרויס געוויכט אויף דעם רעספעקט, וואס מענשען זיינען שולדיג איינער דעם אנדערען. ווען דער ערשטער אידישער קעניג שאול האט געהערט זיין משפט פון דעם נביא שמואל, אז ער פארלירט די קעניגליכע קרוין, האט ער געבעטען:

„כבדני נא נגד זקני עמי ונגד ישראל" — אויב דו האסט שוין יא אוועקגעריסען פון מיר די מלוכה, טא באוויז מיר כאטש פאר די אידישע פירער און דעם אידישען פאלק דעם רעספעקט ווי צו א געוועזענעם קעניג.

און דער בייזער נביא, לויט ווי דער פסוק דערציילט, האט נאכגעגעבען דעם פארלאנג פון דעם אומגליקליכען קעניג, ביי וועלכען זיין כבוד איז געווען טייערער ווי זיין מלוכה.

אדער אט איז נאך א ביישפיל:

ליגענדיג אין זיין לעצטער גסיסה און גרייטענדיג זיך צו פאר־לאזען די זינדיגע וועלט מיט אירע נארישקייטען האט דער גרוי־סער אידישער קעניג דוד צוגערופען זיין זוהן שלמה און אים בא־פוילען צו נעמען בלוטיגע נקמה פון א פאליטישען געגנער, שמעי בן גרא, וועלכער האט אים, דוד'ן, אמאל באליידיגט און ניט גע־וויזען קיין רעספעקט.

אבער ווי איז דאס מעגליך? צי א מינוט פאר'ן טויט, ווען מען גרייט זיך אליין צו גיין אפגעבען דין וחשבון פאר בית דין של מעלה — צי דעמאלט איז די צייט צו פירען קלייגליכע חשבונות מיט אן אלטערען געגנער און פאדערען פאר אים טויט־שטראף?

דאס באווייזט ווי וויט מען האט ביי אידען מקפיד געווען אויפ'ן מענשליכען כבוד, און אזוי האבען פארשטאנען אונזערע

אַלטע קלוגע, וועלכע האָבען געלערענט אין דער גמרא:
„גדול כבוד הבריות שדוחה את לא תעשה שבתורה״, — דער רעספעקט צו מענשען איז אַזוי וויכטיג, דאָס עס פאַרשטופּט אַן דער זייט אפילו די פאַרבאָטען פון דער תורה. דאָס מיינט, אַז אַן אידעלע און רעספּעקטפולע באַציהונג צו מענשען איז מער ווערט ווי צו האַלטען זיך פאַר אַ בן־תורה און זיין אַ גראָביאַן.

און די אידישע חכמים, וועלכע זיינען געוועזען גוטע פּסיכאָ־לאָגען און האָבען געקאָנט די מענשליכע נאַטור, זיינען דאָך גע־רעכט געווען.

ווען אַ מאַן, למשל, באַציהט זיך צו זיין ווייב אידעל און באַ־וויזט, אַז ער רעספּעקטירט איר, פלייסט זי זיך טאַקע זיין רעס־פּעקט צו פאַרדינען דורך ליבע, טרייקייט און אויפהאַלטען דעם שלום בית.

ווען אַ באַלעבאָס רעדט פריינטליך צו זיין אַרבייטער, לויבט די אַרבייט וואָס ער טוט און באַווייזט, אַז ער שאַצט אים אָפּ און פאַרשטייט זיין מענשליכע ווערדע, פילט זיך יענער מונטערער, זיין אַרבייט קריגט פאַר אים אַ טיפערען זין און ער איז שטאַרקער פאַראינטערעסירט אין איר.

רעספּעקט און אידעלקייט צו אַ מענשען דערהויבען אים אין זיינע אייגענע אויגען, גיבען אים זעלבסטווירדע און ער פילט אַ גרע׳סערע אחריות צו דער געזעלשאַפט.

פאַרקערט, ווידער, זאָל אַ מענש פילען, אַז די וועלט פאַראַכט אים און אַלע קוקען אויף אים ווי אויף אַ בזיון, ווערט ער גאָר הפקר און וואַרפט אַרונטער פון זיך יעדע שאַנד, וואָרים זיין חשבון איז אַ פשוט׳ער: סיי ווי האָט אים די געזעלשאַפט אויסגעשפּיגען, טאָ צו וואָס זאָל ער זיך האַלטען אַן דעם געזעלשאַפטליכען לעבענס־שטייגער?

דערפאַר, ווי פיל געלערטע מיינען, זיינען פאַראַן אומגליק־ליכע מענשען, וואָס זינקען פון שטופע צו שטופע און ווערען אַ פאַרברעכער, ווייל די געזעלשאַפט באַהאַנדלט זיי אומפריינדליך און אָהן רעספעקט פאַר זייער מענשליכער ווירדע.

און ווען דער איד קומט ראש־השנה און יום־כיפור אין שוהל בעט ער:

גאָטעניו, פאָטער, גיב דיין פאָלק אַ געפיל צו באַציען זיך מיט כבוד איינער צום אַנדערען. זאָל אַ פאַראיינס־ברודער ניט באַפאַלען דעם ברודער־פרעזידענט מיט זידלעריי און בלבולים; זאָל אַ איד ניט זיין גראָב און עזות׳דיג געגען די אידישע כלל־טוער; זאָל אַ משכיל ניט אָפּשפּאָטען פון אידישע מנהגים און בכלל זאָלען אידען לערנען צו באַהאַנדלען אַ ברודער אידען מיט איידעלקייט און רעספעקט.

„ובכן תן כבוד לעמך״! . . .

אַ צייט צום לערנען און צום אַמוזירען

ווענען די ביכער, וואָס דאַרפען אי אויפקלערען, אי זיין אינטערעסאַנט, אָבער וואו זיינען זיי?

פּרעזידענט וואודראָו ווילסאָן האָט אַמאָל אין זיינער אַ רעדע דערציילט, אַז ווען ער וויל זיך אָפּרוען פון די זאָרגען, מי און אָנשטרענגונג פון דער רעגירונגס־אַרבייט, ווען ער וויל זיך אויף אַ ווײַלע באַפרייען פון דער לאַסט פון זיין אַמט, דאַן פאַר־נעמט ער זיך מיט לייענען אַ פּראָסטע דעטעקטיוו מעשה — און דאָס אַמוזירט אים. ער גיט פאַרצוג — האָט ער געזאָגט — די

אויסלענדישע דעטעקטיוו־ראָמאַנען פון קאָנאַן דאָיל אין ענגליש אָדער פון עמיל גאַבאָריאָ אין פראַנצויזיש.

עס איז ניט נויטיג צו דערציילען, אַז מען קאָן פון אַזעלכע ביכער לערנען זעהר ווייניג חכמה; זיי זיינען אָבער אין דער אמת'ן אַמוזאַנט, רעגען אויף און זיינען, וואָס מען רופט, אַ צייט־פאַרטרייב.

פרעזידענט ווילסאָן, ווי עס איז אַלעמען באַקאַנט, איז געווען ניט נאָר אַ גרויסער מלחמה־פרעזידענט, נאָר אויך אַ גרויסער גע־לערטער, אַ באַרימטער היסטאָריקער, מיט אַ קריטישען בליק, קורץ — זעהר אַן ערנסטער מענש.

און פונדעסטוועגען, ווען ער האָט געוואָלט זיך אַמוזירען, האָט ער געלייענט ניט בייקאָן'ס פילאָזאָפישע דיסערטאַציעס און ניט אַנדערע אַזעלכע שווערע ערנסטע ביכער, נאָר פראָסטע דעטעקטיוו־ראָמאַנען מיט אַלע זייערע ווילדע נאַרישקייטען.

אָדער איר נעמט, צום ביישפיל, שאָפענהויער. מען זאָגט אויף אים, אַז ער איז געווען דער גרעסטער מעטאַפיזישער פילאָזאָף פון זיין צייט. אַחוץ דעם אַ גרויסער שפראַך־קענער און קריטי־קער און ער האָט געלייענט דאָס שעהנסטע און דאָס בעסטע פון אַלע ליטעראַטורען, אַלטע און נייע, זיין סטיל אין ענגליש, אַזוי ווי אין דייטש, איז געווען אַ קינסטלערישער. און אָט דערזעלבער שאָפענהויער איז מודה, אַז זיין בעסטע אַמוזירונג זיינען די נאַ־רישע שונד־ראָמאַנען.

זשאָן זשאַק רוסאָ, דער גרויסער מאָראַל־פילאָזאָף, האָט זיך אַמבעסטען אַמוזירט לייענענדיג פאַרשידענע קינדער־מעשה'לעך, וואָס זיינען געווען געשריבען פון זעהר נאַרישע מענשען.

געטהע האָט געקאָנט אָפזיצען גאַנצע טעג און נעכט אויסצו־הערען די ליגנערישע, פאַנטאַסטישע לאַנד־געשיכטעס פון די וואַלד־וועכטער, מיט זייערע ניט־געשטויגענע, ניט־געפלויגענע מעשיות.

מען דערציילט אויך וועגען הענריק איבסען, אז ער פלעגט ליב האבען גאר אפט זיך אריינצוכאפען אין א קנייפע, דאס מיינט אין א ביליגען שענק, וואו ער האט געקאנט פארבלייבען ביז שפעט אין דער נאכט און אויסהערען די נארישע לידלאך, געזונגען פון ביליגע אקטריסעס מיט שלעכטע שטימען.

און אנטקעגען וואס דערציילען מיר דאס אלץ?

טאקע אנטקעגען דעם, וואס פיל קריטיקער האלטען שטענדיג אין קנייטשען די שטערענס און אין לערנען די מענשען וועלכע ביכער זיי זאלען לייענען און וואס דארף זיין די פאסענדע ליטע־ראטור, וואס זאל זיי אינטערעסירען.

און דער פזמון איז אונז שוין אלעמען באקאנט. א מענש — אזוי זאגען יענע גרויסע קריטיקער, — דארף לייענען א בוך, וואס זאל אים „אויפקלערען און אמוזירען".

עס פארשטייט זיך, זיי מיינען, אז פריער פון אלץ קומט די אויפקלערונג. דאס אמוזירען זיך איז, הייסט עס, א שפעטערדיגע מעשה.

און ווי איז דער דין, ווען דער לעזער וויל זיך דוקא פריער אמו־זירען און נאכדעם זוכען אויפקלערונג?

טאר מען דאס ניט, הייסט עס, און ביכער פון דעם סארט שטייען אונטער דער קריטיק.

געוויס, די מיינונג פון יענע קריטיקער קאן מען ניט אוועק־מאכען מיט דער האנט. אבער די פראגע איז, וואו נעמט מען אזעלכע ביכער, וואס זאלען אי אויפקלערען אי אמוזירען, ווי די דאזיגע קריטיקער פארלאנגען?

מען וויזט געווינליך אן אויף די ווערק פון די גרויסע לי־טעראטען: שעקספיר, בייראן, שעלי, וויקטאר הוגא, זאלא, שילער, געטהע, דאסטאיעווסקי, טורגעניעוו און אנדערע אזעלכע קלינגענ־

דיגע נעמען — ווער האט זיי ניט געהערט ? און וועלכער אינטע־ליגענטער מענש האט ניט געהאלטען פאר זיך ערשטער און היי־ליגסטער פליכט זיי צו לייענען ?

זיינען אלע זייערע מייסטערווערק אוודאי זעהר אויפקלערענד, נאר צי זיי זיינען אמוזירענד — איז אן אנדער פראגע, אויף וועל־כער עס איז ניט גאר לייכט צו ענטפערען.

מען דערציילט, אז מיט יארען צוריק, ווען עס איז ערשינען זאלא׳ס ראמאן „לורד״, האט א גרויסער קריטיקער זיך אזוי שטארק באגייסטערט פאר דעם בוך, דאס ער האט רעקאמענדירט זיינער א באקאנטער דאמע, אן אוניווערזיטעט־געענדיגטע, דאס זי מוז עס אומבאדינגט לייענען.

ווער עס האט געלייענט „לורד״, ווייסט, אז עס איז אפשר דער נאטורעלסטער ראמאן, וואס זאלא האט ווען געשריבען. עס איז א שילדערונג פון דעם פאלקס אבערגלויבען איבער דער „מקוה״ פון לורד, וואו מיליאנען גלויביגע קאטוליקען פארען „געהאלפען״ צו ווערען פון דעם הייליגען וואסער, וואס גאט׳ס מאמע מאריע האט געבענשט.

האט יענע פראנצויזישע דאמע, די פריינדין פון דעם קריטי־קער, אין עטליכע וואכען ארום צוגעשיקט אים א בריוו, אין וועלכע זי האט צו אים געשריבען אזוי :

„איך האב איך געפאלגט און זיך געזעצט לייענען ‚לורד׳. איך האב עס אנגעהויבען אפשר צען מאל און מיט גוואלט אריינגע־לייענט ביז פופצען זייטען, אבער מער קאן איך עס ניט לייענען. מיר דאכט, דאס אזא נודנער בוך איז מיר נאך קיינמאל אין האנט ניט געקומען״.

דאס מיינט, באלערענד איז עס טאקע, „לורד״ מעג זיין זעהר באלערענד, נאר פאר יענער דאמע און פאר טויזענטער אנדערע

איז עס ניט אינטערעסאַנט געגוג. ווייל ניט אַלץ קאָן יעדען אַמו־זירען. אפילו דער גרעסטער קינסטלער קאָן ניט אַלע מאָל שרייבען אי באַלערענד, אי אינטערעסאַנט.

עס דאַרף נישט זיין ביי קיינעם קיין צווייפעל, אַז צו זען שעקספיר׳ס, איבסען׳ס אָדער הויפטמאַן׳ס אַ דראַמע איז זעהר באַ־לערענד, פונדעסטוועגען ווערט איר זען גאַנץ געבילדעטע און פאַר־נינפטיגע מענשען, וועלכע אַנשטאַט צו גיין זען אַזאַ דראַמע, גייען זיי בעסער אין די מואוויס, וואו עס ווערען פאַרגעשטעלט אַלטע אויסגעדראָשענע ליבעס אָדער מעשיות פון דער ווילדער וועסט מיט אינדיאַנער.

און וואָס קאָן מען פון דעם לערנען ?

אַז די גרויסע קריטיקער דאַרפען ניט זיין נאָכאַנאַנד שמן־זית׳דיג און ניט פאָדערען פון דער ליטעראַטור כולה תכלת. מען קאָן ניט אייביג קריטיקירען די מאַסען פאַרוואָס זיי לייענען ניט בלויז גוטע ליטעראַטור און באַזוכען ניט קלאַסישע פאַרשטעלונגען. די גרויסע מענשען ווילען אויך ניט אַלעמאָל לערנען — זיי ווילען זיך אויך אַמוזירען.

וועגען ספרים און זייערע לייענער

און אידען זיינען פאַראַן, וואָס שאַפען זיך איין ספרים ניט צום לייענען, נאָר פאַר אַ צירונג.

Dי אַלטע לערער זאָגען: „אפילו אַ ספר־תורה אין היכל הענגט אָפּ פון מזל“, און זיי מיינען דערמיט ניט דוקא די ספר־תורה אין שול, נאָר בכלל יעדען אידישען ספר אין אַ אידיש הויז.

און וועגען דעם מזל פון אידישע ספרים אין געוויסע אידישע הייזער ווייסט דער שרייבער פון דעם בוך צו דערציילען אַט די פאַל־גענדע אמת'ע געשיכטע:

ער האָט אַמאָל באַזוכט צוליב ביזנעס אַ באַקאַנטען באַלעבאָס, אַ געזעלשאַפטליכען טוער, וועלכער שמ'ט אין שטעטעל פאַר אַן עושר און אויך פאַר אַ למדן און משכיל. האָט דער חשוב'ער איד אויפגענומען דעם אורח מיט עכט־אידישער גאַסטפריינדליכקייט, און נאָך אַ לענגערען שמועס האָט ער אים געפירט ווייזען זיין ביבליאָטעק.

„איך קויף פון יעדען מחבר, וואָס קומט צו מיר מיט זיין ספר", האָט דער חשוב'ער באַלעבאָס גערעדט מיט גדלות. „זיי קומען דורכ'ן ווינטער יעדען טאָג, רבנים, דרשנים און מאָדערנע פּאַרפאַסער, און איך האָב נאָך קיינעם ניט צוריקגעוויזען, כאָטש זייערע ספרים לייען איך ניט."

און עס איז געווען קענטיג, אַז דער איד זאָגט דעם אמת. די ספרים אין דער שאַפע זיינען געווען ניי, פריש, ווי אַקאָרשט פון דרוק אַרויס און נאָך פון קיין מענשליכער האַנט ניט באַרירט. אין די מערסטע פון זיי זיינען נאָך אפילו די בלעטער געווען ניט אויפ־געשניטען. און אויף דער זעלבער פּאָליצע האָבען זיך ביי דער זייט פון „גרעץ" געפונען „די געהיימניסען פון רוסישען הויף". עס איז געווען קלאָר, אַז דער אינהאַלט פון זיינע ספרים איז אים פרעמד, דעם חשוב'ען באַלעבאָס.

„ווי געפעלט איך מיין ביבליאָטעק?" פרעגט ער דעם שריי־בער, דערוואַרטענדיג מסתמא צו הערען אַ פיינעם קאָמפּלימענט.

„אַ סך ספרים", ענטפערט יענער פאַרדריסליך, „נאָר זיי וואָל־טען מיר בעסער געפעלען געווען, ווען זייערע רוקענס וואָלטען געווען אָפּגעריסען, די גליונות פאַרשריבען און די שורות אונטער־

געצייכענט. דאָס וואָלט באַוויזען, אַז מען באַנוצט און מען לערענט זיי. אָבער אייערע ספרים האָבען ניט קיין מזל, מען לייענט זיי ניט, זיי שטייען עלענד און פאַר'יתומ'ט, און איך זע ניט איין דעם שכל צו וואָס איר זייט זיך מרבה בהוצאה און קויפט ספרים, אויב מען נוצט זיי ניט."

אוודאי איז עס אַביסעל אַ צו־שאַרפע קריטיק פאַר אַ גאַסט, וואָס קומט אין אַ פרעמד הויז. אָבער דאָס איז געווען ניט זיין אייגענע מיינונג. ער האָט נאָר אויסגעברייטערט דעם געדאַנק פון אַ גרויסען תנא, שמעון בן מנסיה, וועלכער פלעגט זאָגען: „איר זייט ניט אָוועקגעגעבען געוואָרען צום שבת, נאָר דער שבת איז איבערגעגעבען צו אייך", און דאָס מיינט, אַז אַ איד טוט ניט קיין מלאכה און איז שבת'דיג ניט ווייל דער שבת צווינגט אים און פאַרשאַפט אים אומבאַקוועמלעכקייטען, נאָר פאַרקערט — שבת ברענגט רו, כדי דער איד זאָל זיין פריי, זיך אויסטאָן פון דעם וואָכעדיגען עול און הנאה האָבען פון לעבען".

און פונקט ווי דער איד איז ניט באַשאַפען פאַר'ן שבת, נאָר דער שבת איז געשאַפען פאַר'ן אידען, פאַר זיינע נוצען און זיין טובה, אַזוי זיינען אַלע אינסטיטוציעס און מענשליכע אויפטוען געשאַפען פאַר דעם צוועק צו פאַרלייכטערען דעם מענשענ'ס לעבען און אים ברענגען צופרידענקייט און גליק. אויב אַן אינסטיטוציע פאַרפעלט איר באַשטימטען צוועק, איז די סברא מחייב, אַז אַזאַ אַנשטאַלט פאַרלירט דאָס רעכט אויף זיין עקזיסטענץ.

אַרויסגייענדיג פון אָט דעם שטאַנדפונקט הייסט עס, אַז די אינסטיטוציע, וואָס מען רופט אַ מענשענ'ס היים, איז געשאַפען פאַר דער פאַמיליע און ניט די פאַמיליע פאַר דער היים. מוזען די עלטערען שאַפען אַן אַטמאָספערע פון ליבע און פאַרשטענדעניש צווישען די פאַמיליע־מיטגלידער, לערנען די קינדער גוטע מידות

און געבען זיי אַ גוטע דערציאונג. די דערפאַרונג האָט שוין לאַנג געלערנט, אַז וואו טאַטע־מאַמע קריגען זיך אַרום און די קינדער וואַקסען־אויס הפקר, האָט די רייכסטע היים קיין האָפט ניט און מוז צעבראָכען ווערען.

די שול איז געשאַפען געוואָרען פאַר דער קהלה און ניט די קהלה פאַר דער שול. מוז אַ אידישע שול זיין די נשמה פון דער קהלה און ברענגען צום אויסדרוק אַלץ וואָס איז שייך אין דעם אי־דישען לעבען, זאָרגען פאַר דער אידישער דערציאונג פון דעם יונגוואַרג, דערנענטערען די דערוואַקסענע צו זייער אידישען מקור, באַטייליגען זיך אין אַלע אידישע פּראָבלעמען און אויך העלפען די אָרימעלייט פון דער קהלה. אַ אידישע שול דאַרף זיין דער צענ־טער פון דעם אידישען לעבען און טראָגען הויך די אידישע אידעאַלען.

אויב איר בויט אייער שול אויף דעם שטייגער פון געוויסע קליינשטעטעלדיגע קהלות, וואָס עפענען דעם טעמפּעל נאָר אין אַ יום־טוב פון „יזכור" און אין די ימים־נוראים — טאָ צו וואָס דאַרפט איר גאָר די גאַנצע שול־מאַשינערי מיט'ן ראַבאַי, מיט'ן פּרעזי־דענט, מיט די מיטינגען און מחלוקות? די שול וועט דאָך פריער אָדער שפּעטער סיי־ווי־סיי אונטערגיין, ווייל די מענשען האָבען זי געשאַפען, אָבער זי האָט זיי גאָרניט געגעבען.

מיט אַט דער הנחה, אַז אַלץ וואָס עס איז פאַראַן אין לעבען, דאַרף זיין פאַר די נוצען פון דער געזעלשאַפט און פאַר איר טובה, איז עס קלאָר, אַז ביכער זיינען געשאַפען פאַר מענשען און ניט דער מענש פאַר די ביכער, און יענער חשוב'ער באַלעבאָס, וואָס קויפט ספרים און לייענט זיי ניט, איז פאַר זיי גאָר אַ פּראָסטער משרת, גיט אַוועק פאַר זיי זיין געלט און זיין פּלאַץ אין הויז און

שפּיגעלט זיך מיט זיי, אָבער זיי גיבען אים גאָרניט און זיי זיינען פאַר אים אומניצליך.

און מער אַזעלכע טשיקאַווע אידען זיינען פאַראַן, וואָס האַלטען ספרים פאַר אַ צירונג, ווי זייער ווייב איר דזשולערי. אָבער ספרים דאַרף מען לייענען און לערנען, זיך פאַרטיפען אין זיי און ניט מורא האָבען, אויב זיי ווערען אָפּגעניצט. פאַרקערט — קנייטשט די בלעטער, שרייבט ביי די זייטען, מאַכט אייערע באַמערקונגען, וואָס עס געפעלט אייך יאָ און וואָס אייך געפעלט ניט, און דערגרונטעוועט זיך צו דער נשמה פון דעם פּראָפעסער. אויב איר אַליין האָט ניט קיין חשק צום לייענען, טאָ באָרגט אַוועק אייערע ספרים צו אַנדערע, אפילו ווען איר זייט חושד, אַז איר וועט זיי ניט צוריקקריגען. אָבער ספרים זיינען דער שפּיגעל פון מענשליכען געדאַנק, וואָס מען מוז לייענען.

נאָר אַזאַ מזל האָבען די ספרים — עס הענגט אָפּ צו וועמען זיי פאַלען אַריין.

ניטאָ קיין פּראָגרעס אָהן אַרבעט

אָבער אַ סך מענשען זוכען צו געניסען וואָס מער פאַרגעניגען און צו טאָן וואָס ווייניגער אַרבעט

דער פּרימיטיווער מענש פון דעם שטיין־אַלטער, אָדער ווי די וויסענשאַפטסלייט רופען עס פון דער פּאַלעאָליטישער צייט, האָט אויסגעזען ניט אַנדערש פון דער גאָרילאַ־מאַלפּע.

איר האָט דאָך מסתמא אַמאָל געזען אַ גאָרילאַ אין אַ מוזיי, צי אין אַ צירק.

גרויס, אומגעלומפּערט, מיט אַ באַוואַקסענעם שטערן, מיט אַ

פלאַטשיגען נאָז, מיט אַרויסגעשטאַרטשעטע באַקען־ביינער און מיט גרויסע חיה׳שע ציינער — אַזוי די גאָרילאַ, אַזוי אונזער עלטער־עלטער זיידע פון אַ סך טויזענטער יאָרען צוריק.

פונדעסטוועגען איז צווישען יענעם פרימיטיווען מענשען און דער ריזיגער מאַלפּע דאָך געווען אַ גרויסע נפקא מינה.

די גאָרילאַ האָט געהאַט אַ פּאָר אייזען־שטאַרקע הענט — אַזוי שטאַרק, דאָס זי האָט מיט זיי געקאָנט דערווערגען אַ טיגער.

און איר ברוסט אַ ברייטע, אַ מעכטיגע, און אַז זי האָט אַרויס־געלאָזען אַ ברום, האָט מען עס געהערט פאַר מיילען ווייט.

און לייבען און אַלע ווילדע חיות האָבען פאַר איר געציטערט. די גאָרילאַ איז פּאַקטיש געווען דער קעניג פון וואַלד, און ווי אַ קעניג איז זי געווען שטאָלץ און צופרידען מיט זיך.

וואָס האָט איר דען געפעלט? אַלע האָבען פאַר איר מורא געהאַט, טאָ וואָס נאָך דאַרף זי? וואָס נאָך האָט זי צו זוכען?

האָט זי טאַקע מער גאָרנישט געזוכט און גאָרנישט פאַרלאַנגט און איז ביז אויף היינטיגען טאָג פאַרבליבען די זעלבע מאַנקי.

אמת, גרויס און קרעפטיג, מיט אַ פּאָר אייזען־שטאַרקע הענט, אָבער דאָך אַ מאַלפּע.

מיט אונזער עלטער־עלטער־זיידען, דעם פרימיטיווען מענשען, איז אָבער די געשיכטע געווען אַנדערש.

מיט זיין קערפּער־געבוי און מיט זיין שכל איז ער טאַקע געווען עהנליך צו דער גאָרילאַ, אָבער ווייט ניט אַזוי קרעפטיג ווי זי. ער איז געווען שוואַכער פון יעדער ווילדער חיה אין וואַלד, און זיין לעבען איז שטענדיג געווען אין געפאַר.

איין פאַלשער טריט, איין אומפאָרזיכטיגער ריר, האָט אים גע־בראַכט דעם טויט.

וואָס איז דעם אָרימען אור־מענשען איבערגעבליבען צו טאָן?

כדי ניט אונטערצוגיין האָט ער גענומען זוכען אַלערליי מיט־לען זיך צו באַשיצען פון די סכנות וואָס האָבען געלויערט אויף אים.

ער האָט געלאָזט האַלטען אָפען די אויגען, אַלץ זען, באַ־באַכטען, אָפּלערנען, פאַרשטיין און באַגרייפען וואָס ער דאַרף טאָן און וואָס ער דאַרף ניט טאָן.

קורץ, ער האָט געמוזט שלייפען זיין אומגעהובעלטען מוח און געפינען אַלץ נייע מיטלען, כדי ניט אונטערצוגיין אין דעם מורא׳־דיגען קאַמף פאַר׳ן דאַזיין.

און ער האָט אַזוי לאַנג געשליפען זיין מוח און געזוכט און געפאָרשט און געקליבען ערפאַרונגען, ביז מיר, זיינע אור־אור־אייניקלעך, האָבען באַהערשט די וועלט און זיינען געוואָרען, אַזוי צו זאָגען די קרוין פון דעם גאַנצען באַשאַף.

מיר האָבען דערגרייכט צו דער הויכער מדרגה פון ציוויליזאַציע, ווייל אונזערע אור־עלטערן האָבען געזוכט, געפאָרשט און אַלץ אויספּרובירט.

די נויט האָט זיי געטריבען צו זוכען און צו שאַרפען זייערע חושים, בעת זייער קאָזין די גאָרילאַ איז אין דעם לוקסוס פון איר קערפּערליכער קראַפט געבליבען פאַרגליווערט אין איר מאַנקישען צושטאַנד.

דאָס הייסט, פאַר אונזער היינטיגען פּראָגרעס האָבען מיר צו פאַרדאַנקען אונזערע אור־עלטערען, וואָס האָבען שווער געאַרבייט און געזוכט אַלץ נייע וועגען צו פאַרזיכערען און פאַרפיינערען דאָס לעבען.

אַרבעטען מיר אויך אַזוי ווי זיי? זוכען מיר אויך ווייטער צו פירען דעם פּראָגרעס פאַר די צוקונפטיגע דורות, ווי אונזערע אור־עלטערען האָבען געטאָן פאַר אונז?

אַ סך פון אונז ווערען, וואָס מען רופט „ריטיירד מוירטשענטס״.

דאָס זיינען מענשען וואָס האָבען אין זייערע איינגערע יאָרען אָנ־געקליבען געלט, און ווייל זיי זיינען זיכער, אַז זיי וועלען ניט דאַרפען שטאַרבען פון הונגער, זיינען זיי ווי די גאָרילא, וואָס איז צופרידען מיט איר מאַנקישען צושטאַנד, ווייל זי דאַרף קיין מורא ניט האָבען פאַר די חיות אין וואַלד.

אויך זיי, יענע „ריטיירד מוירטשענטס", זיינען מיט זיך צו־פרידען און האַלטען יעדע אַרבייט פאַר איבעריג. זיי זיינען וואָס מען רופט אוכלים ואינם עושים. הנאה האָבען פון לעבען — דאָס יאָ: אַרבייטען אָבער זאָלען אַנדערע.

מיר קענען אַזאַ „ריטיירד מוירטשענט".

געווען אַ פיינטער, געמאַכט אין ריעל עסטייט מסחר אַ 25 טויזענט „ראַט", פאַרליהען עס אויף 8 פראָצענט און — ער איז צופרידען. ער דאַרף מער גאָרנישט טאָן, זאָגט ער.

און ווען מיר האָבען אים געפרעגט צי, דענקט ער ניט, אַז אַ געזונטער, מיטעל־יעריגער מענש ווי ער, דאַרף נאָך עפּעס טאָן צו זיין ניצליך פאַר דער וועלט, אָדער ווייניגסטענס פאַר זיינע איי־גענע קינדער — האָט ער פאַרקוועטשט מיט די פּלייצעס און גע־ענטפערט:

„עט, וואָס מיר די וועלט? און וואָס עס איז שייך צו קינדער, איז עס אַמעריקע. יעדער דאַרף אַרבייטען פאַר זיך. סיי ווי האָט מען דאָ גאָר ניט פון קינדער".

און ער איז ניט דער איינציגער פון זיין מין, אונזער פיינטער־ריטיירד מוירטשענט. גאָר אַ סך זיינען דאָ ווי ער וואָס גייען אַרום ליידיג און לויז און טוען גאָרניט.

אָדער אויב זיי האָבען ניט בכוח צו ריטייערען, טראַגען זיי זיך אַרום מיט דעם אידעאַל צו ווערען ריטיירד און גאָרניט טאָן.

זייערע אור־עלטערען האָבען שווער געאַרבעט און שטענדיג געזוכט, כדי אויסצוטרעטען אַ וועג פאַר'ן מענשליכען פּראָגרעס.

זיי האָבען אָנגעשטרענגט אַלע זייערע חושים, געבראַנעוועט און געאָקערט זייער שכל און פאַרזעהט די זריעה פון מענשליכען פאָרטשריט.

זיי, די אור־אייניקלעך, אָדער וויניגסטענס אַ גרויסע טייל פון זיי, זיינען ווי די גאָרילאַ, זיי זיינען צופרידען ווי עס איז, אַבי ניט דאַרפען אַרבעטען.

ניט אַרבעטען און ניט זוכען איז איבערהויפט אַ טענדענץ פון דער היינטיגער צייט. דער ביזנעסמאַן אין זיין געשעפט חלומ'ט פון דער גליקליכער צייט ווען ער וועט קאָנען ריטייערן.

דער באַאַמטער אין דעם גרויסען אָפיס ציילט שוין די טעג, ווען ער וועט אַרויס אויף פענסיע און ניט דאַרפען מער אַרבעטען.

און דער דורכשניטליכער אַרבייטער שטייט כסדר און קעמפט פאַר וויניגער אַרבעטס־שטונדען, צו וואָס ער איז, לויט דער היינטיגער אָרדנונג, געוויס באַרעכטיגט.

מיר האָבען געזען אין מערערע שטעטלעך אַפּ־סטייט, אַרבעטער פון געוויסע טרעידס, און דוקא גוי'אישע אַרבעטער, וואָס האָבען אַרונטערגעבראַכט דעם אַרבעטס־טאָג, וואָס זיי שאַצען אין 14 ביז 16 דאָלאַר, דורכשניטליך צו 5 שטונדען און נאָך וויניגער.

אָבער ווען אונזערע אור־עלטערען וואָלטען ניט געאַרבעט און געזוכט וואָלטען זיי געווען לאַנג אונטערגעגאַנגען, און ווען די היינטיגע מענשהייט זאָל וועלען, ווי מען רופט עס ריטייערן, וועלען די קינפטיגע דורות מוזען זיך צוריקקערען צום פרימיטיווען צושטאַנד.

ווייל ציוויליזירטע מענשען, וואָס ווילען דאָס לעבען פאַרשענערען און פאַראיידלען מוזען אַלע מאָל אַרבעטען, זוכען, פאָרשען און שטרעבען.

אַנדערש מוז דער מענש אַרונטערזינקען צו דעם צושטאַנד פון אַ מאַלפּע.

טאַטע־מאַמעס רחמנות צו די קינדער

אָבער אַ מאַמע ווייס ניט ווי צו ליבען אירע קינדער, זאָגט אַ קלוגער קעניג. — אונזער אייזען קרעמער

ווען דוד המלך האָט געשאַפען זיין באַרימטען שפרוך „כרחם אב על בנים״, איז זיין פעלדמאַרשאַל יואב — אַזוי דערציילען די פרומע ספרים — געשטאַנען פאַרוואונדערט און געפרעגט: ווי קומט אַ קלוגער קעניג צו אַזאַ שטות?

און לויט דעם לשון פון מדרש, האָט יואב געזאָגט אַזוי:

„אמא רחמא עלון סגי. היא מצטייפא עליהון בעיבודא ועל מתברא דהיא מרבא להדן בביתא דהוא אמר כן״! — די רחמנות פון אַ מאַמען איז געוויס גרעסער ווי פון אַ טאַטען, האָט יואב גערעדט קריטיש; די מאַמע שווייגערט, געבערט, זויגט, האָדעוועט און ער זאָגט גאָר, אַז דער טאַטע איז רחמנות׳דיגער. איך מוז אויסגעפינען דעם אמת.

האָט יואב, דערציילט דער מדרש, זיך אַרויסגעלאָזט איבער דער אידישער מדינה און זיך באַזעצט ביי אַן אָרימער פאַמיליע: דער טאַטע אַ שוואַכער אַלטיטשקער און אַ בעל מטופל מיט אַ ווייב און צוועלף זיהן, וועלכע זיינען אַליין אַרומגעגאַנגען ליידיג און לויז און געלעבט אויף דער פראַצע פון דעם אַלטען מאַן, וואָס האָט שווער געאַרבעט אויף אַ פרעמדען פעלד פאַר קלעגליכע שכירות.

— מיין פריינט, — האָט יואב אין אַ געוויסען טאָג געזאָגט צו דעם אַלטען, — אין אייערע יאָרען דאַרף אַ איד שוין זיך אָפּרוען און די קינדער זאָלען פאַר אים אַרבעטען, און אויב איר האָט נאָך קליינע קינדער מפרנס צו זיין און די גרויסע ווילען אייך ניט

דערנערען, טאַ גיב איך אייך הונדערט רענדלאַך און פאַרקויפט מיר איינעם פון זיי, וועט איר כאַטש אייער לעצט ביסעל יאָרען פאַרלעבען אין רחבות און אָהן זאָרג. פאָלגט מיר און נעמט מיין עצה.

— פאַרקויפען אַ קינד?! — דער אַלטער האָט גאָר זיך פאַר־ברוגז׳ט און מער קיין וואָרט ניט געוואָלט אויסרעדען צו זיין אורח.

איז יואב, דערציילט וויטער דער מדרש, געגאַנגען מיט דעם זעלבען פאָרשלאָג צו דער מאַמען, מיט וועלכער ער האָט שוין גע־האַט מער גליק, וואָרים פרויען, ווי באַקאַנט, לאָזען זיך לייכט איבעררעדען און געלט האָבען זיי אויך האָלד מער ווי דער מאַן. האָט די גוטע מאַמע פון מדרש צוגענומען די הונדערט רענדלעך, זיך אַ ביסעל אויסגעווינט און פאַרקויפט דעם פרעמדען אירען אַ זוהן.

שפּעטער, ווען דער טאַטע האָט ערפאַרען פון דעם מסחר, האָט ער געכאַפּט אַ געווער, זיך נאָכגעיאָגט נאָך יואב׳ן, אַ וואָרף גע־טאָן צו אים די הונדערט רענדלעך און געדראָעט אים צו מער־דערען, אויב ער וועט אים ניט צוריקגעבען זיין זוהן.

נאָך דער סוף פון דער מעשה איז דאָ ניט וויכטיג. פאַר דעם אידישען פעלדמאַרשאַל איז געווען דער עיקר צו ערפאַרען, אַז אַן אַלטער טאַטע האָט מפרנס געווען אַ זוהן אַ דאַרמאַיעדניק און האָט זיך נאָך איינגעשטעלט פאַר׳ן בנ׳אַק, אַז אים זאָל גאָרניט געשען.

און יואב, אַזוי פאַרענדיגט דער מדרש, האָט זיך איבערציינט פון דוד המלכ׳ס שפרוך, אַז ניט די מאַמע, נאָר דער טאַטע פאַר־שטייט ווי אַזוי צו באַווייזען זיין רחמנות צו די קינדער.

און אַ פשוט׳ער אַמעריקאַנער איד האָט גאָר אויף אַן אַנדער אופן געוואָלט אויסטייטשען דעם „כרחם אב על בנים“, נאָר די

אייגענע ווייב האָט אַלץ קאַליע געמאַכט.

דער איד איז ניט קיין פרעמדער. די מערסטע קענען אים און וואָס מיט אים האָט פּאַסירט, קאָן פּאַסירען מיט אַנדערע אויך. ער איז געקומען קיין אַמעריקע אַ גרינער, האָט יאָרענלאַנג אויסגעטאָן אַלע עבודות פרך ביז ער האָט זיך אַרויפגעאַרבעט אויף אַן אייזען־קראָם אָדער ווי מען רופט עס אין אַמעריקע, אַ „האַרד־ווערי״.

קיין מיליאָנער איז אונזער איד נאָך ניט געוואָרען ביז היינטיגען טאָג; נאָר מיט דעם פאַרבעסערטען מצב האָט, ווי עס פאַרשטייט זיך, געביטען זיך אויך דער לעבענס־שטייגער. די פרוי, וועלכע האָט פריער געלעבט אין אָרימקייט, האָט זיך איינגעקויפט אין סאָסייעטי, געוואָרען אַ „ליידי״ פון דער געזעלשאַפט און אָנגעהויבען פירען אַ רייך הויז; די דריי קינדער, אַלע אינגלעך, זיינען געבוירען אין וואוילשטאַנד און פון קיין אָרימקייט האָבען זיי ניט געוואוסט, האָט די מאַמע זיי געשטופּט צווישען אַריסטאָקראַטישע חברים און אַזוי איז אונזער איד אַריינגעפאַלען צווישען די גבירים.

פונדעסטוועגען, ווען די אינגלעך זיינען אַביסעל עלטער געוואָרען, האָט דער טאַטע אָנגעהויבען פאָדערען, אַז זיי זאָלען קומען אים העלפען אין זיין אייזען־קראָם, ווייל קינדער — אַזוי האָט ער גע׳טענה׳ט — דאַרפען פון זייער יוגענט אָן לערנען צו טאָן נוצליכע אַרבעט, וואָס לייגט אַרויף אויף זיי אַ געוויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט, און זאָלען זיי אויך וויסען דעם ערנסט פון לעבען. עס קומט קיינמאָל ניט אַרויס קיין גוטס, ווען מען לאָזט קינדער פון וואוילטאָג וואַקסען ווי ווילדע ציגען.

— איז וואָס ווילסטו? מאַכען זיי פאַר אייזען־קרעמער?! — האָט די אַריסטאָקראַטישע מאַמע געשוימט. — איך קען דאָך דיך ניט פון היינט. אַנשטאָט צו דערהויבען די קינדער און פירען זיי

וואס העכער, ווילסטו זיי שלעפען אויף צוריק און מאכען זיי וואס נידעריגער. אבער איך זאג דיר, אז דאס וועט קיינמאל ניט זיין, ניט אזוי לאנג ווי איך וועל לעבען. אונזערע קינדער וועלען אין דיין אייזען־קראם ניט ארבעטען. דו קאנסט די שאנד מיר ניט אנטאן.

און א פרוי, ווי באקאנט, האט דאס לעצטעווארט, און די אריסטאקראטישע מאמע פון דעם אייזען־קרעמער׳ס קינדער האט אויסגעפירט דאס אירינע. די אינגלעך זיינען געוואקסען לגמרי אהן פארשטענדעניש פאר׳ן לעבען און פרעמד צו דעם אייגענעם טאטען, אויף וועלכען זיי קוקען נאך ווי אויף א כשר׳ע בהמה, וואס דארף זיך לאזען מעלקען.

יארען זיינען אוועקגעגאנגען און די דריי זיהן האבען אויס־געשטודירט: איינער אויף לאיער, א צווייטער אויף דאקטאר און דער דריטער אויף דענטיסט — פון וועלכע אנדערע פראפעסיעס וויסען אונזערע אידען פאר זייערע קינדער? — און פיינע אפיסעס האט דער אייזען־קרעמער פאר זיי געעפנט, אבער צו זייערע חתונות האבען די דריי בנים זייערע עלטערען ניט איינגעלאדען.

נאר דאס איז א באזונדערע געשיכטע, וואס וועט אפשר דער־ציילט ווערען אן אנדער מאל. די „גימעל אחים" האבען זיך גראד פארליבט אין מיידלעך, וואס האבען פיינט געקראגען די שווער און שוויגער נאך איידער זיי האבען זיי געזען. און עס איז דאך ניט נויטיג צו דערציילען דאס אזעלכע מיידלעך זיינען גרויסע קינסט־לערינס צו פארפלעכטען זייערע בחורים אין א נעץ פון אייביגער שנאה צו די אייגענע עלטערען, וועלכע זיי ווילען מער קיינמאל ניט אנזען. און אונזער אייזען־קרעמער, וועלכער איז א איד, וואס האט אמאל געלערענט, באמערקט אפט מיט גאלגען הומאר:

— רחל מבכה על בניה, — מיין רחל וויינט איבער אירע זיהן,

וועלכע זי קאָן ניט זען, ווייל די שניר דערלאָזען איר ניט.

און די געשיכטע פון אונזער איזען־קרעמער איז די גע־שיכטע פון אַ סך אידען, וואָס באַווייזט, אַז דוד המלך איז טאַקע געווען אַ חכם מיט זיין כרחם אב און ניט מיט כרחם אם.

ווען מענשען באַפאַלט אַן אומגליק

מוז דער איינצעלנער מענש בטל ווערען אין דעם כלל? — עס וואָלט געקאָנט זיין ערגער.

ווען 6 מיליאָן אידען זיינען אומגעבראַכט געוואָרען מיט גרויליכע, משונה׳דיגע טויטען; ווען מיליאָנען אַנדערע מענשען, טאַטעס און זין, זיינען ווי אויסגעקאָסעטע זאַנגען געפאַלען אויף אַלע שלאַכטפעלדער, און ווען די גאַנצע וועלט איז געווען פאַר־וואַנדעלט אין איין גרויסער מענשען־יאַטקע, ווי קאָן אין אַזאַ צייט מאַכען אַ רושם דער טויט פון אַן איינצעלנעם, פון אַ יחיד, וואָס שטאַרבט אויפ׳ן בעט אין זיין היים? און צי איז עס ניט אַ צייכען פון ענגען עגאָאיזם, ווען מען גיט זיך איבער צום טרויער איבער דעם פאַרלוסט פון אַ פרט, פאַרגעסענדיג אין די מיליאָנען קרבנות פון דעם וועלט־חורבן?

דאָס איז דער טרייסט, וואָס גוטע פריינט האָבען, מיט דער בעסטער כונה, געבראַכט צו אַלטע עלטערען, וועלכע האָבען פאַר־לאָרען אַ טאָכטער אין דעם בלי פון איר לעבען. און אין דער היינטיגער אומגליקליכער צייט הערט מען אָפט אַט דעם ניחום אבלים, אַז דער טויט פון אַ יחיד מוז פאַרגעסען ווערען אין דעם

טרויער איבער די קרבנות פון דעם וועלט־אומגליק. און ווען דער גרויזאַמער שניטער, דער טויט, באַפאַלט אַ משפחה; ווען ער רייסט אַוועק דעם ברויטגעבער פון דעם הויזגעזינד, ווען ער באַרויבט יונגע עופ׳עלעך פון זייער מאַמען, ווען אויף די עלטערע יאָרען פאַרלירט מען דעם חבר אין לעבען, דאַרף מען, הייסט עס, לויט די מאָדערנע טרייסטער, פונדעסטוועגען ניט האָבען קיין תרעומות, נאָר אָננעמען אַלץ פאַר גוט — מען זאָל זיך אַראָפּנעמען אַ מוסר פון דעם מורא׳דיגען וועלט־חורבן.

אָבער דער וועלט־חורבן איז אַ צרת רבים, דער גאַנצער מענש־ליכער מין איז געטראָפען געוואָרען פון דער צרה, אַלע זיינען אין איר שותפים, און דאָס איז אפשר אַ שטיקעל נחמה, וואָס יעדער האָט אין איר אַ חלק און די מאוימ׳דיגע לאַסט פאַלט ניט אויף איינעם.

דער יחיד אָבער געהערט צו זיין הויזגעזינד אַליין. ער איז דער נאָענטער, דער אייגענער, אַ ביין פון זייער ביין, פלייש פון זייער פלייש. ער איז אַריינגעוואַקסען און אַריינגעוועבט אין זייער לעבען, אין זייער „איך״, און ווען דער אכזריות׳דיגער טויט רייסט אים אַוועק פון זיי, רייסט ער מיט אַ שטיק פון זייער נשמה צו־זאַמען מיט זייערע שענסטע האָפענונגען. אַזוי אומגעפער טענה׳ט דער פיל־פאַרליטענער איוב:

„די גרוב איז מיין טאַטע, און מיין מאַמע און שוועסטער זיינען די ווערים — טאָ אויף וואָס האָב איך צו האָפען און וואָס קאָן איך דערוואַרטען?״

און וואָס איוב רעדט דאָ וועגען זיך, גייט אויף דעם גאַנצען מענשליכען מין. איוב מיינט צו זאָגען, אַז די גרוב איז דער סוף פון אַלע מענשען, פון די גוטע ווי פון די שלעכטע, און וואו איז דער זין פון אַזאַ אָרדנונג? אָבער אויף אַלע זיינע פראָטעסטען,

טענה׳ט ער, קריגט ער ניט קיין ענטפער. ער שרייט און עס איז ניטאָ קיין דין און קיין משפט.

פיל אַלטע לערער מיינען, אַז איוב איז געווען אַ גוי, און דער־פאַר אפשר האָט ער רעוואָלטירט קעגען דעם רבונו של עולם. אָבער איוב׳ס פּעסימיסטישער געדאַנק וועגען דעם מענשען און זיין סוף האָט געפונען אַן אָפּקלאַנג אויך ביי דעם אידען „קהלת״, וועלכער רעדט קלאָרע דיבורים:

„קיין מענש ווייס ניט וואָס אים שטייט פאָר. ווי די פיש, וואָס פאַרפּלאָנטערען זיך אין אַ בייזער נעץ, און ווי די פייגלען, וואָס ווערען געכאַפּט אין דעם פאַל־שטריק, אַזוי באַפאַלען די אומגליקען פלוצים אַ מענשען, ווען עס קומט אַ שלעכטע צייט. און ער ווייס ניט פון וואַנען זיי נעמען זיך און מיט וואָס ער האָט זיך פאַר־שולדיגט.״

אָבער צו וואָס אָט דער פּעסימיזם און טיפער יאוש? — פרעגט אַ מיטעלאַלטערליכער אידישער פילאָזאָף. — דער טויט איז דאָך ניט קיין קללה, און ווען די מענשען וואָלטען פאַרשטאַנען אים בעסער אָפּצושאַצען, וואָלטען זיי אים דאָך גאָר ליב געהאַט, מחמת דער טויט אַליין איז דער אמת׳ער באַפרייער. ער באַפרייט די נשמה פון דער שקלאַפעריי פונ׳ם גוף מיט אַלע זיינע ליידענשאַפ־טען און וויטאָגען, און ער באַפרייט דעם מענשען פון זיינע טי־ראַנען. און ווען מען שטעלט זיך פאָר וויפיל יסורים, קראַנקהייטען, זאָרג און סתם צרות אַ מענש טראָגט אַריבער אין דעם ביסעל יאָרען פון זיין לעבען, וואָלט ער דאָך דאַרפען באַטראַכטען דעם טויט פאַר אַ פריינט און אים אַ קוש טאָן, אַנשטאָט מורא צו האָבען פאַר אים.

און אַן אַנדער אידישער פילאָזאָף און מאָראַליסט, רבי קלונימוס, באַמערקט אין זיין ספר: „ווען אַ ניי נפש׳ל קומט אויף דער וועלט,

ווערט געבוירען זיין גוף, און ווען ער וואַקסט אויף און עלטערט זיך, ווערט געבוירען זיין נשמה."

דער מיטלעלטערליכער דענקער מיינט דערמיט צו פאַרמיינערען די צעשטערענדע קראַפט פון דעם טויט. פאַר אים איז דער טויט אַ ניי געבוירען ווערען, ניט קיין צעשטערער.

נו, אוודאי איז עס אַ קנאַפּע טרייסט פאַר אַן אבל, פון וועלכן דער טויט האָט אוועקגערויבט זיין ליבסטען, אָבער קיין אומגליק איז ניט פאַרפול, זאָגט אונזערער אַ באַקאַנטער איד, און דאָס גופא דאַרף זיין אַ שטיקעל טרייסט, ווייל עס האָט געקאָנט נאָך ערגער זיין.

אין אַ געוויסען טאָג דערציילט מען אַ אידען פון אַ באַקאַנטער פאַמיליע, אַז די פרוי איז געשטאָרבען און זי איז נאָך געווען אין די בעסטע מיטעלע יאָרען.

„אַ גרויסער שאָדען", זיפצט דער איד, „אָבער עס וואָלט געקאָנט נאָך ערגער זיין".

און אַ קרוב פון דער פאַרשטאָרבענער שרייט צו אים פאַרביטערט:

„אידיאָט וואָס דו ביזט! וואָס הייסט עס וואָלט געקאָנט זיין ערגער? וואָס איז ערגער פון דעם טויט?"

„איך קום איצט פון אַ לויה פון אונזערען אַ לאַנדסמאַן", דערציילט דער איד, ניט ענטפערענדיג אויף דער באַליידיגונג, „ער איז געווען 30 יאָר אַלט און האָט איבערגעלאָזען אַ האַלב-פאַראַליזירטע ווייב אין אַ האָוס און צוויי קליינע יתומימ'לעך, וועלכע אַן אַלטער בלינדער זיידע און אַ קראַנקע באָבע האָבען גענומען צו זיך צום האָדעווען. דענקט איר ניט, אַז די לעבעדיגע איז ערגער פון דעם טויטען?"

און דאָס איז, וואָס איך וויל אייך זאָגען, מיינע פריינט. עס

האָט קיין צוועק ניט צו באַוויינען דעם טויטען, ווייל דעם לעבע־דיגען איז אָפט ערגער פון אים. מיר דאַרפען אָבער געדענקען דעם פאַרשטאָרבענעם, ווייל מיר זיינען אַלע שטערבליך און אַלע האָבען מיר פעלערען און אויך גוטע מעלות, און די גוטע מעלות, וואָס אונזערע טויטע האָבען איבערגעלאָזען אין גוטע מעשים, זיינען דער טרייסט פאַר די לעבעדיגע.

די אייגענליבע און די מענשענליבע

אָבער כדי צו ליבען אַנדערע מענשען,
מוז מען ליבען אויך זיך.

געוויס איז איבעריג צו דערציילען וואָס אַלע ווייסען, אַז אייגענליבע, אָדער עגאָאיזם, איז אַ מיאוסע מידה. די חכמים פון אַלע צייטען, סיי ביי אידען און סיי ביי אַנדערע אומות, האָבען שטענדיג געוואָרענט, אַז אַ מענש, וועלכער איז איינגעגלויבט אין זיך, אַז ער איז דער כל וכל און אַז אָהן אים מוז אַלץ אונטערגיין, מאַכט זיך נאָר לעכערליך און אַלע האָבען אים פיינט.

און דער בעסטער ביישפיל איז טאַקע אונזער אייגענער יוסף הצדיק. ווען אים איז איינגעפאַלען צו חלומ׳ען, אַז ער איז די אַקס, אַרום וועלכער עס דרייט זיך דער גאַנצער באַשאַף, און אַז די גאַר־בען אין פעלד און די זון און די שטערען פון הימעל בוקען זיך צו אים, האָט ער אַ צייט לאַנג פון זיינע צרות נישט געקענט אַרויסקריכען.

מען טאָר ניט זיין קיין עגאָאיסט, לערנען ווייטער די פרומע

ספרים, ווארים וואס פאר א ווערט גאר האט דער מענש ? ער איז ווי א רויך, וואס פארשווינדט באלד, און ווי א גראז, וואס ווערט גיך פארוועלקט, זאגט דער מחזור. און א גרויסער אמעריקאנער מאראליסט, א גוי, שרייבט : „א מענש האט א האפט ווי די רינ־גען, וואס אן ארייגעווארפענער שטיין פארורזאכט אין וואסער. און אויב עמיצער דענקט, אז זיין פלאץ קען קיינער ניט פארביי־טען און אהן אים בלייבט א חלל אין דער וועלט, טא זאל ער צייטענווייז גיין אויפ'ן בית־עולם, וועט ער זיך דערמאנען וואס זיין סוף וועט זיין".

אזוי ארגומענטירט א באוואוסטער גוי'אישער שרייבער ווי אונזערע אייגענע פרומע מוסר־זאגער. פונדעסטוועגן, ווען דער פיל־געפלאגטער איוב האט אין זיינע ווייטאגען גע'טענה'ט : „איך האב קיינמאל ניט געקושט מיין אייגענע האנט", דאס מיינט, ער איז קיינמאל ניט געווען עגאאיסטיש, איז דאס במחילה געווען ניט אמת. ווייל אייגענליבע איז א טייל פון דעם מענשליכען כאראק־טער. אלע זיינען מיר ביז א געוויסען גראד נארציסען, איינער מער און אן אנדערער ווייניגער, אבער יעדער מענש איז ווי יענער לעגענדארער גריך, וועלכער איז געווען פארליבט אין זיך אליין. יעדער האט צוערשט זיך אליין אין זינען, טראכט פון זיך, און זיין „איך" קומט ביי אים פריער פון אלץ.

און אזוי, ווי עס ווייזט אויס, פארשטייט אויך דער מדרש, וואס דערציילט אט די לעגענדע :

ווען כביכול האט באשלאסען צו באשאפען דעם ערשטען מענ־שען, איז דער אמת געקומען מיט א שארפען פראטעסט און האט גע'טענה'ט :

— רבנו של עולם, דו ליבסט דעם אמת און האסט דעם אמת געמאכט פאר דיין חתימה, אבער דער מענש איז פול שקר, ער ליג־

נערט, פאלשעוועט, אינטריגירט. צו וואס דארפסטו אים? ער וועט דיר נאר מאכען פארדרוס.

אויך דער שלום איז געווען קעגען דער נייער באשעפעניש, וואס מען רופט מענש, און האט געזאגט:

— גאטעניו פאטער, דו האסט געשאפען הארמאניע אין דער נאטור און דער שלום איז דיר טייערער פון אלץ. דער מענש איז אבער אין זיין כאראקטער קריגעריש, פירט מחלוקות, געשלעגען, מלחמות — צו וואס טויג דיר אט דער טויגעניכטס?

וואס האט כביכול געטאן? — דערציילט ווייטער דער מדרש, ער האט גענומען דעם אמת און אים אראפגעשליידערט אויף דער ערד. און וואס איז געשען מיט שלום? — דער מדרש פארשוויגט עס, נאר די אויסטייטשער פון מדרש ציען דעם פאדים פון דער לעגענדע ווייטער:

דער אראפגעשליידערטער אמת האט זיך פארוואָרצעלט אין דער ערד, זיך פאנאנדערגעבליט און עס זיינען פון אים ארויסגעוואקסען א סך אמת'לעך, און היות די מענשהייט איז צעשפאלטען אין פארטייען, כתות, ארגאניזאציעס און סאסייעטיס, פאליטישע, עקאנאמישע און געזעלשאפטליכע, האט יעדע פון זיי געכאפט איר אייגענעם אמת, פאר וועלכען זיי רייסען זיך ארום און זיינען קאפּאבעל צו בראדזשען אין בלוט, אבי אויפצוהאלטען וואס יעדער אין זיין עגאאיזם האלט פאר'ן אמת'ן אמת.

אבער סוף כל סוף מוזען מענשען פראגרעסירען. און ווי דער פסוק זאגט: „וכל בניך למודי ה׳,“ דאס מיינט, ווען אלע מענשען וועלען זיין געלערנט און אויפגעקלערט, וועלען זיך זייערע געדאנקען קריסטאליזירען און זיי וועלען אלע אנערקענען דעם איינציגען גרויסען אמת, וואס וועט זיי פארבינדען אין שלום, אין איין גרויסער מענשליכער משפחה.

לויט אַט דעם אויסטייטש פון די מפרשים ווייזט אויס, אַז די לערער פון מדרש האַלטען דעם עגאָאיזם פאַר נאַטירלעך, וואָרים אויב דעם באַשאַפער איז געווען ניחא איינצופלאַנצען אין יעדען מענשען אַ געוויסע מאָס אייגענליבע, מיינען זיי, אַז עס איז דאָך מסתמא פון אַלעמענס טובה וועגען.

און אפשר איז אין דעם פרט דער מדרש גערעכט. וואָרים וואָס פאַר אַ זינען האָט, למשל, צו לערנען אַ מענשען צו ליבען זיינע שכנים, ווען ער האָט ניט פריער קיין ליבע צו זיין אייגענעם איך? און ווי קען מען דערוואַרטען פון עמיצען, אַז ער זאָל פאַר־בעסערען דאָס לעבען פון אַנדערע, ווען זיין אייגען לעבען איז אים נמאס?

ניט אומזיסט האָבען די אַלטע לערער געזאָגט: „אַלעמענס קרעץ, אַלעמענס פעלערען זעט אַ מענש, נאָר אויף וויפיל ער אַליין איז פאַרקרעציגט זעט ער ניט. און אַוודאי איז דאָס אַ שטיק עגאָ־איזם. אָבער פונקט ווי איך זע יענעמ'ס פעלערען, זעט יענער מיינע, אוןביידע מאַכען מיר אויפמערקזאַם איינער דעם אַנדערען אויף זיין אומרעכט, און ביידע געפינען מיר פלאַץ פאַר אויס־בעסערונגען".

און דערמיט איז דער עגאָאיסט אַנדערש פון דעם בעל־גאוה, ווייל יענער, דער גרויסהאַלטער, זאָגט „אני ואפסי עוד". ער איז אַלעמען מבטל. דער עגאָאיסט מעג יעדען מענשען באַטראַכטען פאַר זיין גלייכען, נאָר לויט דעם כלל פון „דאָס אייגענע העמד איז נענטער צום לייב", זאָגט ער: „פריער איך און נאָכדעם דו."

אָבער אייגענליבע ווי אַ כאַראַקטערצוג אין דעם מענשען איז ניט קיין מיאוסע מידה, אויב זי האָט ניט איבערגעכאַפּט די מאָס, ווי ביי יענעם גריך. און דאָס, ווי די לערער גלויבען, איז די כונה פון מדרש. ווען מענשען וועלען לערנען צו פאַרריכטען זייערע

פעלדערען, וועט דער שלום סיי ווי זיך איינשטעלען צווישען זיי. אבער אמת'דיג מוזען זיי זיין, ניט פאלש איינער קעגען אנדערען און ניט גרויסען זיך און מבטל זיין דעם צווייטען.

צווישען די מענשען און די פלאנצען

און פוןביידען קאן מען לערנען די וואונדער פון דער נאטור. — אויף וואקאציע.

א איד טאר ניט הנאה האבען פון דער שיינקייט פון דער נאטור, ער טאר זיך ניט באגייסטערען פאר א שיינעם בוים צי פאר א שיינער לאנקע — אזוי זאגט בפירוש דער תנא פון פרק; אבער עס איז ניט פארווערט דעם אידען צו לערנען. פארקערט, ער איז פארזאגט אויפ'ן לערנען. א איד מוז לערנען און וויסען.

און וויפיל איז באמת דא צו לערנען פון די וואונדער פון דער נאטור פאר א מענשען וואס וויל לערנען!

דאס האט ערשט ערפארען א קליינע געזעלשאפט פון דריי פריינד, וועלכע האט אקארשט פארענדיגט איר וואקאציע ערגעץ צווישען הויכע שטיינערנע בערג, וואס שטייען שוין דא מסתמא פון ששת ימי בראשית.

איידער זיי האבען פארלאזען דעם פלאץ האבען די פריינט געוואלט ווארפען נאך א לעצטען בליק אויף דער געגענט, קלעטערען זיי ארום אויף די בארג־שפיצען, און אזוי ווי אלץ וואלט געווען פאר זיי ניי, באטראכטען זיי ווידעראמאל די זעלטענע פאנאראמא ארום זיך.

ווארים עס איז שווער זיך צו שיידען ניט נאר פון א מענשען,

װעלכען מען ליבט, נאָר אויך פון דעם פּלאַץ, צו װעלכען מען האָט זיך צוגעװעהנט.

און עס איז געװען אַזוי װי די פריינד װאָלטען איצט צום ערשטען מאָל דערזען, אַז גראָד אויף דעם שפּיציגען פעלז, האַרט װי גראַניט, װאַקסט אַ פּלאַנץ מיט רויטע בלומען, װאָס האָט זיך פאַרװאָרצעלט אין דעם טרוקענעם שטיין אַזוי װי אין װייכער, פעטער ערד.

— איך װאָלט געװאָלט װיסען, — האָט איינער פון די פריינד אויסגערופען, — װאו ליגט דער באַהאַלטענער כוח פון דער פּלאַנץ צו װאַקסען אין דעם האַרטען פעלז, ניט געזייהט, ניט געמיסטיגט און אָהן ערד. איז דאָס ניט אַ גרויסער װאונדער ?

—דערפאַר רופט מען דאָך אָט די פּלאַנץ „סעקסיפרעדזש״, און דאָס מיינט שטיין־ברעכער, — האָט געענטפערט אַ צווייטער, װאָס איז גוט באַקאַנט מיט דער פּלאַנצען־װעלט. — די נאַטור האָט דעם „סעקסיפרעדזש״ געגעבען װאָרצלען, װאָס פאַרמאָגען אַ זעלטענעם כעמישען שטאָף, װעלכער שאַפט, אַזוי צו זאָגען, זיי אייגענעם „פערטיליזער״, זיין אייגענע פרוכטבאַרע ערד, פון דעם פעלז, װאָס ער צעברעקעלט און באַפרוכפערט, און דוקא פון דעם צעברעקעלטען פעלז ציט די פּלאַנץ איר יניקה און געדייהט און װאַקסט.

נאָר װאָס װייסען מיר פון װאַנען עס נעמט זיך צו דעם „שטיין־ברעכער״ זיין כוח ? דאָס איז איינער פון די סודות פון דער נאַטור, װאָס די מענשען קאָנען זיך ניט ערקלערען.

די פריינד האָבען געשװיגען, יעדער איז געבליבען פאַרזונקען אין זיינע געדאַנקען און האָט מסתמא, צוזאַמען מיט דעם ביבלישען פּאָעט, אויסגערופען : „מה רבו מעשיך !״ — װאָס פאַר גרויסע װאונדער די נאַטור באַװייזט !

און ווען מען רעדט פון די וואונדער פון דער נאַטור, דאַרף מען ניט פאַרגעסען, אַז די קלוגע לייט פון דער גמרא לערנען:

„כל מה שברא הקדוש ברוך הוא בעולמו, ברא כנגדו" — און דאָס מיינט, אַז איר קאָנט אומעטום זען גאָט'ס וואונדער, און איר געפינט אויך מענשען מיט דער נאַטור פון דעם שטיין־ברעכער, ווי ביי די פלאַנצען.

דער שטיין־ברעכער אָדער „סעקסיפּרעדוש" אין דער פלאַנצען־וועלט צעברעקעלט דעם האַרטסטען פעלז און שאַפט זיין אייגענעם באָדען, אין וועלכען ער פאַרוואָרצעלט זיך און בליט זיך פאַנאַנדער.

און דער שטיין־ברעכער אָדער באַן־ברעכער צווישען מענשען פאַלט אַריין אין אַ געזעלשאַפט, וואָס איז פאַרשטיינערט און פאַר־טריקענט פון יעדען אידעאַל, אַרבעט ער מיט אַ פעסטען ווילען און מיט ענערגיע, וועקט און רופט, ביז ער ברעכט דורך די שטיינערנע קאָרע און שאַפט דעם פרוכטבאַרען באָדען פאַר גרויסע אידייען און נוצליכע טאַטען.

מיר האָבען געקענט אַזאַ מענשליכען שטיין־ברעכער. דאָס איז געווען אַ איד, וואָס האָט פאַראייניגט אין זיך לומדות און השכלה, אידיש וויסען און מענשליכע אינטעליגענץ, נאָר עס איז אים באַ־שערט געווען מגולגל צו ווערען אין אַ רעוורענד ערגעץ אין אַן אַמעריקאַנער שטעטל, וואו ער האָט געזאָלט זיין דער רב, דער „היברו טיטשער", דער דרשן, דער חזן, דער שוחט, דער בעל־קורא — די גאַנצע אידישקייט האָט מען אַרויפגעלייגט אויף זיינע פּלייצעס.

און די קהלה איז געווען אַ פאַרשטיינערטע, ניט איינער האָט געוואוסט פון אידישקייט און ניט אימיצער האָט עס געדאַרפט. זייער גאַנצע אידישקייט איז באַשטאַנען אין „באַרמאַטווע", ווי זיי האָבען גערופען די בר־מצוה־פייערליכקייט איינמאָל אין אַ יובל, און „איש־

קאַר״, דאָס הייסט יזכור, וואָס דער רבי האָט געדאַרפט דערמאָנען אין פאַסט־קאַרטלעך צו די באַלעבאַטים פאַר די גרויסע ימים־טובים.

איז דעם רבי׳ן פינצטער געוואָרען אין די אויגען פון דער אידישקייט, וואָס ער האָט געפונען אין דעם שטעטל, און ער האָט אָנגעהויבען טענה׳ען און מאָנען און שטראָפען, ביז ער האָט דערצאָרנט די באַלעבאַטים און מען האָט אים אָפּגעזאָגט פון זיין שטעל.

— איר ווילט מיך ניט פאַר קיין רעוורענד? — האָט ער געזאָגט, — דאַרף מען ניט; אָבער איר קאָנט דאָך מיר ניט פאַרווערען צו בלייבען וואוינען אין דעם שטעטל, וואו אָהן שכירות בין איך אַזאַ באַלעבאָס ווי איר אַלע.

און ער איז טאַקע געבליבען אין דעם שטעטל, געהונגערט און ווייטער געמאָנט, ביז ער האָט געשאַפען אַ קהלה, ווי אַ אידישע קהלה באַדאַרף זיין: אַ גרויסע תלמוד־תורה מיט אַלערליי אידישע אינסטיטוציעס און יעדער אידישער אינגעל האַלט זיך פאַר אַ סאָלדאַט, וואָס מוז דינען אַ געוויסען אידישען צוועק.

אַזוי האָט אונזער רעוורענד באַוויזען איינצואוואָרצלען די אידישקייט אין אַ שטיינערנעם באָדען — אַן אמת׳ער „סאַקסיפרעדזש״.

און אַמאָל פאַסירט, אַז דער בייזער מזל פאַרוואַרפט עמיצן פון אונז אויף אַ נאַקעטען פעלז פון אומגליקליכע צופאַלען, אין וועלכע פיל מענשען זיינען זיך מייאש, פאַרלירען די האָפנונג און גייען צו זייער אונטערגאַנג. זיינען אָבער פאַראַן אַנדערע מענשען, וועלכע פאַרלירען זיך ניט אין אַן אומגליק, נאָר אָהן מורא און מיט מוט אַרבייטען זיי, ברעכען דעם פעלז פון פאַרצווייפלונג און שאַפען זיך אַ נייעם באָדען, אַ נייעם שטאַנד פאַר זייער צוקונפט — זיי זיינען מענשליכע שטיין־ברעכער.

אַזוי זיינען געווען פיל באַרימטע מענשען. זיי האָבען אָנגע־

פאַנגען דאַרטען, וואו אַנדערע האָבען אָפּגעגעבען און דערפאַר זיי־נען זיי געוואָרען באַרימט, ווייל זיי האָבען געאַרבעט און פראַגרע־סירט אָהן מורא. זיי האָבען פאַרשטאַנען אויסצונוצען זייערע מעלות, אום צו שאַפען דעם נויטיגען באָדען זיך איינצופלאַנצען, ווי יענער פלאַנץ, וואָס נוצט אויס דעם כעמישען שטאָף פון זיין וואָרצעל, אום צו צעברעקלען שטיינער.

סיי ווי איז עס אַ גרויסער שאַדען, וואָס אונזערע אידען, וועלכע פאַרברענגען זייער זומער־וואַקאַציע אין יענע געגענטען, באַמערקען ניט דעם זעלטענעם פלאַנץ פון די פעלזיגע בערג, פון וועלכן זיי וואָלטען פיל געלערענט אויף די וואונדער פון דער מענשליכער נאַטור.

האָבען דאָך שוין די אַלטע אידישע געלערנטע לאַנג צוריק געזאָגט:

די מענשען זיינען געגליכען צו די פלאַנצען אויפ׳ן פעלד און אויך פון די בערג.

וואו געפינט מען דאָס ביסעלע גליק?

און ווי אַזוי די אָרימע פישערלייט האָבען די פראַגע פאַרענטפערט. — די „קאָנקס“ פון דער סאוט.

וואָס זאָל אַ מענש טאָן, אום צו זיין גליקליך? וואָס איז איבערהויפּט גליק, און וואו געפינט מען עס?

איז דאָס אַן אַלט־אַלטע פראַגע, אויף וועלכער די פילאָזאָפען פון אַלע צייטען האָבען שוין געקנייטשט די שטערנס און אָנגע־

שריבען שווערע, דיקע ביכער, און קיין זיכערען ענטפער האָבען זיי נאָך אַלץ ניט געגעבען. אַ סימן איז, אַז די מענשען זיינען נאָך ביז היינטיגען טאָג ניט גליקליך.

נאָר אויב מען קאָן געפינען אַן ענטפער אויף דער פראַגע פון גליק, האָט עס אויף אַ גאַנץ איינפאַכען, פרימיטיווען אופן געגעבען דער „קאַנק".

קאַנק איז אייגענטליך אַ מין פיש אָדער אַ ים־שרץ, וואָס לעבט פאַרגראָבען אין זיין האַרטען שאָלעכץ ווי אין אַ פעסטונג; נאָר וויל מען געפינט אים מערסטענס אַרום געוויסע קליינע אינזלען אין דער סאָוט, האָט מען די מענשען פון יענע אינזלען גע־געגעבען זיין נאָמען און מען רופט זיי קאַנקס.

און מערקווירדיגע אינזלען זיינען יענע שטיקלעך לאַנד אין ים, וואָס דערמאָנען אויף דעם באַרימטען לעגענדאַרען אינזעל פון רבה בר בר חנא אין דער גמרא.

דערציילט יענער געלערענטער אין דער גמרא אָט די מעשה:

„איינמאָל זיינען מיר געפאָרען אויף אַ שיף און האָבען דערזען אַ פיש, אויף וועלכען די זאַמד איז געווען אָנגעטראָגען און גראָזען זיינען געוואַקסען, אַז מיר האָבען געמיינט אַז דאָס איז אַ שטיק אינ־זעל. זיינען מיר אַרויף אויף אים, פאַנאַנדערגעלייגט אַ פייער און זיך געגרייט צו קאָכען אונזער מאָלצייט. נאָר דאָ האָט דער פיש דערפילט די היץ פון דעם פייער און האָט זיך איבערגעקערט; און ווען ניט די שיף, וואָס איז געשטאַנען דערביי, וואָלטען מיר זיכער דערטרונקען געוואָרען".

כמעט אַזוי זיינען געוויסע אינזעלעך אין דער סאָוט. זיי קוקען אויס ווי דער רוקען פון אַ פיש, און זייער אויבערפלאַך איז אַזוי געפאָרמט, דאָס איר זעט באַשיינפערליך די שופען און דעם קאָפּ, און איר זייט קיינמאָל ניט זיכער, אויב דאָס איז ניט אַ לעבעדיגער

פיש, וואָס קאָן זיך איבערקערען אויף דער צווייטער זייט און אייך געבען אַ קאַלטע וואַנע.

און אויך אויף אָט די אומזיכערע שטיקלעך לאַנד פון שטיין און קאָראַלען, ניט ווייט פון די ים־ברעגעס, לעבען מענשען מיט זייערע קאַמפען, מיט זייערע האָפענונגען און מיט זייער קוק אויפ׳ן לעבען. דאָס זיינען די קאַנקס, וועלכע ווערען געוויינליך פון אַלע־מען באַדויערט, אָבער זיי זיינען גליקליכע מענשען.

דער קאַנק איז גליקליך, און דער בעסטער סימן איז, אַז ווען די רעגירונג האָט זיך אָנגעבאָטען אַריבערצופירען די איינוואוינער פון די נאַקעטע קאָראַלען־אינזלען און זיי באַזעצען אויפ׳ן הויפּט־לאַנד, האָבען זיי פון דעם אָנבאָט זיך אָפּגעזאָגט. זיי זיינען צו־פרידען מיט זייער לעבען ווי עס איז, האָבען זיי ערקלערט, זיי ווילען ניט גיין אויפ׳ן לאַנד. דער קאַנק איז גליקליך מיט זיין אינזעל־פעלז.

און גליקליך איז דער קאַנק, ווייל ער איז פריי; און פריי איז ער, ווייל ער דאַרף זייער ווייניג, ער איז צו קיינעם ניט געבונדען און צו קיינעם ניט פאַרפליכטעט.

דער קאַנק, אָדער דער איינוואוינער פון די ברעג־אינזלען אין דער סאַוט, ערנערט זיך פון פיש, וואָס איז זיין איינציגע שפּייז, און ער כאַפּט פיש נאָר אַזוי פיל, וויפיל ער מוז האָבען אָנצופילען זיין מאָגען. מער דאַרף ער ניט, און קיין תכליתים זוכט ער ניט, וואָרים פיש קאָן ער כאַפּען אַלעמאָל, און קיין אַנדערע באַדערפע־נישען האָט ער ניט.

אין דעם האַלב־טראָפּישען קלימאַט פון דער סאַוט נויטיגט ער זיך ניט אין קיין הויז. עס איז גענוג פאַר אים אַ קלייןביידעל, נאָר צו באַשיצען זיך פון רעגען, און קיין קליידער דאַרף ער אויך ניט, טראָגט ער כמעט דעם בגד פון אַ נודיסט, אָדער אַ פייגענ־

בלאָט אַרום די לענדען. און טאָמער האָט ער ניט קיין פלאַץ אַוועקצושטעלען אַביידעל, וואַרפט ער אויף זיין שיפעל, וואָס ער באַנוצט פאַר זיין פיש־פאַנג און וואָס איז זיין איינציגער פאַרמעגען.

אַזוי לעבט דער מאַן, אַזוי די ווייב און אַזוי די קינדער; דער ים איז דאָך ניט קיינעמ׳ס אייגענטום, און דער ים גיט זיי שפייז מער וויפיל זיי קאָנען פאַרברויכען, טאָ צו וואָס זאָלען זיי אַרבעטען און פאַר וואָס זאָלען זיי זאָרגען?

וועט איר דעם קאַנק טאַקע ניט קאָנען מאַכען צו אַרבעטען, ווען איר זאָלט אים אפילו צושטעלען אַ מעסער צום האַרצען, אָדער ווען איר זאָלט זיין ביידעל אָנשיטען פול מיט גאָלד. ער וויל ניט אַרבעטען, ווייל די אַרבעט קאָן אים ניט געבען מער וויפיל ער באַדאַרף, און דאָס גיט אים דער ים אָהן אייער לאָסקע.

סיידען ער נויטיגט זיך אַמאָל אין עטליכע סענט צו קויפען טאַבאַק אָדער קוילען פאַר זיין ביקס וועט ער פאַרקויפען אַביסעל פיש, וואָס איז אים געבליבען פון זיין פיש־פאַנג אָדער ער וועט זיך פאַרדינגען צו אייך פאַר אַ „גאַיד״, פאַר אַ באַגלייטער אויף אייער „פיש־פאַרטי״, אויף אייער פישינג־ספאָרט.

און עס איז געווען ביי אַזאַ געלעגנהייט, ווען דער שרייבער פון דעם בוך האָט זיך באַקענט מיט דעם כאַראַקטער און דעם לעבען פון די קאָנקס.

זעקס פריינד זיינען אַרויסגעפאָרן צו איינעם פון די ברעג־אינזלען פישען, כאָטש זיי האָבען מסתמא קיין מאָל קיין „אָקונע״ ניט געכאַפט, אָבער דער חשק צום פיש־ספאָרט האָט ניט אָפגע־לאָזען. און מען איז געגאַנגען זוכען אַ „גאַיד״, וואָס זאָל פירען צו די פלעצער, וואָס זיינען רייך מיט פיש. נאָר די קאָנקס האָבען זיך אויסגעלאַכט. אַרבעטען, האָבען זיי געזאָגט, זאָלען די מענשען אויפ׳ן לאַנד; מיר האָבען וואָס מיר באַדאַרפען אָהן אַרבעט, ניט

פאַרקויפענדיג זיך צו אַ באָס.

און איינער, וואָס האָט יאָ זיך פאַרדונגען פאַר אַ פירער, איז אַרויף אויפ׳ן שיפעל אַזוי שטאָלץ און מיט אַזאַ פאַרנעם, אַזוי ווי ער וואָלט געווען דער באַלעבאָס, און ניט די, וואָס האָבען אים גע־דונגען. ער האָט מער ווי איין מאָל אַרויסגעוויזען, אַז ניט ער הענגט אָפּ פון דער געזעלשאַפט, נאָר די געזעלשאַפט הענגט אָפּ פון אים.

און דאָס איז אמת. דער קאַנק קאָן נעמען די גאַנצע ווידזשעס, וואָס איר גיט אים און אַריינוואַרפען עס אין ים, און ער וועט פונ־דעסטוועגען נאָך אַלץ קאָנען כאַפּען פיש צום עסען; איר וועט אָבער אָהן זיין הילף קיין מאָל זיך ניט אַרויסקלייבען פון די וויל־דערנישען פון דעם אומרוהיגען ים, און ער ווייס דאָס און פילט זיך געגען אייך ווי אַ קעניג, ניט ווייל ער האָט די מאַכט און איז רייך, נאָר ווייל ער איז אַ שמח בחלקו, צופרידען מיט זיין גורל, כאָטש ער איז אַ נאַקעטער אָרימאַן.

סיי ווי לויגט עס זיך צו קענען די מערקווירדיגסטע מענשען פון יענע פאַראיינזאַמסטע ברעג־אינזלען פון דער סאָוט, וואָס וועלען פאַר קיינע אוצרות אין דער וועלט ניט אויסבייטען זייערע אָרימע קאַלכיגע אינזלען אויף די רייכע שטעט.

וואָרים די פראַגע, וואָס אונז בויערט נאָך ביז היינטיגען טאָג: „וואו געפינט מען דאָס ביסעלע גליק?“ האָט אויף זיין איגענאַרטיגען אופן שוין לאַנג פאַרענטפערט דער קאַנק.

די מענשען און זייערע כאַראַקטערען

איין מענש גייט מוטיג צו זיין ציל, אַ צווייטער איז אַ פּחדן. — אַ קאַפּיטעל געשיכטע.

פאַראַן מענשען, וואָס קיין צרה קאָן זיי ניט אומוואַרפען פון די פיס. פאַרקערט — מיט יעדען אומגליק, וואָס באַפאַלט זיי, און מיט יעדער שטערונג, וואָס זיי באַגעגענען אויף זייער וועג, וואַקסט זייער מוט און די לוסט צו קעמפען, כדי שטערונגען גובר צו זיין. צו אַט די קאַמפּס־לוסטיגע מענשען האָט, ווי עס ווייזט אויס, אויך געהערט דער מיטעלאַלטערליכער אידישער פילאָזאָף און פּאָעט ר' שם טוב פון פאַלאַקערא, וועלכער פלעגט זינגען:

„אויב דער בראָך איז ווי אַ פעלז, בין איך ווי אַ האַמער;
„אויב די צרות זיינען אַ פייער־פלאַם, בין איך דאָס וואַסער;
„אין אומגליק ווערט מיין האַרץ שטאַרקער; עס איז ווי די לבנה, וואָס לייכט נאָר אין דער נאַכט".

ווייל דער מוטיגער מענש פאַרצווייפעלט ניט — ער גיט זיך אַן עצה. אויב ער קאָן ניט קלעטערען איבער'ן באַרג, גראָבט ער זיך אונטער'ן באַרג. אָבער ער האַלט זיין ציל שטענדיג פאַר די אויגען און ער האָפט עס צו דערגרייכען — אויב ניט פריער, איז שפּעטער; ער קעמפט און וואַרט.

מיר האָבען געקענט אַזאַ אידען, וועלכער איז אַמאָל געווען גאָר אַ גרויסער עושר אין דער אַלטער היים — אַ טאַבאַק־פאַבריקאַנט, וואָס האָט באַשעפטיגט הונדערטער אַרבעטער, און אַ חשוב

ביי נאַטשאַלסטווע, האָט ער אין די ערשטע פּאַגראָמען אין די אַכציגער יאָרען פאַרלאָרען זיין גאַנצע עשירות, און זיין ווייב איז פון צרות געשטאָרבען, און די קינדער זיינען זיך צעלאָפען איבער דער גאָרער וועלט — אונזער איד איז געוואָרען דער אַלטער איוב אין אַ נייער אויפלאַגע.

אָבער ער האָט צו קיינעם ניט גע׳טענה׳ט, קיין איכה ניט געלייענט און קיין קינות ניט געקלאָגט, נאָר ער האָט מיט דער הילף פון פריינד זיך דערשלאָגען צו אַמעריקע, און דאָ איז ער אַוועק אַרבעטען ביי זיינעם אַ געוועזענעם אַרבעטער, אַ פּאַפּיראָסען מאַכער אויף עסעקס סטריט. און כאָטש צו זיין פריערדיגען שטאַנד איז אונזער איד, אַ מענש אין די זעכציגער יאָרען, צוריק ניט געקומען, האָט ער אָבער מיט דער צייט זיך אַרויפגעאַרבעט אויף אַ הויכער פּאָזיציע אין דער געשעפט־וועלט. אַוודאי איז דאָס אים ניט לייכט אָנגעקומען. אָבער דער איד האָט תמיד געגלויבט אין זיינע כוחות און קיינמאָל ניט געוואָרען אָפּהענדיג: נישקשה, די וועלט גייט ניט אונטער, פלעגט ער זאָגען.

אַזוי איז דער מענש, וואָס דענקט. פאַר אים איז דאָס לעבען אַ שולע, אין וועלכער מען מוז לערנען, עקספּערימענטירען און קאָנען געפינען פאַר זיך אַ וועג.

פאַראַן אויך מענשען, אויף וועלכע יעדע ענדערונג מאַכט אַ שלעכטען איינדרוק, אין יעדען אומאָנגענעמען צופאַל פאַרלירען זיי זיך, און ניט נאָר האָבען זיי קיין מוט ניט גובר צו זיין די שטרויכלונגען אויפ׳ן וועג פון לעבען, נאָר זיי באַטראַכטען אפילו זיך אַליין פאַר אַ שטרויכלונג, וואָס דאַרף אָפּגעראַמט ווערען, ווי יענער אומגליקליכער איד, וועלכער האָט מיט יאָרען צוריק געלאָזט וויסען אין אַ בריוו צו דער צייטונג, אַז ער האָט באַשלאָסען צו באַגיין זעלבסטמאָרד.

ער דערציילט אין זיין בריוו, אז קיין עשירות האט ער קיינמאל ניט פארמאגט, קיין אוצרות ניט פארלארען, א שווערער ארבעטער געווען כל ימיו, א יגיע־כפימ׳ניק, געפראצעוועט פאר דעם שטיקעל ברויט. האט ער די קלאגעדיגע ארבעט אויך פארלארען. טא צו וואס גאר קעמפען דעם בארישען קאמף? האט ער געפרעגט. צו וואס גאר לעבען?

אין יענעם אומגליקליכען מענשען האט דער שרייבער זיך דערמאנט, ווען מיט עטליכע טעג צוריק האט א איד אין א מסיבה פון פריינד גערעדט פארביטערט בזה הלשון:

„אין דער ליטווישער שטאט פאניוועזש האט געלעבט מיין ברו־דער, וועלכער איז געווען די פארקערפערונג פון ערליכקייט און א למדן, א בעל־צדקה, א בעל־נימוס און באליבט סיי ביי אידען און סיי ביי גויים. זיינען געקומען די נאציס און האבען אויסגעשאכטען די גאנצע משפחה פון 40 נפשות צוזאמען מיט מיין אלטען ברודער.

„און אויב עס איז ניטא קיין דין און קיין דיין; אויב דער אויסוואורף און פאליטישער אוואנטוריסט קאן מאכען פון דעם אי־דישען פאלק א ציל־ברעט פאר זיינע אמביציעס, און אויב די וועלט־געשיכטע האט פאר׳משפט דעם אידען אויף אומקום, טא פאר־וואס ניט איינאנצען ליקווידירען די אידישקייט און א סוף, אן עק? צו וואס קעמפען א ניט־גלייכען קאמף?״

„אבער עס איז דאך ניט אמת, אז די וועלט־געשיכטע האט אונז פאר׳משפט אויף אומקום, און דער זיכערסטער באווייז איז, אז מיר לעבען און קומען צוריק צו זיך פון דעם נאצישען חורבן, ווי מיר האבען איבערגעלעבט אמאל נאך ערגערע צייטען פון די היינטיגע.״

„נאך ערגערע צייטען פון נאציזם?!״ האט די געזעלשאפט זיך געוואונדערט, און דער אפטימיסט ענטפערט:

„מיר זיינען נאָך ניט זעהר ווייט אַוועק פון די צייטען פון דעם דרייסיג־יאָריגען קריג מיט 400 יאָר צוריק, ווען אין גאַנץ אייראָפּע, ווי דר. רופּין אין זיין בוך „די אידען פון דער געגענ־וואַרט“ דערציילט, האָבען זיך געפונען קוים אַ מיליאָן אידען. פיל לענדער זיינען געוועזן אידען־ריין. אַ איד האָט ניט געטאָרט אַהין אַריינקומען. וואו אידען האָבען יאָ געלעבט, האָט מען געזוכט אַלע מיטלען זיי אויסצוראָטען: אין פוילען — כמעלניצקי׳ס היידאַמאַ־קעס, וועלכע האָבען אויסגעקוילעט גרויסע קהלות און פאַרברענט איבער צוויי טויזענט שוהלען; אין דייטשלאַנד — אַלערליי מער־דער, ווי פעטמילך און אַנדערע סאַדיסטען; אין פּראַג און אַנדערש־וואו — עלילות־דם און אַלע טאָג נייע גזירות. וויפיל האָט געפעלט, אַז פון דעם הייפעלע אידען אין אייראָפּע זאָל אפילו קיין געדע־כעניש ניט בלייבען?“

און אויב אין דעם נאַצישען חורבן זיינען געפאַלען מער אי־דישע קרבנות, אויב די מערדער האָבען אומגעבראַכט אַ דריטעל פון אונזער פאָלק, האָבען מיר אָבער זיי געגעבען אַפּט אַ שטאַרקען ווידערשטאַנד און זיי באַוויזען, אַז מיר בלייבען אַ פאָלק און מיר וועלען אונזערע וואונדען פאַרהיילען.

נאָר דער איד, וואָס רעדט וועגען נאַציאָנאַלען זעלבסטמאָרד, ווי יענער, וואָס האָט געדראָעט צו טויטען זיך אַליין, וויים ניט, אַז דאָס לעבען איז פאַר אַלעמען אַ מלחמה. עס קעמפט דער פרט און עס קעמפט דער כלל, און דער זיג איז אַלעמאָל מיט דעם, וואָס פאַרצווייפעלט ניט און גייט מוטיג צו זיין ציל.

און דאָס אידיש פאָלק האָט אַ ציל, און אַ אידענ׳ס הארץ מוז זיין שטאַרק. עס איז זיין לבנה, וואָס לייכט אין זיין גלות־נאַכט, מיינט דער מיטעלאַלטערליכער פילאָסאָף.

נאַטור און מענשליכער כאַראַקטער

דער מאָדערנער געלערנטער און די אַלטע אידישע לערער האָבען איין מיינונג.

ס'איז אַ מאָדנע זאַך מיט די מענשען: אין יעדער צרה, אין יעדער אומאַנגענעמער געשעהעניש, אָדער ווען עפּעס איז סתם ניט ווי עס באַדאַרף צו זיין, וואַרפען זיי אַלעמאָל די שולד אויף דער נאַטור.

אַ מענש, למשל, האָט גרויסע אויגען, פאַרגינט ניט דעם צווייטען דאָס לעבען, איז אַ גוואַלדיגער בעל־מקנא און קיינמאָל ניט צופרידען מיט וויפיל ער פאַרמאָגט; געפינט מען פונדעסטוועגען אויף אים אַ זכות, אַז דאָס איז זיין „פאַרשאָלטענע נאַטור”, דאָס הייסט, אַז ער אַליין איז נעבעך ניט שולדיג, נאָר ער קאָן זיך ניט העלפען, ווייל אַזוי איז זיין כאַראַקטער. און דער מענשליכער כאַראַקטער, זאָגט מען, איז דאָך אַ נאַטור־זאַך.

אַן אַנדערער, ווידער, איז אַ ווילדער דעספּאָט, ער טיראַניזירט ווייב און קינדער אין דער היים און זיינע אַרבעטער אין שאָפּ, איז צו אַלעמען שלעכט און קאָן קיין מענשען ניט קוקען גלייך אין די אויגען, נאָר עס געפינען זיך פאַרטיידיגער, וואָס זאָגען:

„באשר ער איז געבוירען אין אַ בייזער שעה און געבראַכט מיט זיך די ירושה פון די פּרימיטיווע באַרבאַרען, איר מיינט ער וואָלט געווען אַזוי שלעכט? דאָס איז זיין נאַטור”.

אין אַלץ איז שולדיג די נאַטור, און וואָס פאַר פּאַסקודסטווע עס ווערט אין דער וועלט אָפּגעטאָן, פאַרענטפערט מען עס באַלד מיט דעם פּסוק:

„כי יצר לב האדם רע מנעוריו" — שוין פון זיין פריהסטער קינדהייט האָט אַ מענש שלעכטע געדאַנקען, ער ווערט געבוירען מיט אַ שלעכטען כאַראַקטער, וואָס איז אַ ירושה פון דעם דזשאַנגעל־מענשען, ווי דער אַמעריקאַנער רופט די הייל־באַוואוינער פון דער פרימיטיווער צייט.

פיל מאָדערנע געלערנטע האַלטען אָבער ניט פון יענעם פסוק. אַ מענש ווערט ניט געבוירען מיט אַ פאַרטיגען כאַראַקטער און ער ברענגט ניט מיט זיך קיין דזשאַנגעל־ירושה, זאָגען זיי, וואָרים, ערשטענס, איז נאָך גאָר ניט באַוויזען, אַז אין דער פרימיטיווער צייט זיינען מענשען טאַקע געווען אַזוי שלעכט ווי מיר שטעלען זיך פאָר; צווייטענס, ווייסט מען, אַז גאָר אָפט ווערט אַ כאַראַקטער שטאַרק באַאיינפלוסט פון די אומשטענדען, אין וועלכע אַ מענש לעבט, און, דריטענס, קאָן אַ כאַראַקטער זיך ענדערען, אָדער רע־פאָרמירען, און דאָס באַווייזט, אַז עס איז ניט קיין נאַטור־זאַך.

און כדי צו באַקרעפטיגען זייער מיינונג, נעמען די געלערנטע פאַר אַ ביישפּיל די מלחמה. אַלע ווייסען, אַז מלחמה איז אַ גרויס אומגליק. טויזענטער אָדער גאָר מיליאָנען נפשות ווערען אומגע־בראַכט, אָדער פאַרקריפּעלט, און מענשליכע האָרעוואַניע פון אַ גאַנץ לעבען ווערט פאַרפולווערט און אַוועקגעלאָזען אין רויך דורך פייער און באָמבעס. פונדעסטוועגען זיינען פאַראַן פאַרשוינען, וואָס גלויבען, אַז מלחמות וועלען קיינמאָל ניט אָפּגעשאַפט ווערען, ווייל אין דער נאַטור גופא גייט אַן אַן אייביגער קאַמף, און דער באַגער צו קעמפען איז געוואָרען אויך אַ טייל פון דער מענשליכער נאַ־טור, און פעלקער וועלען שטענדיג פירען מלחמות.

אָבער די אַנדערע לעבעדיגע באַשעפענישען שטייען דאָך נעהענטער צו דער נאַטור, ווי דער מענש. זיי זיינען דאָך בלויז נאַטירליכקייט, זיי ווערען געפירט בלויז פון זייער אינסטינקט,

און דאָך האָט נאָך ניט פּאַסירט, אַז אַ וואָלף, למשל, זאָל באַפאַלען אַ צווייטען וואָלף, אָדער אַז לייבען זאָלען רייסען איינער דעם צוויי־טען ביים גאַרגעל. קיין חיה פירט ניט קיין מלחמה קעגען איר מין, און אויב מענשען פירען מלחמות און מאַכען אַ תל פון זייער אייגענעם מין, איז דאָס ניט די שולד פון דער נאַטור, וועלכע האָט גאָר ניט איינגעפלאַנצט קיין באַגער צו פעלקער־מאָרד און לענ־דער־רויב.

טאָ פאַרוואָס פירען די מענשען מלחמות און פאַרגינען ניט איינער דעם צווייטען דאָס לעבען?

ווייל זיי זיינען נאָך ניט גענוג ציוויליזירט, ענטפערט דער באַ־קאַנטער געלערנטער פּראָפעסאָר דזשאָרדזש דאַרסעי, זיי וויסען נאָך ניט, ווי אַזוי איינצואָרדנען די געזעלשאַפט, אַז אַלע זאָלען קאָ־נען לעבען גלייך, צופרידען און גליקליך.

„אַ מאַנקי בלייבט אַ מאַנקי“, שרייבט פּראָפעסאָר דאַרסעי. „זי קאָן קיינמאָל ניט זיין אַנדערש, ווי זי איז געבוירען. אַ מענש אָבער קאָן זיין אַ טכויר און קאָן אויך זיין אַ הייליגער, ווייל די דזשאַנגעל־געזעצען אָדער די געזעצען פון דער נאַטור האָבען גאָר ניט קיין שייכות צום כאַראַקטער פון אַ מענשען, אויב ער איז ציוויליזירט און פאַרשטייט זיינע פליכטען צו דער געזעלשאַפט, און פריער אָדער שפּעטער וועט דאָך די ציוויליזאַציע זיגען...“

און וואָס דער מאָדערנער גוי׳אישער געלערנטער שרייבט, האָבען שוין געזאָגט די אַלטע אידישע לערער. נאָר דאָס וואָס ער רופט ציוויליזאַציע, האָט ביי זיי געהייסען דרך־ארץ, דאָס מיינט די לערע פון שיינע מידות און מעשים, די פאַראַנטוואָרטליכקייט, וואָס אַ מענש האָט צו דער געזעלשאַפט און די גוטע באַציאונגען צו זיינע מיטמענשען.

אָבער, ווי דער מאָדערנער געלערנטער, האָבען זיי געלייגט

דאָס שווערגעוויכט אויף דרך־ארץ, וואָס זיי האָבען דערקלערט נאָך וויכטיגער פון דער תורה, וואָרים נאָך לאַנג פריער אידער די תורה איז באַשאַפען געוואָרען, זאָגען זיי, איז געקומען די ציוויליזאַציע, אָדער דרך ארץ, און אַ ציוויליזירט פאָלק ווי אידען זיינען, מיט אַ שטאַרקען חוש פאַר גערעכטיגקייט, זיינען זיי זיכער, אַז —

„כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא שנאמר ועמך כלם צדיקים לעולם יירשו ארץ״, דאָס מיינט, אַז אַלע אידישע מענשען זיינען גלייך, אַלע ווילען זיי זיין גערעכט צום צווייטען און אַלע גלייך האָבען זיי אַ רעכט צו געניסען פון די ערדישע גיטער.

און מיט אָט דער הקדמה, וואָס זיי האָבען געמאַכט פאַר אַ באַ־שטימטען כלל, הויבען אָן אונזערע אבות, די אַלטע לערער, זייערע מאָראַלישע לערען אין יעדען פרק, וואָס טראַדיציאָנעלע אידען זאָ־גען אין אַלע זומערדיגע שבתים.

אייברעהעם לינקאָלנ׳ס אַ „רעצעפּט״

וואָס דער פּרעזידענט־הומאַניטאַריער לערנט פאַר׳ן מענשענ׳ס גליק. — זיין באַציאונג צו אידען.

אַ איד טאָר ניט זיין אַבערגלויביש און ניט זוכען קיין איבערנאַטירליכקייט. דאָס איז אַ בפירוש׳ער פאַרזאָג פון דער תורה, וואָרנען די לערער. נאָר מענשען, וועלכע גלויבען אין מזל און זיינען געוואוינט זיך צו מאַכען סימנים, וועלען אייך אָנווייזען, אַז עס מוז יאָ זיין עפּעס געהיימניספולעס אין דער נאַטור, און אַ סימן איז, אַז דאָס יאָר 1809 איז געווען אַ באַזונדערס מזל׳דיג יאָר. וואָרים אין יענעם יאָר זיינען געבוירען געוואָרען מערערע

בארימטע פערזאנען, וואס האבען געשאפען געשיכטע. עס זיינען אין יענעם יאר געבוירען געווארען די גרויסע מוזיקער שאפען און מענדעלסאן, די פאעטען טעניסאן, פאו און אנדערע, דער גאון פון וויסענשאפט טשארלז דארווין און נאך אנדערע גדולים. טאקע אונטער א באזונדערס מזל׳דיגען שטערן איז געשטאנען דאס יאר 1809.

און אין דעם זעלבען יאר איז אויך געבוירען געווארען איברעהעם לינקאלן, וועמענס געבורטסטאג עס ווערט היינט גע־יום־טוב׳ט אין גאנצען לאנד, אחוץ אין עטליכע סאוטערנער שטאטען.

עס איז ניטא קיין איד, וואס זאל זיין אזוי גרין, אפילו אויב ער איז ניט קיין אמעריקאנער, וועלכער זאל ניט וויסען, אז לינקאלן, דער 16טער פרעזידענט פון אמעריקע, איז דער גרויסער באפרייער פון מיליאנען נעגער־שקלאפען, און אויב א איד וויל וויסען מער וועגען לינקאלן און זיין לעבען, זאל ער פרעגען ביי זיינע סקול־קינדער, וועלכע קאנען אים דערציילען פיל אינטערעסאנטע איינ־צעלהייטען וועגען דעם מארטירער־פרעזידענט, וועלכער האט, ווי עס ווייזט אויס, געהאט אויך א געוויסע באציאונג צו אידען.

מיר נעמען דערויף די עדות פון געוויסע כראניקער, וועלכע דערציילען, דאס פרעזידענט לינקאלן פלעגט אפט אויפנעמען דע־לעגאציעס פון רבנים און שתדלנים, וועלכע זיינען געקומען צו אים וועגען פארשיידענע אידישע ענינים, און ווען ער פלעגט רעדען צו זיי און מאכען מיט זיינע לאנגע הענט, האט ער מיט זיין געשטאלט און מיט זיינע מאניערען איבערגעלאזען דעם איינדרוק פון א קליינ־שטעטעלדיגען היימישען אידען.

און דאס ווערט דא דערציילט ניט פאר א וויץ, ווארים אין א רעדע, וואס דער בארימטער אייזיק מאיר וויס, דער פירער פון דעם רעפארם־אידענטום אין אמעריקע און גרינדער פון סינסינע־טיער ראבינער־סעמינאר, האט געהאלטען אין זיין שול, און וואס

איז דעם 20טען אַפּריל, 1865, איבערגעדרוקט געווען אין אַלע ענג־לישע צייטונגען, האָט ראַבאַי וויס דערציילט גאַנץ ערנסט אַזוי:

„אין מיין געגענוואַרט האָט פּרעזידענט לינקאָלן זיך אויסגע־דריקט, דאָס ער איז זיכער, אַז ער איז פון אידישען אָפּשטאַם און אַז זיינע אור־עלטערען זיינען געווען אידען. ער איז אַ ביין פון אונזער ביין, פלייש פון אונזער פלייש . . .״

נאָר לינקאָלנ׳ס יחוס גייט אונז דאָ ניט אָן. ביי אידען, ווי עס איז באַקאַנט, האַלט מען פון דעם ווערטעל:

„אין בודקין מן המזבח ולמעלה״ — אַ מענש דאַרף האָבען זיין אייגענעם יחוס, מען זוכט ניט ווייטער פון אים אַליין. דאָס מיינט, אַז פאַר לינקאָלן איז גענוג געווען זיין יחוס עצמו, און ווען מיר יום־טוב׳ן צוזאַמען מיט אַלע אַמעריקאַנער זיין געבורטסטאָג, דער־מאָנען מיר זיך אויף זיין פאָרמולע, וואָס וואָלט זיכער פאַרשפּאָרט די מענשען אַ סך צרות, ווען מען זאָל זי ריכטיג אויספאָלגען.

איבערהעם לינקאָלנ׳ס רעצעפּט, אויב מ׳קאָן עס אַזוי רופען, איז געווען, אַז מענשען דאַרפען לעבען —

„מיט צדקה פאַר אַלעמען, מיט האַס פאַר קיינעם ניט און מיט ערליכקייט צו די רעכטען, ווי דער באַשאַפער האָט זיי אונז געגע־בען צו פאַרשטיין וואָס רעכט איז״.

אָבער צדקה מיינט ניט, ווען מען גיט אַן אָרימאַן אַ נדבה, צי מען שטיצט אַ וואוילטעטיגען אַנשטאַלט און מען פאַרנעמט זיך מיט פילאַנטראָפּישער אַרבעט. נאָר דער אמת׳ער זין פון צדקה איז צו האָבען אמונה אין מענשען און לעבען מיט דער איבערצייגונג, אַז יעדער פון אונז איז פון דער באַטור גוט און וויל טאָן וואָס רעכט איז.

איי עס זיינען פאַראַן לײדאַקעס און ניט פאַרגינערס, וואָס שטע־לען זיך ניט אָפּ פאַר קיין פאַרברעכען, אָבי אייך שלעכטס צו טאָן,

איז די סיבה, ווייל זיי האבען ניט געהאט קיין גוטע דערציאונג, אדער השפעה. נאר וויבאלד אין עצם זיינען זיי געבוירען געווארען גוט און זייער כאראקטער איז שפעטער פארדארבען געווארען דורך דרויסענדיגע אומשטענדען, קאן מען זיי אויפקלערען, עפענען די אויגען און זיי צוריקברענגען אויפ׳ן דרך הישר.

צדקה, לויט לינקאלנס פילאזאפיע, מיינט, אז מיר דארפען ניט אנקוקען איינע די אנדערע ווי מענשענפרעסער, נאר מען דארף האלטען אין געדאנק, אז יעדער פון אונז איז געבוירען פון א מענשליכער מאמען מיט די מענשליכע מעלות און חסרונות. און אויב די חסרונות וועגען אריבער די מעלות, זאל מען פונדעסט־וועגען דעם מענשען ניט פאברענען באלד אויפ׳ן פייער, נאר מען זאל מיט אים זיך דורכשמועסען און אים געבען צו פארשטיין, ביז מען קומט צו א טאלק און אלע סכסוכים ווערען אויסגעגלייכט.

און ווען לינקאלן האט געזאגט „מיט האס צו קיינעם ניט״, האט ער געמיינט, אז אויב איך האב עמיצען פיינט, דארף איך פונ־דעסטוועגען ניט טאן אים קיין שלעכטס, ניט טראכטען פון נקמה און ניט אריינרוקען אים א מעסער אין רוקען, נאר איך זאל זוכען אפצושאפען די סיבה, וואס האט ארויסגערופען די שנאה, און אין דעם פרט האט דער גרויסער פרעזידענט אנגענומען דעם שטאנד־פונקט פון די אלטע אידישע לערער, און אזוי דערציילט די גמרא:

רבי מאיר איז אריינגעפאלען צווישען שלעכטע שכנים, וואס האבען אים אנגעטאן גרויסע צרות, ביז דער לערער האט פאר־לארען די געדולד און געבעטען אויף זיינע פייניגער דעם טויט. זאגט צו אים זיין וואויל־קענעוודיג ווייב, די בארימטע ברוריה:

„דו ביזט ניט גערעכט, מיין מאן, ווייל אין פסוק הייסט דאך: ,יתמו חטאים׳, אבער ניט ,חוטאים׳. מען דארף בעטען, אז די זינד

זאָלען אויסגעראָטען ווערען, אָבער ניט די זינדיגע, מען טאָן קיין מענשען ניט האַסען״.

און אַזוי האָט טאָקע געמיינט איבערהעם לינקאָלן.

און אין זיין געבורטסטאָג, זאָל מען זיך דערמאָנען אויף דער לערע פון דעם פּרעזידענט־הומאַנטעריער, וועלכער האָט געוואָלט זעהן אַלע מענשען פריי און גליקליך.

דזשאָרדזש וואַשינגטאָן און די אידען

אַ קאַפּיטעל געשיכטע. — דער היינטיגער פאַשיזם אין אַמעריקע.

אין די צייטען פון דזשאָרדזש וואַשינגטאָן, לויט ווי עס איז באַקאַנט פון דער געשיכטע, האָבען אין ניו יאָרק זיך געפונען קוים 500 אידישע נפשות, און אין גאַנצען לאַנד זיינען זיי געווען ווייניגער פון דריי טויזענט. זיי זיינען אַליין געווען אימיגראַנטען, אָדער קינדער פון אימיגראַנטען, וועלכע האָבען אויסגעוואַנדערט מערסטענס פון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל און געוואַגעלט דורך בראַזילע און דורך די וועסט־אינדישע אינזלען, ביז זיי האָבען דערגרייכט די ברעגעס פון די פאַראייניגטע שטאַטן. אַ קליינע צאָל איז געווען פון דייטשלאַנד און נאָך ווייניגער פון פּוילען.

אָבער אַלע זיינען זיי געווען איינוואַנדערטע, צי קינדער פון איינגעוואַנדערטע, וועלכע האָבען נאָך ניט באַוויזען זיך איינצוּוואָרצלען אין לאַנד און זיך נאָך ניט צוגעפּאַסט צו דעם לעבען פון די שווערע קאָלאָניאַלע צייטען.

און פונדעסטוועגען וואָס פאַר אַ געוואַלטיגען איינפלוס האָט

דאָס הייפּעל אידישע אימיגראַנטען געהאַט דאָ אין לאַנד און ווי גרויס איז געווען צו זיי דער רעספּעקט פון די אַמעריקאַנער!

עס איז, צום ביישפּיל, גוט באַקאַנט די באַדייטענדע ראָל, וואָס אידען האָבען דעמאָלט געשפּילט אין דער גרויסער דראַמע פון דער מלחמה קעגען ענגלאַנד פאַר אַמעריקע׳ס אומאָפּהענגיגקייט, וויפיל פאַרמעגען און לעבענס די אידישע אימיגראַנטען האָבען מקריב געווען פאַר דער באַפרייאונג פון לאַנד.

די געשיכטע דערציילט, אַז נאָך דעם אַזוי־גערופענעם „סטעמפּ אַקט", ווען ענגלאַנד האָט אַרויפגעלייגט נייע אָפּצאָלונגען אויף אַמעריקע און האָט דערמיט אַרויסגערופען דעם צאָרן פון אַלע אַמעריקאַנער, זיינען ניין אידישע סוחרים, אונטער דער אָנפירונג פון מיכאל גראַץ, געווען פון די ערשטע, וועלכע האָבען באַיקאָטירט די ענגלישע סחורות. דער דאָזיגער באַיקאָט קעגען ענגלאַנד האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט דורך אַלע קאָלאָניעס און פאַרשנעלערט די רעוואָלוציע, וואָס האָט געפירט צו דער אַמעריקאַנער באַפרייאונג.

יענע אידישע סוחרים האָבען געליטען אַ גרויסען געלט־פאַרלוסט דורך דעם באַיקאָט צו העלפען זייער נייעם פאַטערלאַנד; אַנדערע רייכע אידען, ווי דער באַקאַנטער חיים סאָלאָמאָן, האָבען דירעקט אַוועקגעגעבען גרויסע פאַרמעגענס צו העלפען דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע.

אָבער ניט געלט־קרבנות אַליין האָבען די אידען געבראַכט פאַר אַמעריקע׳ס באַפרייאונג, נאָר אויך זייערע לעבענס האָבען זיי אַוועקגעגעבען פאַר אַמעריקע.

איז מרדכי שעפטעל, אַ איד פון סאַוואַנאַ, דזשאָרדזשיע, געווען דער גענעראַל פון אַ דזשאָרדזשיער בריגאַדע סאָלדאַטען און צוזאַמען מיט זיינעם אַ זון איז ער גענומען געוואָרען געפאַנגען פון די ענגלענדער.

האט קוירנעל שלמה בוש פון טשארלסטאן ארגאניזירט א קאר־פוס סאלדאטען פון אידישע וואלונטירען.

און עס זיינען באקאנט פון יענער צייט די נעמען פון די אי־דישע אפיצערען: יעקב דע לאמאט, יעקב דעליאן, מאיאר בונעז און יעקב קאהן פון טשארלסטאן, וועלכע האבען זיך אויסגעצייכענט אין פארשיידענע שלאכטען.

אבער מיר שרייבען דא ניט קיין געשיכטע און עס איז גאר ניט נויטיג איבערצוגעבען די נעמען פון אלע אידען, וועלכע האבען געהאלפען אין די מלחמות פון אמעריקע׳ס אומאפהענגיגקייט, נאר דזשארדזש וואשינגטאן האט, ווי עס ווייזט אויס, פארשטאנען אפ־צושאצען די אידישע פארדינסטען פאר׳ן לאנד, און ווען די אידישע קהלות פון פילאדעלפיע, סאוואנא, טשארלסטאן און ניופארט האבען אים צו זיין ערוועהלונג אין 1790 געשיקט באגריסונגען, האט ער געגעבען זעהר א פריינטליכען ענטפער, כאטש ער איז בטבע גע־ווען א שטאלצער מענש און א קאלטער לונג־און־לעבער.

אזוי איז וואשינגטאן, זייענדיג פרעזידענט, געפארען אמאל דורך איסטאן, פענסילווייניע, און האט זיך אפגעשטעלט אין דעם הויז פון מיכאל הארט, וועלכער איז געווען מער באקאנט אלס אידישער כלל־טוער, ווי פאר זיין עשירות.

די דאזיגע פריינטליכע באציאונג פון דזשארדזש וואשינגטאן צו די אידען איז, אין אמת׳ען, געוועזן דעמאלט דער כאראקטער־צוג פון יעדען אמעריקאנער, ווי דאס באווייזט דער קאמף פאר די אידישע רעכט אין מערילענד, מיט וועלכע אלע האבען סימפא־טיזירט.

און אויב א קליין הייפעל אימיגראנטען האט זיך אזוי פארדינט געמאכט ביים אמעריקאנער פאלק פאר די נוצען, וואס זיי האבען געבראכט אין א צייט פון נויט, קאן מען זיך שוין פארשטעלען ווי

גרויס עס דארפען זיין היינט די פארדינסטען פון די פיר מיליאן אידען אין אמעריקע, פון וועלכע די מערסטע זיינען שוין לאנג אמעריקאניזירט, איינגעווארצעלט פאר דורות אין דעם אמעריקא־נער באדען.

וויפיל האט דער פיר־מיליאניגער אידישער קיבוץ געהאלפען צו דער אנטוויקלונג פון דעם לאנד אויף אלע געביטען פון לעבען; וויפיל נייע געשעפטען און אינדוסטריען האבען אידען דא געשאפען; וויפיל האבען זיי פארגרעסערט די אמעריקאנער רייכטימער און וויפיל האבען זיי דא פארבעסערט די לעבענס־באדינגונגען.

מען דארף נאר אריינפארען אין די שטעטלעך פון דעם אמע־ריקאנער הינטערלאנד, וואו קיין אידען געפינען זיך ניט, און מען וועט ערשט דערזעהן, ווי נידערגעשטאנען זיי זיינען קעגען די שטעט, וואו עס וואוינען אידען; מען זעט ערשט דאן דעם וואוילטעטיגען אידישען איינפלוס אויף די איינוואוינער, וואס לעבען מיט זיי אין שכנות.

אבער דער גייסט פון דזשארדזש וואשינגטאן און פון זיין צייט איז היינט טויט; די פריינטליכע באציאונג, וואס אידען האבען א רעכט צו ערווארטען פון די אמעריקאנער, פעלט גאר אין א גרוי־סען טייל.

„די פאראייניגטע שטאטען זיינען היינט א נעסט פון פאשיזם, — אזוי שרייבט א באקאנטע ליבעראלע ענגלישע צייטונג. — אי־טאליע האט אירע שווארצע העמדלעך, דייטשלאנד אירע ברוינע העמדלעך, דא אבער געפינט מען העמדלעך פון אלע קאלירען, וויפיל איר געפינט אין א רעגענבויגען; אפילו די שטראלען פון דער לבנה האבען זיי אנגעהויבען אריינוועבען אין זייערע זילבערנע העמדלעך. יעדע העמדעלדיגע באוועגונג ווערט געפירט פון מענ־

שען, וואָס זוכען רייך צו ווערען פון מענשליכער אומוויסענקייט און לייכטגלויביגקייט.

„אָבער דער פּאַשיזם אין לאַנד אַנטוויקעלט זיך און ער איז שוין אויפ׳ן וועג״.

אַזוי שרייבט די ענגלישע צייטונג, און אפשר טאַקע דערפאַר וואָלט גוט געווען, אַז אין דעם יום־טוב פון וואַשינגטאָנ׳ס געבורטס־טאָג זאָלען אידען דערמאָנען דעם אַמעריקאַנער פאָלק, אַז אויב וואַשינגטאָן איז געווען דער פאָטער פון דעם פאָטערלאַנד, זיינען די אידען געווען די קינדער פון דעם פאָטערלאַנד, און מיר זיינען זייערע אייניקלעך, און אַז מיר גיבען אַמעריקע מער וויפיל די אַלע העמדעלדיגע פאַשיסטען, וואָס האָבען דעם פאַשיזם געמאַכט פאַר אַ געשעפט.

צו דעם געבורטסטאָג פון אַ העלד

גענעראַל ליע׳ס יום־טוב אין דער סאוט. — קיין אידישע העלדען דערמאָנט מען ניט. — פּרעה׳ס קי.

נִיט פיל אידען, אפילו ניט אַלע אַמעריקאַנער געבוירענע אידען, וויסען, אַז אין די סאוטערנער שטאַטען פון אונזער לאַנד, איז דער 19טער טאָג אין חודש יאַנואַר, אַ גרויסער יום־טוב, וואָס הגם אין אַלע אַנדערע טיילען פון דער מדינה איז ער ניט אָנער־קענט און מען וויל פון אים ניט וויסען, ווערט ער אָבער אַלע יאָר דורכגעפירט אין דער סאוט מיט גרויס פּאַראַד און איז פאַר יעדען סאוטערנער מענשען אַ הייליגער יום־טוב — דער יום־טוב, ווען מיט 140 יאָר צוריק איז געבוירען געוואָרען זיין העלד פון דעם בירגער־קריג („סיוויל־וואָר״), ראָבערט ע. ליע.

ראָבערט ליע איז געווען אַ גרויסער גענעראַל. אַ געבוירענער אין דער סאוט, איז ער געשטאַנען אויף דער זייט פון זיינע סאו־טערנער לאַנדסלייט, געפירט זייער מלחמה קעגען דער באַפרייאונג פון די שקלאַפען, און לויט ווי אַלע היסטאָריקער זאָגען עדות, וואָלט ער די מלחמה געוויס געוואונען, נאָר ער האָט געהאַט אַ קליינע אַרמיי, ניט קיין העלפט די גרויס פון דעם שונא׳ס, און קיין מיט־לען אויסצוהאַלטען די קליינע אַרמיי זיינען אויך ניט געווען — האָט ער סוף־כל־סוף געמוזט זיך אונטערגעבען צו לינקאָלנ׳ס גע־נעראַל גראַנט.

אָבער מיר שרייבען דאָ ניט די געשיכטע פון דעם בירגער־קריג און ניט די ביאָגראַפיע פון גענעראַל ליע. נאָר ווען מען רעדט וועגען דעם געבורטסטאָג פון דעם העלדישען גענעראַל, וואָס ווערט גע׳יום־טוב׳ט אין דער סאוט, מוז מען זיך דערמאָנען אויף די צוויי אידישע העלדען פון דער זעלבער מלחמה — אויף יהודה בענדזשאַמין און דיוויד ליווי, וועמען עס איז באַשערט געווען גאָר אַן אַנדער גורל ווי זייערע חברים אין קאַמף.

יהודה בענדזשאַמין ווערט פון אַלע אַמעריקאַנער היסטאָריקער אָנגערופען „דער מוח, דער קאָפּ פון דער קאָנפעדעראַציע״. דאָס באַווייזט, אַז די סאוט האָט אים אָנערקענט פאַר איר לייטענדען גייסט. ער איז געווען אַ דערפאָלגרייכער לאָיער און אַזוי באַליבט ביי אַלעמען, אַז מען האָט אים געשיקט אַלס סענאַטאָר אין וואַשינג־טאָן, וואו ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיינע באַרימטע קלאַ־סישע רעדעס.

נאָר ווען די מלחמה האָט אויסגעבראָכען, האָט ער רעזיגנירט פון סענאַט און זיך אַריינגעוואָרפען אין קאַמף אויף דער זייט פון דער סאַוט, כאָטש ער האָט מערערע מאָל דערקלערט, אַז ער אַליין איז אויך פאַר דער אָפּשאַפונג פון שקלאַפעריי.

און ווי האָט ער אַנדערש געקענט רעדען? זיין טאַטע איז דאָך געווען אַ שוהל־איד, ער האָט געבויט די רעפאָרמירטע שוהל אין טשאַרלסטאָן, און כאָטש עס איז ניט באַקאַנט וויפיל ער האָט דעם זון געלערענט אידישקייט, האָט דער יונגער יהודה דאָך געמוזט וויסען, אַז די אידישע תורה פאַרהאַסט שקלאַפעריי און פאַרזאָגט „וקראתם דרור בארץ לכל יושביה” — אַלע מענשען מוזען זיי פריי. און אַזוי האָט בענדזשאַמין אויך געגלויבט. ער איז אָבער באַ־שטאַנען אויף דעם פרינציפּ, אַז די נאָרד האָט קיין רעכט ניט זיך אַריינצומישען אין אינערליכען לעבען פון דער סאַוט. און כדי צו פאַרטיידיגען אָט דעם פרינציפּ, איז ער געווען איינער פון די הויפּט־פירער פון דער קאָנפעדעראַציע, איר יוסטיץ־מיניסטער און קריגס־מיניסטער און ער האָט געבראַכט שווערע קרבנות ביז צום סוף פון דער מלחמה.

נאָך שווערערע קרבנות האָט געבראַכט דער צווייטער איד, דייוויד לֶוויי, וועלכער איז געווען ניט נאָר אַ סאַוטערנער פּאַט־ריאָט, נאָר איינער פון די בויער פון דער סאַוט.

דייוויד ליוויי איז געווען אַ פּאָרטוגעזישער איד, אַן אייניקעל פון אַ פרומען אידען, וועלכער איז געשטאָרבען אויפ׳ן שייטער־הויפען פון דער אינקוויזיציע אין ליסאַבאָן, און דער טאַטע מיט׳ן הויזגעזינד האָבען מיט מסירת־נפש זיך געראַטעוועט אויף אַ שיף, וואָס האָט זיי געבראַכט אין די וועסט אינדיעס, וואו דער פאָטער האָט מצליח געווען אין געהילץ־געשעפט, אָדער לאָמבער־ביזנעס, און דאַן האָט די פאַמיליע זיך באַזעצט אין פלאָרידע.

דייוויד האָט פון טאַטען געקראָגען אַ גוטע אידישער דערצי־אונג, נאָר דער זון האָט געהאַט אַנדערע אַמביציעס, ווי צו אינטע־רעסירען זיך מיט אידישקייט. און ווען ער האָט איבערגענומען דעם טאַטענ׳ס געשעפטען, האָט ער זיי ווייט פאַרצווייגט, געגראָבען

קאַנאַלען, געלייגט שאָסייען, געבויט די סיבאָרד איזענבאַן און גע־מאַכט אַנדערע וויכטיגע פאַרבעסערונגען, און דער שטאַט האָט גע־קראָגען אַ נייעם פּנים.

און די מענשען זיינען אים באמת געווען דאַנקבאַר פאַר זיינע אויפטואונגען, און זיי האָבען אים דערוויילט אין סענאַט אין וואַ־שינגטאָן און פאַראייביגט זיין נאָמען אין אַ ליוויי־קאַונטי, אין אַ ליוויי־שטעטעל, ליוויי־גאַסען און ליוויי־מוזייאומס.

אַוודאי האָט עס דייוויד ליוויי פאַרדינט. ער איז אין סענאַט געווען דער שטאַרקסטער פאַרטיידיגער פון דער סאַוט און דער בי־טערסטער אַנגרייפער פון די נאָרדערנע „אריינדרינגער‟, כאָטש אין דער עיקר פראַגע האָט ער געהאַלטען מיט די בעגערס, נאָר ער האָט געגלויבט, אַז די אָפּשאַפונג פון שקלאַפעריי מוז קומען בהדרגה, דורך לאַנגזאַמער אויפקלערונג, ניט ראַפּטאָם דורך גוואַלד־מיטלען.

סיי־ווי האָט די סאַוט דעם בלוטיגען קאַמף פאַרלאָרען, און לויט דעם אַלטען כּלל „ווי דעם באַזיגטען‟, איז איבער די באַזיגטע פּי־ריער פון דער קאָנפעדעראַציע אויפגעהויבען געוואָרען די קלאַגע פון פאַרראַט צום לאַנד, וואָס האָט געדראָהט מיט טויט־שטראָף אָדער מיט לאַנגע טערמינען אין געפענגעניש.

נאָר גענעראַל ליע האָט פון דער קלאַגע קיין צימעס ניט גע־מאַכט. נאָכדעם ווי ער האָט פאַרלאָרען די מלחמה, האָט ער רואיג זיך געלאָזט אויסקלייבען פאַר פּרעזידענט פון אַן אַלטען סאַוטער־נער קאַלעדזש און האָט פאַרענדיגט זיינע יאָרען אין כבוד און אין גדולה.

אויך קעגען אַנדערע באַזיגטע האָט מען די קלאַגע געלאָזט פאַלען און אַלע זיינען באַגנאַדיגט געוואָרען. נאָר אַנדערש איז געווען דער גורל פון די צוויי אידישע פירער.

יהודה בענדזשאַמין, „דער מוח פון דער קאָנפעדעראַציע‟, האָט

געפילט, אַז אים וועט מען ניט שאַנעווען און זיין פרייהייט און אפשר אויך זיין לעבען זיינען אין געפאַר, האָט ער באַציטענס זיך געראַטעוועט און אַנטלאָפען קיין ענגלאַנד, וואו ער איז געוואָרען נאָך מער באַרימט ווי ער איז געווען אין אַמעריקע. און דיוויד ליווי האָט אַזוי לאַנג געוואָרט אויף זיין באַגנאַדיגונג, וואָס זאָל אים צוריקברענגען אין געזעלשאַפט, ביז ער איז אַן עלענטער, אַ פאַרלאַזענער, געשטאָרבען אין אַ קאַמערל פון אַ מיטעלמעסיגען ניו־יאָרקער האָטעל.

וואָרים בנוגע אידען זיינען די אומות העולם אין דער בחינה פון פרעה׳ס מאַגערע קי. כמעט אַלע אומות נעמען פון דעם אידען קרבנות, זיי שלינגען איין זיין פאַרמעגען און זיינע פעהיגקייטען און זיי בלייבען צו אים מיט זייער אַלטער אייביגער שנאה.

און אונזערע אַסימילאַטאָרישע אידען וועלען פון דעם סאָוטערנער יום־טוב פון ליע׳ס געבורטסטאָג אפשר עפּעס לערנען...

שונאים פעלשען אידישע ספרים

ווי משומדים פעלשען וויכטיגע אידישע ספרים

מיר זיינען געזעסען זאַלבעפערט אין דער קהל׳שער סוכה, דריי חשוב׳ע באַלעבאַטים און דער שרייבער פון די שורות און מען האָט געפירט דעם באַקאַנטען שמועס וועגען דער סוכה, וואָס איז דער סימבאָל פון אידישען גלות לעבען, פון אידישער שפלות און אידישער אומזיכערקייט, און פאַר אַ ביישפיל האָט איינער פון די אידען דערציילט אָט די געשיכטע:

— אונזער שטעטל איז דורכאויס אידיש. אידען האָבען עס אויפגעבויט, אידען האָבען עס באַרימט געמאַכט, אידען זיינען די

ביזנעסלייט, די אַרבעטער און די שטייער־צאָלער. נאָר אין די „יוטיליטיס״, ווי מען רופט זיי, אין דער עלעקטריק, גאַז און וואַסער און טעלעפאָן קאָמפּאַניס, וואָס ווערען רייך פון אידען, איז ניטאָ קיין אידישער אָנגעשטעלטער. אפילו אין סיטי האָל, וואו זיי ווערען דיק און פעט פון אידישע פּאָדאַטקעס, דערלאָזט מען אויך ניט קיין אידען. צי דאַרף מען נאָך אַ בולט׳ערן באַווייז פון דעם אַנטי־סעמיטיזם, וואָס הערשט געגען אונז?

— אין דעם פּרט זיינען מיר אויך ניט כולו תכלת, — האָט באַמערקט אַ צווייטער באַלעבאָס. — און אידען האָבען האָלט די גוים? האָט דאָך שוין דער נביא געזאָגט: אונזערע עלטערען האָבען געזינדיגט און מיר ליידען פאַר זייערע זינד.

— איר מיינט צוזאָגען, אַז דער גוי איז דער קאָזאַק הנגזל?

— פרעגט אים געלאַסען דער שרייבער. — מיט וואָס טאַקע זינ־דיגען אידען לגבי די אומות?

— אויב די גמרא האָט געקענט זאָגען „הכשר שבגויים הרוג״ — דעם בעסטען גוי הרג׳ע — טאָ דאַרפען מיר דאָך ניט האָבען פאַראיבעל פאַרוואָס די גוים האָבען אונז פיינט, — ענטפערט דער למדנ׳ישער באַלעבאָס.

און עס האָט גענומען לאַנג צו דערקלערען דעם אידען, אַז די גמרא האָט קיינמאָל ניט געהאַט אַזאַ זאָגעכץ. די אידישע חכמים האָבען קיינמאָל ניט געלערענט צו מאָרדען אַ מענשען דערפאַר ווייל ער איז אַ גוי. זיי האָבען יאָ געזאָגט „הכשר שבמצרים הרוג״. אַזוי איז דער נוסח אין די אַלטע גמרות. אָבער מיט די מצרים אָדער עגיפּטער, ווי עס איז באַקאַנט, האָבען אידען גאָר אַ באַזונ־דערען חשבון.

וואָרים זינט דעם גרויסען פּרעה פון משה רבינו׳ס צייטען ביז דעם היינטיגען קליינעם „פּרעה״, אָדער ווי מען רופט אים פאַרוק,

האָבען די עגיפּטער אַלעמאָל זיך אַרויסגעוויזען פאַר קאַלטע גלזנים, פון וועלכע אידען האָבען אייביג געהאַט צרות. און מען דאַרף נאָר זיין באַקאַנט מיט דער אידישער געשיכטע פון די ביבלישע צייטען ביז אויף דער היינטיגער עגיפּטישער מלחמה געגען ישראל, כדי צו פאַרשטיין, אַז דער אידישער האַס געגען דער פאַלשער שלאַנג, ווי דער נביא רופט מצרים, איז אַ באַרעכטיגטער.

נאָר אַנשטאָט „מצריים", פון וועלכע די גמרא רעדט, האָבען אידישע שונאים אַריינגעשמוגעלט דאָס וואָרט „גויים", כדי אויפצורייצען די גוי'אישע וועלט געגען אידען, און דאָס איז ניט זייער איינציגע פעלשונג. זיי האָבען, אַזוי צו זאָגען, פאַגראַמירט דעם אידישען גייסט, געפעלשט די אידישע ספרים, ווי זיי האָבען געמאַכט פאָגראָמען אויף אידיש האָב און גוטס און אומגעבראַכט אידישע לעבענס.

און ווי וויט עס האָט געגרייכט די חוצפה פון די שונאים, די גייסט־פאָגראָמשטשיקעס, באַווייזט אָט די אמת'ע געשיכטע:

די אַמאָליגע ראָמ'ס דרוקעריי פון ווילנע איז אַמאָל געווען געצוואונגען איבערצוגעבען די דרוק־אַרבעט פון אַ צאָל גמרות צו אַן אַנדער דרוקער, און די באַשטעלונג איז געמאַכט געוואָרען אין בערלין ביי אַ געוויסען זיטענפעלד, וועלכער האָט געהאַט אַ פריינט אַ געלערענטען משומד. קומט אַמאָל דער משומד אַריין אין זיין פריינט'ס דרוקעריי בעת עס האָט זיך געדרוקט די גמרא שבת, דף ל"א, וואו עס געפינט זיך דער מאמר:

„אמר רבא...ווען די בידנע נשמה קומט פאַרן בית דין של מעלה ווערט זי אונטערגעוואָרפן צו אַ שטרענגען פאַרהער און צווישען אַנדערע פראַגען פרעגט מען אויך: „צפית לישועה" — צי האָסטו געהאַט בטחון אין דעם רבונו של עולם?

און דער משומד האָט באַאיינפלוסט דעם סטערעאָטיפּער אָפּ־

צוקראַצען דעם לעצטען בוכשטאַב פון „לישועה״ און עס צו פאַר־גלעטען, כדי מען זאָל ניט באַמערקען די פעלשונג. און ווען די גמרות זיינען צוריקגעבראַכט געוואָרען אין ווילנע האָט דער בעל־מגיה („פרוף־רידער״) געפונען זיי אַלע מיט דעם נייעם נוסח „צפית לישוע — צי האָסטו געהאָפט אויף יעזוס׳ן ?״

פאַרשטייט זיך, אַז די גמרות זיינען צעשטערט געוואָרען מיט אַ גרויסען היזק פאַר די באַלעבאַטים, נאָר דער עיקר איז, אַז דאָס מאָל איז די פעלשונג אַנטדעקט געוואָרען און די יעזוס פראָפּאַ־גאַנדע איז דורכגעפאַלען. אָבער אַ סך פעלשונגען זיינען אַריינ־געשמוגעלט געוואָרען אין אידישע ספרים, וואָס זיינען געבליבען אומבאַמערקט און האָבען זיך איינגעבירגערט, אַז זיי ווערען שוין באַטראַכט שיער ניט פאַר אַ טייל פון דער אידישקייט.

וואָרים פעלשען די אידישע ספרים איז פאַר די שונאים גע־ווען אַ לייכטע אַרבעט. זינט גוטענבערג האָט דערפונדען די קונסט פון דרוקען ספרים זיינען די ערשטע דרוקערייען געלעגען אין גוי־אישע הענט. גויים האָבען געדרוקט די ביבעל, די גמרות און אַלע אידישע רעליגיעזע ספרים און די מומחים אויף אידישקייט זיינען געווען משומדים, וועלכע האָבען געפעלשט דעם טעקסט, ווי זיי איז געפעלען, און נאָכדעם זיינען זיי געגאַנגען צו די גלחים מיט מסירות, אַז די אידישע ספרים זיינען פול מיט באַליידיגונגען אויף יעזוס׳ן.

און די גלחים האָבען געברענט די אידישע ספרים, ווי זייער אינקוויזיציע האָט געברענט לעבעדיגע אידישע גופים. אַזוי האָט מען אין ראש השנה מיט דריי הונדערט יאָר צוריק פאַרברענט אַלע אידישע ספרים אין איטאַליע. מיט איין יאָר שפּעטער האָט דער פּויפּסט געלאָזט פאַרברענען צען טויזענט גמרות אויף דער מסירה פון אַ באַקאַנטען משומד, און אין פּאַריז האָבען זיי פאַרברענט צוואַנ־ציג וועגענער מיט גמרות און די פּאַגראָמען אויף די אידישע ספרים

האבען נאך לאנג ניט אויפגעהערט. אנדערע ספרים זיינען געראַ־טעוועט געוואָרען צוזאַמען מיט די פעלשונגען, וואָס די משומדים האבען אין זיי אריינגעשמוגעלט.

נאָר די געשיכטע פון די פעלשונגען אין די אידישע ספרים דאַרף נאָך ערשט געשריבען ווערען. אָבער ווען אַ איד לייענט אין אַ פרומען אידישען ספר אַ געדאַנק, וואָס איז פרעמד זיינע אידישע איבערצייגונגען, זאָל ער ניט באַלד ציען זיינע אייגענע שלוסען, ווי דאָס האָט געטאָן יענער חשוב׳ער באַלעבאָס אין דער סוכה.

אַ קאַפּיטעל פון דער אידישער געשיכטע

ברוך ספּינאָזאַ, וועלכער איז געשטאָרבען דעם 21טען פעברואַר, 1677.

וועגען ספּינאָזאַ דעם פילאָזאָף, ספּינאָזאַ דעם מענש, האָבען שוין גאָר פיל געשריבען, סיי זיינע פריינט און סיי זיינע געגנער. פאַראַן, למשל, היסטאָריקער, וועלכע פאַרגלייכען ספּי־נאָזאַ׳ן צו אברהם אבינו, ווייל יענער האָט צעבראָכען אַלע געצקעס און געלערענט די מענשען גלויבען אין אַן איינציגען גאָט און דער דאָ האָט אויך געוואָלט שאַפען אַ נייעם גאָט, וואָס וואוינט ניט אין די הויכע הימלען — נאָר ער זיצט אינ׳ם מענשען גופא.

אַנדערע געלערענטע, ווידער, האַלטען ספּינאָזאַ׳ן שיער־ניט פאַר אַ שונא ישראל און געפינען אויך פגימות אין זיין פילאָזאָפי־שער שיטה.

גאַנצע בערג מיט ביכער זיינען שוין אָנגעשריבען געוואָרען וועגען דעם „פילאָזאָף פון אַמסטערדאַם“. אָבער זעהר ווייניג דער־

ציילט מען אונז וועגען דעם אידישען לעבען אין יענער צייט, וועגען דער עפּאָכע און דעם דור, פון וועלכען ספּינאָזאַ איז אַרויסגעוואַק־סען. ניט פיל, ווי עס ווייזט אויס, אינטערעסירט מען זיך ביי אונז מיט אידישער געשיכטע.

און דאָך איז דאָס קאַפּיטעל אידישע געשיכטע פון דעם צווייטען העלפט פון זיבעצענטען יאָרהונדערט, ווען ספּינאָזאַ האָט געלעבט און געשאַפען איינס פון די פאַרבענרייכסטע ווערק אין אידישען גלות־לעבען און פול מיט אָטעם־פאַרכאַפּענדיגע עפּיזאָדען, וואָס אידישע קינדער וואָלטען גערן לייענען און דערפון עפּעס לערנען.

אין יענער צייט האָט נאָך אין די קאַטוילישע לענדער גע־בושעוועט די אינקוויזיציע, וועלכע האָט ערשט מיט אַ פּאָר צענד־ליג יאָר פריער פאַרברענט זעקס הונדערט אידען אויפ׳ן שייטער־הויפען. פונדעסטוועגען האָט צווישען די מאַראַנאָס זיך אָנגעהויבען אַזוי־צו־זאָגען אַ שטיקעל מרידה קעגען דער קירך. זיי האָבען געהערט, אַז האָלאַנד איז פריי פון רעליגיעזע רדיפות, זיינען זיי אַנטלאָפען פון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל און אין אַ קורצער צייט האָט אין אַמסטערדאַם זיך געבילדעט אַ קהלה פון באַרימטע מאַראַנען־פאַמיליעס.

צווישען זיי זיינען געווען פילאָזאָפען, דאָקטוירים, מאַטעמאַ־טיקער, פּאָעטען און פרויען־פּאָעטעסעס — אַלע זיילען פון דער דעמאָלסדיגער קולטורעלער וועלט, וועלכע האָבען מיט לעבענס־געפאַר זיך געראַטעוועט פון דער אינקוויזיציע.

אַזוי, למשל, האָט דער גרויסער קאַטוילישער בישאָף ווינסענט ראָקאַמאָראַ, דער בייכט־פאָטער פון דער שפּעטערדיגער דייטשער קייזערין און פראָקוראָר פון די אנוסים, געוואוסט, אַז אים אַליין איז די קירך חושד, אַז ער איז אַ באַהאַלטענער איד, און אַז פריער אָדער שפּעטער וועט ער אַריינפאַלען אין די נעגעל פון דער אינ־

קוויזיציע, איז ער באצייטענס אנטלאָפען קיין אַמסטערדאַם, האָט אָנגענומען דעם נאָמען יצחק, געוואָרען דער פרנס פון דער אידישער קהלה און איינער פון די גרעסטע פּאָעטען פון זיין צייט.

אַנדערע צוויי באַרימטע מאַראַנאָס עמיגראַנטען פון שפּאַניע אין יענער צייט זיינען געווען די פּענזאָס, אַ טאַטע מיט זיין זון. דער טאַטע, יצחק פּענזאַ, איז געווען אַ באַנקיר און אַ גרויסער נדבן. מען דערציילט, אַז ער האָט אויסגעטיילט אויף אידישער צדקה פופציג טויזענט גולדען, וואָס איז דעמאָלט געווען גאָר אַ גרויס פאַר־מעגען. דער זון, יוסף פּענזאַ, האָט שוין אַלס בחור׳ל פון זיבעצען יאָר אָנגעשריבען אַ העברייאישע דראַמע „אסירי התקוה" (די גע־פאַנגענע האָפענונג) און איז געווען אַ באַדייטענדער העברייאישער פּאָעט, אַחוץ וואָס ער האָט געשריבען אין אַנדערע שפּראַכען און געווען אַ לערער פאַר דער אידישער יוגענט אין אַמסטערדאַם.

ניט אַזוי גליקליך איז געווען אַן אַנדער מאַראַנאָ, יצחק דע קאַסטראָ, אַ גרויסער געלערנטער און פּראָפעסאָר אין אַ שפּאַני־שען אוניווערזיטעט. אַ דינער האָט אים פאַר׳מסר׳ט פאַר דער אינ־קוויזיציע, אַז ער איז אַ באַהאַלטענער איד. האָבען אים די פרומע תליונים פון דער קירך אַריינגעוואָרפען אין געפענגעניש און לאַנג געפּייניגט מיט אַלערליי סאָרטען מאַרטער־מאַשינען, אַז ער זאָל זיך מודה זיין אין זיין אידישקייט. אָבער דע קאַסטראָ האָט אַריבערגע־טראָגען די מורא׳דיגסטע יסורים און זיך ניט מודה געווען, און אַ האַלב־טויטען האָט מען אים אַרויסגעטריבען פון שפּאַניע.

עס האָט געדויערט לאַנג ביז ער איז געקומען צו זיך און האָט געוואַנדערט פון שטאָט צו שטאָט ביז ער האָט זיך דערשלאָגען קיין אַמסטערדאַם, וואו ער איז געוואָרען פּראָפעסאָר אין אוניווער־זיטעט. דע קאַסטראָ האָט שפּעטער געשריבען און גערעדט געגען קריסטענטום, וועלכען ער האָט ביטער אַטאַקירט, און די גרויסע

גלחים האָבען זיך געזעהן געצוואונגען אים צו ענטפערען און פאַר־טיידיגען זייער אמונה.

אַדאַנק די מאַראַנען איז אַמסטערדאַם פון ספינאָזאַ׳ס צייט גע־וועהן איינער פון די וויכטיגסטע קולטור־צענטרען אין דער וועלט. אין אַמסטערדאַם האָבען זיך געראַטעוועט די מענשען פון פראַגרע־סיווען געדאַנק, וואָס זיינען אין די קאַטוילישע לענדער געווען אין געפאַר פון דער אינקוויזיציע, און אין אַמסטערדאַם האָבען די קאַסט־ראָס, די פענזאָס און אַנדערע געלערענטע מאַראַנען געלייגט דעם ווינקעלשטיין פאַר דער אַזוי־גערופענער השכלה, וואָס האָט מיט הונדערט יאָר שפּעטער זיך אַריבערגעטראָגען אין די מזרח־אייראָ־פּיאישע לענדער און איז באַקאַנט געוואָרען אַלס די בערלינער השכלה.

און די מערסטע געלערנטע מאַראַנען האָבען גוט געקענט ספּי־נאָזאַ׳ן און פיל פון זיי זיינען מיט אים אפילו געווען שטאַרק באַ־פריינדעט. נאָר איינזעהענדיג, אַז ער האָט ניט אויף זיי קיין איינ־פלוס און קיינער וויל זיך ניט צוהערען צו זיינע אידייען, האָט ער פון זיי זיך צוריקגעצויגען און ניט געוואָלט מער פון זיי ווי־סען, אַזוי ווי ער האָט ניט געוואָלט וויסן פון דער נייער באַוועגונג, וואָס האָט דעמאָלט אויפגעשטורעמט די אידישע וועלט — די באַ־וועגונג, וואָס שבתי צבי האָט געשאַפען, אַז ער איז דער נייער משיח, וואָס וועט ברענגען די אידישע גאולה.

שבתי צבי האָט זיין משיח־אידייע געבויט אויף דער קבלה, וואָס פיל אידען האָבען זיך גענומען פלייסיג לערנען, און הגם ספּינאָזאַ האָט ניט פאַרקערט מיט אידען און זיך דערווייטערט פון זיי, גלויבען פונדעסטוועגען געוויסע היסטאָריקער, אַז ער האָט זיין פאַנטעאיזם, די אידייע פון אַלגאָטהייט, גענומען פון אידישע

קוואַלען, פון דער קבלה, טאַקע ווי דער מחבר פון „שיר היחוד״ זינגט צו גאָט:

„סובב את הכל ומלא את כל ובהיות הכל אתה בכל״ — און אומפאַסט אַלץ און אַלץ פילסטו אָן, און וויבאַלד אַלץ איז געשאַפען, ביזטו דאָ אין אַלץ. אָבער דאָס איז דאָך וואָס ספּינאָזאַ לערענט.

און דאָס באַווייזט, אַז אַ מענש קען פון זיך ניט אַנטלויפען. אַ בעסערער איד, אַ גוטער איד, וואָס פאַר אַ איד, נאָר סוף כל סוף בלייבט מען אַ איד, אפילו ווען מען וויל פון אידען זיך אָפּפרעמדען.

די אידישע געשיכטע לערנט עס.

ווען מען זוכט אַ קאַריערע פאַר אַ קינד

געלערנט זאָגען, אַז מען מוז זיך רעכענען מיט'ן קינד'ס פעהיגקייטען, ניט וואָס די עלטערען ווילען.

אין אַלע צייטען און אין אַלע לענדער האָבען געטרייע אידישע עלטערען תמיד געגלויבט, אַז אויסקלייבען אַ חתן פאַר דער טאָכטער און אַ קאַריערע פאַר'ן זון איז דורכאויס טאַטע־מאַמעס רעכט, וואָס מוז זיין הייליג און אומבאַשטרייטבאַר.

די מיידלעך האָבען דאָס דאָזיגע רעכט אָפּגעפרעגט. זיי האָבען פאַרשריען די דעספּאָטיע צו קאָנטראָלירען זייערע מיידעלשע געפיהלען און אַרויפצווינגען אויף זיי חתנים. איז עס אָפט געקומען צו אָפענע קאַמפען, און ניט זעלטען האָבען זיך אָפּגעשפּילט טראַגישע סצענעס און אידישע ראָמאַניסטען האָבען געהאַט צו שרייבען בענדיגע ראָמאַנען.

און פונקט ווי דאָס אויסקלייבען אַ חתן פאַר דער מיידעל איז

ניט אַלע מאָל צוגעגאַנגען גלאַטיג, אַזוי איז אויך דאָס אויסקלייבען אַ קאַריערע פאַר'ן אינגעל ניט תמיד געווען מזל'דיג. וואָרים גע־טרייע אידישע עלטערען ווילען דעם אינגעל לערנען די בעסטע פּראָפעסיע, וואָס זאָל אים פאַרזיכערען אַ גרינג לעבען אין כבוד און עשירות; אָבער ניט אַלע אינגלעך זיינען גלייך אַמביציעז און האָבען די זעלבע פעהיגקייטען.

אין די פריהערדיגע צייטען, למשל, איז „תורה געווען די בעסטע סחורה", און גוטע אידישע טאַטע־מאַמע האָבען געוואָלט מאַכען זייערע אינגלעך פאַר רבנים. האָט מען יונגע קינדער אַוועק־געשיקט אין דער פרעמד אויף הפקר, געלאָזט זיי זיך וואַלגערען אין הונגער און נויט, אַבי געמאַכט זיי פאַר ישיבה־בחורים. אָבער וויפיל אמת־גרויסע רבנים זיינען אַרויסגעוואַקסען פון די אַלע תורה־לערנער?

שוין מיט אַריבער צווי טויזענט יאָר צוריק, ווי די גמרא דער־ציילט, איז דער תנא־פריגייסט אלישע בן אבויה געגאַנגען איבער די קלויזען און בתי־מדרשים און האָט אַרויסגעטריבען די ישיבה בחורים, רופענדיג צו זיי:

— וואָס פאַרשווענדט איר אייער צייט אומזיסט? וויפיל פון אייך וועלען גאָר בלייבען ביים לערנען? גייט און ווערט ערליכע בעלי־מלאכות, שוסטערס, שניידערס, סטאָליאַרעס.

אַזוי האָבען אויך גע'טענה'ט מיט אַ הונדערט יאָר צוריק אונזערע משכילים, וועלכע האָבען געהאַלטען, אַז ניט אַלע ישיבה בחורים זיינען מסוגל צו ווערען מורי הוראות ביי אידען; איז פאַר וואָס זאָלען זיי ניט בעסער זיך פאַרנעמען מיט ניצליכע מלאכות און ניט פאַרטאַכלעווען אומזיסט זייער צייט?

נאָר ניט יענער תנא „אחר" און ניט די שפּעטערדיגע משכילים האָבען ניט געמאַכט קיין ווירקונג, ווייל אידישע עלטערען זיינען

פעסט באַשטאַנען אויף זייער רעכט אויסצוקלייבען אַ פּראָפּעסיע פאַר'ן אינגעל, ווי זיי האָבען געהאַלטען פאַר זייער אומבאַשטרייט־באַר רעכט אויסצוקלייבען דעם חתן פאַר זייער מיידעל.

איז אויף דעם רעכט צו פאַר'שדכנ'ען די טאָכטער האָבען שוין די גוטע עלטערען היינט מותר געווען, ווייל זיי האָבען ניט קיין אַנדער ברירה; די מיידלעך האָבען אַליין אָנגעהויבען זיך צו פאַר־שדכנ'ען און פרעגען אפילו ניט קיין עצה ביי טאַטע־מאַמע'ן.

נאָר אָן דעם רעכט פון אַ קאַריערע פאַר'ן אינגעל קלאַמערען זיך אידישע עלטערען ווי מיט צוויי טויזענט יאָר צוריק מיט די זעלבע אַלטע באַגריפען און מעטאָדען, ווי עס דערציילט אָט די אמת'ע געשיכטע:

מיט יאָרען צוריק איז אַ אידישע פרוי אין אירע בעסטע מי־טעלע יאָרען געבליבען מיט דריי קליינע קינדער אַן אלמנה פון איר מאַן. האָט זי לאַנג געוויינט און געטרויערט נאָך איר טויטען מאַן, אָבער די דריי עופ'עלעך האָבען איר דערמאָנט אויפ'ן לעבען אַז זי האָט זיך איינגעשפּאַנט אין דעם שווערען וואָגען פון די טעג־ליכע דאגות. זי איז געוואָרען די ברויט־געבערקע און געטריי צו איר באַשלוס ניט צו געבען אירע קינדער קיין שטיף־טאַטען. און וואָס קאָן אַ געטרייע אידישע מאַמע ניט באַוויזען? ניט נאָר האָט אירע קינדער גאָר ניט געפעלט, נאָר זי האָט נאָך צוויי פון זיי געשיקט אין קאָלעדזש, געמאַכט איינעם פאַר אַ דענטיסט, דעם צווייטען פאַר אַ לאָיער.

אָבער איר אינגסטער זון, אַ בחור'ל פון זעכצען יאָר, דערציילט זי, פאַרשאַפט איר גרויס עגמת נפש. זי האָט געהאָפט צו מאַכען אים פאַר אַ לייט, ווי די אַנדערע צוויי זין, נאָר ער וויל ניט לערנען, אפילו „פּאַבליק סקול" איז אים שווער געווען דורכ־צומאַכען און קוים וואָס זי האָט אים דורכגעשטופּט אַ יאָר „היי־

סוקל״. מער גייט עס ניט. ער וויל אַרבעטען אין אַ געשעפט, זאָגט ער; און וואָס וועט זיין דער תּכלית? פרעגט די גוטע מאַמע.

תּכלית, ווי אונזערע אידען רופען עס, אָדער קאַריערע פאַר אַ יונגען מענשען, זאָגען מאָדערנע געלערטע, פאַכלייט פון קינדער־דערציאונג, הענגט אָפּ ניט פון די עלטערען און ניט זיי קאָנען פאַר׳ן קינד אויסקלייבען זיין וועג אין לעבען; דאָס ווענדט זיך אָן זיינע פעהיגקייטען, אָן זיין ווילענס־קראַפט און אויך אָן די דרויסענדיגע אומשטענדען, וואָס מיר קאָנען ניט קאָנטראָלירען.

און דאָס מיינט, אַז אויב די גוטע מאַמע פון יענעם בחור׳ל וועט אים צווינגען צו דעם תּכלית, וואָס ער וויל ניט און צו וועלכען ער איז ניט פעהיג, אויב זי וועט אים טרייבען צו די שול־ביכלעך אַנשטאָט וואָס ער אידעאַליזירט געשעפט, וועט עס זיין איר שולד, ווען איר קינד וועט אויסוואַקסען אַ לא יוצלח און זיין אַ דורכפאַל אין לעבען.

אגב, דאַרף מען ניט מאַכען פון קאַלעדזש־בילדונג קיין עבודה־זרה און ניט לייגען די גאַנצע האָפענונג אויף געשטודירטע זין, ווי די מערסטע אידישע מאַמעס זיינען געוואוינט, וואָרים די הצלחה איז קאַפּריזנע און גאָר אָפט גייט זי דוקא מיט דעם אומגעביל־דעטען, וואָס האָט קיין קאַלעדזש קיינמאָל אין די אויגען ניט אָנ־געזען.

און די פאָלגענדע געשיכטע, וואָס ווערט דאָ איבערדערציילט, כאָטש זי איז ניט ניי, באַווייזט עס:

אַ פרומער, קליינשטעטעלדיגער איד איז געקומען אין אַמעריקע און גוטע לאַנדסלייט האָבען אים רעקאָמענדירט, ער זאָל ווערען אַ שמש אין אַ געוויסער שול; גייט דער איד בעטען דעם „דזשאָב״, און די גבאים פרעגען אים צי ער קען שרייבען ענגליש, מחמת אַ שמש דאַרף אָפט קומען אין באַריר מיט ענגליש־רעדנדיגע מיט־

גלידער, אָבער אונזער גרינער האָט קיין גוי׳איש קיינמאָל ניט געלערנט און ער האָט דעם „דזשאָב” טאַקע ניט געקראַגען.

און, באין ברירה, איז ער אַרויס פעדלען מיט ציגאַרען און עס האָט אים אָפּגעגליקט. ער האָט אין אַ משך פון יאָרען זיך גרויס אַרויפגעאַרבעט, ווי אַ סך אַנדערע גרינע אַרבעטען זיך אַרויף און אין אַ געוויסן טאָג קומט ער אין זיין באַנק באַרגען 25 טויזענט דאָלאַר.

— צו וואָס באַרגען? — פרעגט אים דער קאַסירער, — ווייסט איר, אַז אייער באַלאַנס איז 60 טויזענט דאָלאַר? — און אונזער איד איז זיך מודה, אַז ער ווייס ניט, ער פירט זיין געשעפט אויפ׳ן קאָפּ, ער קאָן ניט שרייבען.

— טאָ וואָס וואָלט איר שוין געוואָרען, ווען איר זייט אַ געבילדעטער מענש און קאָנט יאָ שרייבען? — רופט אויס דער קאַסירער מיט התפעלות.

— יאָ, — ענטפערט אים אונזער אַרויפגעאַרבעטער גרינער געלאַסען, — ווען איך קען שרייבען ענגליש, וואָלט איך שוין לאַנג צוריק געוואָרען אַ שמש.

דער אַלטער רוף: „עס זאָל זיין ליכטיג!”

מ׳האָט דעם אינגעל געהאַלטען אין מורא און האָס; אָבער ער האָט שפּעטער פאַרשטאַנען דעם אמת.

אַמאָל איז געווען אַ אינגעל בעני, וועלכען די טאַטע־מאַמע האָבען געהאָדעוועט אויפ׳ן גוטען אַלטען שטייגער — מיט קלעפּ.

און ווי באַקאַנט איז דאָס די לייכטסטע „מעטאָדע״ פון ער־ציאונג. מען דאַרף דערצו ניט קיין חכמות, מען דאַרף דעם קינד ניט לערנען, ניט אויפקלערען; מען שטעלט גאָר אויס געגען אים דעם קולאַק, מען האַלט אים אין מורא, און אַלע קשיות זיינען פאַרענטפערט.

וואָרים צו מאַכען אַ קינד טאָן וואָס רעכט איז, ווייל עס פאַר־שטייט און וויל גערעכט זיין, פאָדערט זיך צייט און געדולד און גוטסקייט, און די עלטערען אַליין דאַרפען איבּ ווייזען אַ ביישפּיל פון גוטער אויפפירונג. קלייבען זיך די מערסטע עלטערען אויס די לייכטערע מעטאָדע פון ערציאונג — צוואַנג און מורא.

אום צו האַלטען דאָס קינד צוגעבונדען צום הויז, אַז עס זאָל ניט אַרויס ביידערנאַכט אויף דער גאַס, שרעקט מען אים מיט שדים און בייזע גייסטער, וואָס לויערען אויף אים פון יעדען ווינ־קעל. אום צו מאַכען אים טאָן וואָס רעכט איז, דערציילט מען אים אַלע שרעקענס פון גיהנום, און ווי אַזוי די זינדיגע בראָטען זיך דאָרטען אין אַלע פייערען. מען לערענט אים צו פאָלגען דעם גע־זעץ, ניט ווייל דער געזעץ איז גוט פאַר׳ן מענשען, נאָר ווייל עס איז דאָ אַ פּאָליציימאַן מיט אַ שטעקען און טורמע, וואו מען פאַר־פאַקט די מענשען וואָס פאָלגען ניט.

אַזוי האָבען די עלטערען געהאָדעוועט דעם קליינעם בעני אויף שרעק און אומצוטרויען, און אַזוי איז ער געוואַקסען, אַ קינד פון מורא. ער האָט ניט געטרויט און מורא געהאַט פאַר די לעבעדיגע, און פחד געהאַט פאַר די טויטע. יעדער פרעמדער האָט אים אָפּ־געשראָקען, און פון שרעק ביז האַס איז נאָר איין טריט. ווען עס איז ניטאָ צו מענשען קיין ליבע און פאַרטרויען, מוז מען זיי האַסען.

דער רעזולטאַט פון מורא און האַס איז אומעטום דער זעלבער. זיי מאַכען אַ מענשען פאַר אַ שקלאַף צו דעם, וואָס פאַרשטייט אים

אויסצוניצען. די פעלקער , וואס ווערען אויפגערייצט צו מלחמה, די מאבס וואס ווערען געהעצט צו פאגראמען און לינטשערייען, די היטלעריסטען וואס זעהען זייער דייטשע גאולה אין דער אויסראָ־טונג פון די אידען, — זיי אלע באשטייען פון בעניס, דאס מיינט פון פייגלינגען, אויף וועלכע מען האט לאנג ארויפגעיאגט א שרעק, ביז זיי האבען פאר זייער כלומר׳שטיגען שוץ זיך פארבונדען אין א סטאדע וועלף, צו רייסען, ברעכען, ברענען און מארדען.

וואס עלטער בעני איז געווארען, אלץ שטארקער האט זיך אויף אים אפגעדריקט דער שטעמפעל פון מורא און שנאה, וואס מען האט אים אייגעפלאנצט אין זיינע קינדער־יארען. ער איז אין זיין כאראקטער אייגענטליך געווען ניט שלעכט, ער וואלט גאר ניט געוואלט טאן עמיצען קיין שלעכטס, און שפעטער האט ער זיך איבערצייגט אז גוטסקייט איז בעסער פון שלעכטסקייט, אמת איז מער ווערט פון פאלשקייט, און פריינטליכקייט באצאלט זיך בע־סער פון האס, אבער ער האט זיך ניט געקאנט באפרייען פון דעם אלטען מורא־געפיל, וואס מען האט אין אים פארווארצעלט. ער האט נאך געדענקט פון זיינע קינדערשע יארען, ווי ער פלעגט אויף יעדען שריט כאפען פון זיינע עלטערען קלעפ, פעטש און סטוסאקעס, האט ער שפעטער געקראגען די איינבילדונג, אז יעדער מענש וויל אים שלאגען.

און אזוי איז ביי אים געוואקסען דער פארדאכט, אז יעדער וויל אים טאן בייז, יעדער איז אים א שונא, פאר יעדען מוז ער זיך היטען און יעדען מוז ער האסען.

ביי דעם אומגליקליכען בעני איז די קינדערשע מורא גע־וואקסען צוזאמען מיט די יארען און האט זיך אריבערגעטראגען אויך אויף דער צוקונפט. ער האט אנגעהויבען זיך שרעקען פאר׳ן מארגענדיגען טאג. און טאקע, וואס קאן אים דער מארגענדיגער

טאָג ברענגען? הונגער, שלעק, חולאת'ן און אַלע פורעניות'ן. ווי זאָל ער זיך באַשיצען קעגען זיי? איז ער געוואָרען קאַרג, געצי־טערט איבער יעדען סענט, געוואָלט נאָר אוצרות צוזאַמענקלייבען, אפילו אויב דאָס איז געווען פרעמדע. אָבער מער פון אַלץ האָט אים געשראָקען דער טויט, און דער טויט מוז דאָך קומען פריער אָדער שפּעטער. ווי וועט ער קאָנען דעם דאָזיגען שוואַרצען מאָנ־סטער אַנקוקען אין די אויגען?

אום צו געפינען טרייסט, האָט ער זיך געווענדט צו דער רע־ליגיע, וואָס האָט אים דערציילט פון אַ גיהנום מיט מלאכי חבלה, מיט'ן אשמדאי און מיט גאָט'ס שטראָף, וואָס האָבען נאָך זיין פּחד פיל פאַרגרעסערט, אַזוי, אַז די פינצטערע נאַכט האָט פאַר אים געמאָלען שרעקליכע בילדער און אין שלאָף האָט ער געזעהן גרוי־ליכע חלומות, און מער ווי איינמאָל האָט דער אומגליקליכער בעני גערופען פון זיין צעריסענער נשמה: וואו אַנטלויפט מען פון די פּחדים'דיגע בילדער? וואו געפינט מען רו פון די גייסטיגע יסורים?

איינס האָט דער אַנגעשראָקענער בעני גוט באַמערקט, אַז ביי־טאָג ווערט ער ניט אַזוי מורא'דיג געפּלאָגט פון די אַלע שרעקענס־בילדער ווי ביינאַכט; אין דער ליכטיגקייט פילט ער זיך רואיגער און שטייפער ווי אין דער פינצטער. איז אים געקומען דער גע־דאַנק, זיך איינצושאַפען אַ לאָמפּ, וואָס ער האָט יעדע נאַכט, איידער ער האָט זיך געלייגט שלאָפען, אַנגעצונדען ביי זיין בעט. און ער האָט אויסגעפונען, אַז דאָס איז פאַר אים אַ גרויסע הילף. עס איז געווען אַזוי ווי דאָס ליכט פון דעם לאָמפּ איז אַ זיכערע סגולה געגען די אַלע שרעקען, וואָס די פינצטערניש האָט אויף אים אַרויפ־געיאָגט.

ווען ער פלעגט אַמאָל זיך אויפכאַפּען פון שלאָף, האָט ער ניט מער אויסגעשריען פון די פּחדים'דיגע בילדער ווי פריער, ווען ער

פלעגט שלאָפען אין דער פינצטער, נאָר ער האָט מיט אַ שמייכעל געקוקט צו דעם ליכט־שיין פון לאָמפּ, און פלעגט ווידער רואיג איינשלאָפען. דאָס ליכט האָט געבראַכט רו אין זיין נשמה, און ער האָט זיך געלערענט דאָס ליכט ליב צו האָבען.

דאָס איז געווען צום ערשטען מאָל אין זיין לעבען, וואָס בעני האָט זיך געלערענט עפּעס ליב צו האָבען. פון זיין קינדהייט אָן האָבען אים די עלטערען געלערענט מורא צו האָבען און צו האַסען. אַלץ וואָס ער האָט געטאָן, איז געווען פאַר צוואַנג, פאַר מורא אי־בער גאָט׳ס שטראָף, איבער די בייזע מלאכים און איבער דער נקמה פון די מענשען. היינט האָט ער דערפילט, אַז עס איז בעסער צו ליבען ווי צו האַסען.

און ער האָט געליבט דאָס ליכט, און אפילו אויך די פינצטערע נאַכט, וואָס האָט פאַר אים פאַרלוירען אַלע שרעקען. און ווען ער איז אינדערפרי אַרויס אויף דער גאַס, האָט ער דערזעהן, אַז די מענשען האָבען אין אמת׳ן פריינדליכע, ליבליכע פּנים׳ער, ווי ער האָט עס קיינמאָל פריער גאָר ניט באַמערקט.

אַזוי איז איינגעפאַלען די סטראַשידלע, וואָס די עלטערען האָבען פאַר אים אויפגעבויט אין זיינע קינדערשע יאָרען, און בעני איז אַרויס צווישען די מענשען מיט דעם אַלטען רוף, וואָס ההאָט זיך געטראָגען פון דעם תוהו ובוהו:

יהי אור! — ליכטיג זאָל ווערען. פאַרשפּרייט אין דער וועלט דאָס ליכט פון וויסען, וואָס זאָל פאַרטרייבען די פינצטערניש פון פאַנאַטיזם און האַס!...

די אידישע משפחה פון אַמאָל און היינט

עס פעלט צווישען די קרובים די טרייהייט און דער צובונד פון די פריערדיגע צייטען.

עס איז געווען אין אַן אלול'דיגען טאָג. דער „ריינער אָרט", ווי מען רופט דעם בית־עולם, איז געווען פול מיט תחינות־זאָגע־רינס, מיט פעלד־מעסטערינס און מיט פושקע־קלאַפּערס. אַ גרויסער עולם מענער און פרויען איז געקומען אויף קבר־אבות.

אין אָרימע, צעריסענע קליידער איז אַ מיטעליעריגע פרוי געלעגען אויף אַ קבר. זי האָט באַנעצט מיט אירע טרערען דעם קאַלטען בערגעל ערד און האָט ביטער געקלאָגט איבער איר שווערער מערכה.

דער מאַן פּאַראַליזירט, אין הויז קיין שטיקעל ברויט ניטאָ, אַ דערוואַקסענע טאָכטער אין אַן אסיילום און אַליין אַזוי עלענד, אַזוי פאַרלאָזען אויף גאָט'ס ערד.

מאָלע וואָס פאַר אַ צרות עס זיינען דאָ אויף דער וועלט.

ליגט די אומגליקליכע אידענע און וויינט פאַר דער טויטער מאַמען, זי זאָל זיך וועגען איר באַמיהען פאַר'ן כסא־הכבוד. איז צו דעם זעלבען קבר צוגעקומען אַ רייכע דאַמע, אין זייד און אין סאַמעט און אינגאַנצען אָפּגעטונקט אין דימענטען.

קענטיג פון דער „בעסערער" געזעלשאַפט.

און זי האָט זיך געפילט שטאַרק באַליידיגט, וואָס אויף דעם קבר וויינט אַן אָרימע אידענע.

— וואָס האָט איר דאָ צו טאָן? — האָט זי געפרעגט בייז, — איר מוזט מאַכען אַ טעות, איר האָט אַהער פאַרבלאָנדזשעט.

— פאַרבלאָנדזשעט? — האָט די אָרימע אידענע געענטפערט,

— איך קום צוויי מאָל אין יאָר אויפ׳ן בית־עולם. עס איז דאָך מיין מאַמע׳ס קבר.

שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז די רייכע דאַמע און די אָרימע פרוי זיינען לייבליכע שוועסטער, ביידע האָבען זיך צו־זאַמען געהאָדעוועט און ביידע זיינען געקומען אויף איין שיף קיין אַמעריקע, נאָר איינע איז געבליבען אין ניו יאָרק און די צווייטע אין דער וויטער וועסט.

און זינט דעמאָלט האָבען זיי איינע פון דער אַנדערער ניט געהערט, ביז זיי האָבען איצט צום ערשטען מאָל זיך באַגעגענט אויף זייער מוטער׳ס קבר.

איינע אַן אומגליקליכע פעדלערקע פון אַ פּאַראַליזירטען מאַן — די צווייטע די רייכע פרוי פון אַ גרויסען רענטשער.

ס׳קאָן זיין, אַז מיר האָבען די געשיכטע ניט ריכטיג איבער־געגעבען, און אפשר איז זי אינגאַנצען ניט אמת.

אָבער סיי־ווי איז זי זעהר כאַראַקטעריסטיש.

און כאַראַקטעריסטיש איז זי דערמיט, וואָס זי באַווייזט, ווי שנעל ביי די איינגעוואַנדערטע אידען ווערט די משפּחה אָפּגעהאַקט.

די משפּחה, מיר מיינען דעם פאַמיליען־צוזאַמענבונד, איז ביי קיין פאָלק ניט אָפּגעהיט געוואָרען אַזוי שטאַרק ווי ביי די אידען פון די פריערדיגע צייטען.

„תנו עיניכם במשפחה״ — גיט אַכטונג אויף דער משפּחה — איז אַ באַקאַנטער ווערטעל אין תלמוד. מען האָט ניט געטאָן קיין שידוך און מען האָט זיך מיט אַ מענשען ניט גע׳חבר׳ט, ביז מען האָט גענוי געוואוסט ווער זיינע קרובים זיינען.

„מאיזה משפּחה אתה״ — ווער איז דיין פאַמיליע?

מען האָט דעמאָלט געקענט די משפּחה, די מיטגלידער פון איין פאַמיליע, אפילו פון אַ גרויסע וויט־פאַרצוויגטע פאַמיליע, זיינען

געווען צווישען זיך פאַרבונדען אַזוי ווי אַ הויזגעזינד. מען איז געווען נאָענט צווישען זיך, מען האָט אייבער דעם אַנדערן געוואוסט און געקענט.

ווער פון אונז געדענקט ניט דעם פאַמיליען־צובונד אין דער אַלטער היים?

פלעגט קומען פון ערגיץ־וואו אַן אַלטע עלטער־מומע צו גאַסט, פלעגט אַפּזיצען עטליכע וואָכען און איבערגעבען גרוסען פון דער פאַמיליע.

און זי האָט אַרויסגעוויזען אַ זעלטענע בקיאות אין דער גע־נעאַלאָגיע, אין דעם סדר־היחוס פון דער משפּחה.

זי האָט געקענט ניט נאָר אַלע פעטערס און מומעס פון דער פאַמיליע, נאָר אפילו די ווייטע צוגעטשעפּעטע גלידס־שוועסטער־קינדער, וואָס האָבען איר אינטערעסירט, פּונקט אַזוי שטאַרק, ווי זיי וואָלטען געווען אירע אייגענע קינדער.

אַמאָל פלעגט מען גאָר קומען פון ערגיץ אַ ווייטע שטאָט קליי־בען פאַר הכנסת כלה. וואָס איז? — מען מוז חתונה מאַכען די טאָכ־טער פון אַ „שלישי ברביעי“.

און מען האָט געהאָלפען, מען האָט עס געהאַלטען פאַר אַ חוב — עס איז דאָך אַן אייגענע, פון דער משפּחה.

אין אַמעריקע, ביי אונזערע אַריבערגעקומענע אידען, איז דער ברייטער באַגריף פון משפּחה טויט. דאָ הויבט זיך די משפּחה אָן מיט טאַטע־מאַמען און זי גייט קיינמאָל ניט אַוועק ווייטער פון די קינדער.

ברידער, שוועסטער, פעטערס, מומעס, קאָזינס, אָדער גאָר שלישי־בשלישי — ווער קען זיי? ווער? וועמען אינטערעסירען זיי, אפילו דער נאָמען פון דער קרובה'שאַפט איז פאַרגעסען געוואָרען. זיי ווערען באַטראַכט אַלס ווילד־פרעמדע.

און דערפאַר קען טאַקע נאָר אין אַמעריקע פּאַסירען אַזאַ פאַל, ווי מיט יענע צוויי שוועסטער אויפ׳ן „ריינעם אָרט״.

אַן אָרימע אומגליקליכע פרוי קלאָגט אויף איר עלענד, וועד רענד אין אַן אַנדער שטאָט לעבט אַ לייבליכע שוועסטער אין לוקסוס, און ביידע זיינען זיך איינע דער אַנדערער פרעמד.

און זיי פּאַסירען אָפּט, די דאָזיגע געשיכטעס. נאָהענטע קרובים, אייגען בלוט און פלייש ווערען דערווייטערט, פאַרפרעמדט, באַגעגענען זיך קיינמאָל ניט און ווילען איינער פון צווייטען ניט וויסען — די משפחה איז פאַר זיי טויט.

מיר קענען אַ סך אַזעלכע ברידער און שוועסטער, שוין ניט ריידענדיג פון ווייטערע קרובים, וואָס וואוינען אפילו אין דער זעלבער שטאָט און זיינען איינע די אַנדערע פרעמד.

און ניט אַ ברודער׳ס פריידען און ניט אַ ברודער׳ס ליידען גייט זיי אָן. זיי זיינען פרעמדע. די משפחה איז צעשפּאָלטען, צעברעקעלט און עס בלייבט פון איר גאָרניט איבער.

אַמאָל איז די משפּחה געווען צווישען זיך אַזוי ענג פאַרבונדען, אַז ווען אימיצער האָט איינעם ווי געטאָן, האָט די גאַנצע משפּחה, אפילו די ווייטסטע קרובים, זיך אָנגענומען.

משפּחות האָבען געפירט איינע קעגען די אַנדערע מלחמות, משפּחות האָבען זיך פאַרטיידיגט, משפּחות זיינען אויסגעראָטען געוואָרען — אַלע פאַר איינעם, איינער פאַר אַלע.

אין אַמעריקע, מיר מיינען ביי אונזערע אידען אין אַמעריקע, איז דער באַגריף פון משפּחה אָפּגעשטאָרבען. דאָ טרעפען זיך צוזאַמען צוויי לייבליכע שוועסטער נאָר אויפ׳ן בית־עולם.

ווען אַ קינד איז געבענשט מיט טאַלאַנט

גראַד דעמאָלט נויטיגט ער זיך אין אַ פאָרזיכטיגער דערציאונג. — דער איינפלוס פון פרויען.

קלוגע מענשען האָבען שוין לאַנג צוריק באַאָבאַכט, אַז ווען עמיצער איז געבענשט מיט אַ וועלכען עס איז אויסערגעוויינ־ליכען טאַלאַנט, בלייבט ער תמיד הינטערשטעליג אין אַן אַנדער חוש. עס איז ביי אים, למשל, ווי ביי אַ בלינדען, ביי וועלכען דאָס געהער איז שאַרף אַנטוויקעלט אויף דעם חשבון פון זיין חוש הראיה, וואָס אים פעלט.

דאָס באַווייזט, אַז די נאַטור איז בכלל ניט צופיל פאַרשווענ־דעריש מיט אירע מתנות, וואָס זי טיילט צו דעם מענשען. אויב זי איז פרייגעביג אויף איין מעלה, קאַרגט זי ביי אים אָפּ פון אַ צווייטער. אָבער זי איז ניט קיין נדבנ׳טע און עס איז ניטאָ מיט וואָס צו פרייען זיך.

און דערפאַר, — אַזוי זאָגען די קלוגע באַאָבאַכטער וויטער, — ווען אַ אינגעל איז, צום ביישפיל, אַ גוטער פידלער צי אַ גוטער טענצער אָדער ער פאַרמאָגט עפּעס אַן אַנדער טאַלאַנט, קאָן מען אָפּט באַמערקען אין אים אַ געוויסען מיחש; ווייל אַזעלכע קינדער זיינען ניט זעלטען קאַפּריזנע, נערוועז, צי זיי ווייזען אַרויס סתם אַ ניט־באַלאַנסירטען כאַראַקטער.

און אפשר האָבען די קלוגע מענשען דערמיט געוואָלט געבען אַן איידעלען וואונק צו די גוטע מאַמעס, וועלכע זיינען איינגעגלויבט אין די טאַלאַנטען פון זייערע בענעלעך און ענעלעך און זיי ווילען זיי מאַכען פאַר זשעניען.

טאַ זאָלען זיי וויסען, די גוטע מאַמעס, דאָס עס איז אַנגענומען כמעט ווי אַ נאַטור־געזעץ, אַז אַ מענש, וואָס באַזיצט אַ געוויסען טאַלאַנט אין איבערפלוס, טראָגט אין זיך עפּעס, וואָס שטערט דער אַנטוויקלונג פון זיין כאַראַקטער, און דאָס איז אמת ניט נאָר בנוגע צו די אַזוי־גערופענע קינדער־זשעניען, נאָר אויך צו קינדער מיט רייכע ירושות.

די טאַטעס האָבען געפּראַצעוועט, זיך אַרויסגעשלאָגען פון די כוחות און געזאַמעלט רייכטימער, כדי אונטערצואוואַרפען זייער שפּראָץ צו די נסיונות, וואָס אַן אָרים קינד האָט ניט. אָבער ווער קאָן ביישטיין דעם נסיון, וואָס רייכטום באָט אָן, איבערהויפּט דעם יונגען מענשען? און אַזוי ווערען רייכע קינדער געפאַנגען אין דער נעץ פון פאַרזוכען נאָך פאַרגעניגענס, וואָס מאַכט זיי פאַר איי־ביגע שלימזל׳ניקעס.

וואָרים כדי צו זיין דערפאָלגרייך אין לעבען, דאָס מיינט צו שאַפען און זיין גליקליך, מוז אַ מענש זיין צוגעפּאַסט צו דער גע־זעלשאַפט מיט איר דורכשניטליכען כאַראַקטער, וואָס דער איבער־געשפּיצטער, סענסיטיווער זשעני פאַרמאָגט ניט.

ניט אומזיסט האָט אַ קלוגער איד געבעטען: „רבונו של עולם, פאַרהיט מיך פון צער גידול בנים און זאָלען מיינע קינדער וואַקסען אָן פליטערלעך, ניט בעסער פון אַנדערע, ניט אויסגעצייכענטער פון זיי און אָן אויסערגעוויינליכע טאַלאַנטען, וואָס מוז זיי מאַכען האָפערדיג און פאַרקריפּלען זייער כאַראַקטער. איך האָב מורא פאַר איבערמענשען״.

און דעם אידענ׳ס תפילה איז געווען ניט קיין פוסטער חלום. די גאַנצע וועלט האָט מורא פאַר׳ן איבערמענשען, דאָס מיינט, פאַר אַזעלכען, וועלכער גרויסט זיך מיט אויסערגעוויינליכע פעהיגקיי־טען, און מ׳געטרויט אים ניט. די אמת גרויסע מענשען, וועמען אַלע

שענקען זייער צוטרויען, זיינען ניט די זשעניען, נאָר די, וועלכע באַזיצען אַן אָפענעם, סאָלידען כאַראַקטער, וואָס אַפּעלירט צו די ברייטע מאַסען.

אַלע אַמעריקאַנער, למשל, ווייסען, אַז פּרעזידענט לינקאָלן איז געווען אַ גרויסער מענש. אָבער לינקאָלן האָט ניט פאַרמאָגט קיין באַזונדערען טאַלאַנט אויף וואָס צו בויען זיין גרויסקייט. ער איז ניט געווען קיין גרויסער רעדנער, קיין גרויסער שרייבער, קיין קינסטלער און קיין שיינער אויך ניט. טאָ וואָס־זשע האָט אים גרויס געמאַכט? זיין ערליכער, שטאַרקער כאַראַקטער, וואָס דאָס פאָלק האָט פאַרשטאַנען אָפּצושאַצען און צו באַוואונדערען.

און פּונקט אַזוי ווי ביי דעם מאַן זיינען דער עיקר ניט זיינע טאַלאַנטען, מיט וועלכע ער צייכענט זיך אויס, איז אויך די שיינ־קייט פון דער פרוי פון אַ מינדערוויכטיגען באַדייט, אויב עס איז ניטאָ דערביי כאַראַקטער און פאַרשטענדניש.

אַוודאי איז שיינקייט פאַר דער פרוי גאָר אַ וויכטיגע מתנה פון דער נאַטור. יעדע פרוי וויל זיין שיין; יעדע פרוי ווייס דעם וועג צום „ביוטי פאַרלאָר" און יעדער מאַן ליבט אַ שיינע פרוי, אָבער ווי מיט אַלע טאַלאַנטען פּאַסירט עס גאָר אָפט, אַז דער טאַ־לאַנט אָדער די מעלה פון שיינקייט געדייעט אויף דעם חשבון פון דער פרוי'ס כאַראַקטער, אָדער, ווי אַ באַקאַנטער אַמעריקאַנער שרייבער האָט זיך אויסגעדריקט:

„איר וועט זעלטען געפינען אַ שיינע פרוי, וואָס זאָל האָבען אויך אַ שיינעם גייסט און שיינע געדאַנקען".

איז דער שרייבער אפשר אַ ציניקער און זיין מיינונג דאַרף מען נעמען ניט מיט אַ קערענדעל, נאָר מיט גאַנצען הויפען זאַלץ; אָבער עס איז אַ פאַקט פון דער געשיכטע, אַז די באַרימטע פרויען, וואָס האָבען באַאיינפלוסט די וועלט מיט זייערע געזעלשאַפטליכע אַקטיוויטעטען אָדער מיט זייערע אידייען, זיינען געווען ניט קיין

יפת תואר'ס און האָבן מיט פרויען־שיינקייט זיך ניט אויסגעצייכענט.

די קעניגין מאַרגאַרעטע פון נאוואַרא, למשל, וועלכע האָט באַאיינפלוסט די אייראָפּייאישע פּאָליטיק פון איר צייט, איז געווען אַ הויך־געבילדעטע פרוי, אַ שרייבערקע, אַ קענערין פון העברייאיש און אַ פריינט פון געלערנטע, אָבער שיין איז זי ניט געווען. און לויט די עדות פון דעם כראָניקער, האָט איר געפעלט פרויען־חן.

און מאַדאַם פּאָמפּאַדור און די גרויסע דאַמען פון די קעניגליכע הויפן אין פראַנקרייך און שפּאַניע, און די מעכטיגע הערשערין קאַטערינא די צווייטע פון רוסלאַנד, זיי האָבן אַלע געשפּונען די פעדים פון פּאָליטישע אינטריגעס און געהאַלטען אין זייערע הענט דעם גורל פון די פעלקער דורך זייער גרויסען איינפלוס, כאָטש זיי האָבן זיך ניט אויסגעצייכענט מיט קיין פרויען־צויבער און זיינען געווען ניט שיין און ניט חנ'עוודיג.

אַזעלכע ביישפּילען האָבן מיר אויך ביי אידען, ווי למשל, רחל שולם פון רוים, אַ בריליאַנטענע פּאָעטעסע און וואויל־געלערנטע, אין וועלכער אַ קאַטוילישער גלח האָט זיך שטערבליך פאַרליבט און געשריבען צו איר קלאַסישע ליבעס־בריוו, כאָטש זי איז געווען ווייט פון צו זיין שיין.

און דבורה אסקארעלי, וועמעס תפילות די איטאַליענישע אידען האָבן אַריינגענומען אין זייער מחזור, איז אויך ניט געווען קיין באַזונדערע שיינהייט. די אַלע ביישפּילען באַווייזען, אַז דוקא די שיינע פרויען איבען ניט אויס קיין איינפלוס אויף די מענשען, אפשר דערפאַר, ווייל דער טאַלאַנט פון דער שיינער פרוי איז, ווי אַלע גרויסע טאַלאַנטען, וואָס זיינען אָפט אַ שטער צו דער אַנטוויקלונג פון כאַראַקטער.

נאָר קלוגע עלטערען ווייסען, אַז גראַד טאַלאַנטפולע קינדער נויטיגען זיך אין אַ פאָרזיכטיגער דערציאונג.

וועגען די מענשען, וואָס זיינען צו־גוט

אַ מעיאָר, וואָס איז ערווילט צום זיבעצענסטען מאָל;
אַן אָפיס־קלוירק פערציג יאָר אויף זיין דזשאָב.

איר קענט אים ניט, דעם מר. סקאָט קאָנדלער? מיר קע־נען אים אויך ניט. נאָר אָקאָרשט לייענען מיר אין דער צייטונג אָט דאָס שטיקעל נייעס:

„דעם לענגסטען רעקאָרד פון אַ פּאָלקס־באַאַמטען האַלט סקאָט קאָנדלער. ער איז איצט צום זיבעצענטען מאָל, איינס נאָכ'ן אַנ־דערן, ערווילט געוואָרען אַלס מעיאָר פון דעם שטעטעל דיקייטור, לעבען אַטלאַנטאַ, דזשאָרדזשיע. מעיאָר קאָנדלער איז אַזוי שטאַרק צופרידען מיט זיין שטעטעל, דאָס ער האָט צוליב דער איצטיגער דעפּרעסיע, וואָס הערשט אין לאַנד, מוחל געווען אויף אַ יאָר שכירות, וואָס ער גיט־אַוועק אַ מתנה דעם שטעטעל“.

איר לייענט דאָס שטיקעל נייעס און איר טראַכט:

זיבעצען מאָל נאָכאַנאַנד ערווילט געוואָרען פאַר מעיאָר. אַזוי פיל יאָרען הענגט דער מענש אָן דעם זעלבען אַמט און האָט, ווי עס ווייזט־אויס, קיין מאָל ניט געמאַכט קיין פאַרזוך צו דערגרייכען עפּעס העכערס. ער איז ניט געפאָרען אויף די פּאָליטישע יאַרידען, האָט זיך ניט געשטופּט אין געזעמעל פון די פּאָליטישענס, ניט גע־לאָפען פאַר קיין אַנדער אַמט, ניט קאַנדידאַטעוועט, ניט געקאַמ־פּיינעוועט; ער איז צופרידען מיט זיין מעיאָרשאַפט, און אַזוי צו־פרידען איז מסתמא אויך דאָס שטעטעל, וואָרים אויב ניט, וואָלט מען אים דאָך ניט זיבעצען מאָל נאָכאַנאַנד געמאַכט פאַר מעיאָר.

ביידע, הייסט עס, זיינען צופרידען.

אָבער דאָס איז דאָך טאַקע די צרה, ווייל פּראָגרעס איז דאָך געבויט דוקא אויף אומצופרידענקייט, נאָר אויף זוכען און נישטערען נאָך עפּעס נייעס און בעסערס.

פּראָגרעס מיינט דאָך — גיין פאָראויס און ניט שטיין אויף איין אָרט, ניט זיין פאַרגליווערט. כדי צו פּראָגרעסירען מוז מען זיין אומצופרידען מיט דעם צושטאַנד, ווי ער איז.

איר זעט די גוטע מענשען פון יענעם שטעטעל אין דזשאָרדזשיע, ווי זיי האָבען זיך איינגעזויגען אין זייער קאַנדלער׳ן אַזוי ווי די פּיאַווקעס, אַז זיי ווילען פון אים גאָר ניט אָפּלאָזען. ווען זיי וואָלטען אים שוין לאַנג צוריק אַרויסגעבריקעט, אַז ער וואָלט אפשר זיך פאַרקייקעלט אין דעם גאָווערנאָר׳ס שטול צי אין אַ סענאַטאָר׳ס זיץ. ער וואָלט אפשר געוואָרען אַ גרויסער פּאָליטישען, ווען מען וואָלט אים אַראָפּגעוואָרפען פון מעיאָרשאַפט.

אָבער ער איז צו־גוט אין זיין אַמט, און דאָס שטעטעל וויל אים ניט פאַרלירען און ער וועט שוין מסתמא זיך עלטערן אין נחת אַלס מעיאָר פון דעם כרך דיקייטור, פון וועלכען איר האָט ביז איצט אפשר קיינמאָל ניט געהערט.

און אויב איר ווילט, איז פונקט די זעלבע געשיכטע מיט אַ סך אַנדערע מענשען, כאָטש זיי זיינען ניט קיין מעיאָרס פון זייערע שטעט און שטעטלעך.

טויזענטער איבער טויזענטער זיינען פאַראַן אָט די קלוירקס, סעקרעטאַרען און אַנדערע אָפּיס־אַרבעטער און סתם אַרבעטער, וואָס בלייבען זייער גאַנץ לעבען אויף דעם זעלבען אַלטען דזשאַב, נישט מער נאָר ווייל זיי זיינען צו־גוט.

זיי זיינען די זעלבע סקאַט קאַנדלערס, נאָר אין אַן אַנדער אויפלאַגע.

מיר קענען איינעם פון אָט דעם מין. ער אַרבעט אין אַן אָפּיס

און שוין פערציג יאָר זיצט ער ביי דעם זעלבען שרייב־טיש, אויף דעם זעלבען שטול און ביי דער זעלבער אַרבעט.

ווען ער איז אָנגעקומען אין דעם אָפיס, איז ער געווען אַ בחור׳ל פון אַ יאָר צוואַנציג, אַקאַרשט פון קאַלעדזש אַרויס, אַ רוהיגער, אַ שטילער, מיט טיפע, קלוגע אויגען און מיט אַ פיינעם שמייכעל. האָט מען אים אָנגעוויזען זיין אַרבעט, וואָס ער טוט זינט דעמאָלט „על צד היותר טוב״. פון דעם בעל־הבית ביז דעם שיק־אינגעל זיינען אַלע מיט אים צופרידען.

היינט איז ער שוין גרוי, אונזער אָפיס־אַרבעטער; די פערציג יאָר אַרבעט האָבען אויף אים געלייגט זייער חתימה; ער האָט זיך געעלטערט צוזאַמען מיט׳ן אָפיס, אָבער ער איז געבליבען דער זעלבער קלערק, אויף דעם זעלבען פּלאַץ און מיט די זעלבע שכירות.

דער באַלעבאָס האָט אים טאַקע ליב און פאַרשטייט אָפּצושאַצען זיינע פעהיגקייטען, אָבער ער וויל ניט ספּעקולירען און אים בייטען אויף אַן אַנדער פּלאַץ, ניט זייענדיג זיכער אויב ער וועט געפינען אַן אַנדערן, וואָס זאָל זיין אַזוי פייאיג צו פאַרנעמען יענעמ׳ס פּלאַץ.

אַ באַלעבאָס האָט סיי ווי פיינט צו מאַכען ענדערונגען, האָט ער פאַר די אַלע יאָרען איבערגעלאָזט אונזער גוטען קלערק כדאישתקד, דאָס מיינט פונקט ווי אין דעם ערשטען יאָר פון זיין אָנקומען.

דער קלערק, ווידער, ווי שוין געזאָגט, איז פון דער נאַטור אַ געלאַסענער, אַ שטילער, ניט קיין קאָך, ניט קיין ברען און שטופּט זיך ניט מיט די עלענבויגענס, איז ער געבליבען צופרידען ווי עס איז און ניט געזוכט קיין בייעס.

ביידע זיינען געווען צופרידען, און דאָס האָט אַוועקגע.הרג׳עט די קאַריערע פון קלערק און האָט אפשר אויך ניט קיין טובה גע־

טאָן דעם באַלעבאָס, וואָס וואָלט פון זיין אַרבעטער געקאָנט האָבען מער נוצען אויף אַ מער־פאַראַנטוואָרטליכער שטעל.

ווען אונזער פריינט, דער קלערק, וואָלט אָבער געווען אַן אומ־רוהיגער, אַן אומגעדולדיגער, ווען ער וואָלט זיין שטעלע פיינט געהאַט און ניט געווען צו־גוט, וואָלט ער אַוודאי קיין פערציג יאָר אויף זיין פּלאַץ ניט געבליבען; אָבער מיר נעמען זיך ניט אונ־טער צו באַשטימען, וואָס פון אים וואָלט געוואָרען און וואו מען וואָלט אים היינט געדאַרפט זוכען.

הכלל, אַ סך מענשען, וואָס וועלען הערען די געשיכטע פון אונזער אָפיס קלערק און לייענען וועגען דעם זיבעצען־גאַרענדיגען מעיאָר פון דיקייטור, וועלען פּרובירען ציהען אַט דעם מוסר השכל, אויב איר ווילט עס אַזוי רופען:

אַז איר טאָרט ניט זיין צו־גוט, ווייל מען וועט אייך לאָזען גיין אייער וועג, ניט אַנהענגען זיך אויף אייך, ניט זיין צוגעבונדען צו אייך און ניט וואַרפען אויף אייך קיין התחייבות'ן — איר וועט זיין אַ פרייער מענש.

אַז איר טאָרט ניט זיין גליקליך און צופרידען מיט אייער היינ־טיגען מצב, אפילו אויב איר האָט גאָר ניט וואָס זיך צו באַקלאָגען; ווייל אין אומצופרידענקייט וועט איר ניט אויפהערען צו זוכען און נישטערען און וועלען הויך דערגרייכען, און דאָס, הייסט עס, איז דאָך דער פּראָגרעס.

נאָר יענער מעיאָר פון דיקייטור, ווי אונזער אָפיס קלערק, האָלטען אַזאַ אויספיר, ווי עס ווייזט־אויס, פאַר אַ פאַלשען מוסר־השכל. זיי זאָגען, אַז עס איז בעסער צו פירען אַ גליקליך לעבען אין איינפאַכער, ניצליכער אַרבעט, ווי צו יאָגען זיך נאָך באַרימט־קייט און זיין אומגליקליך.

און אַזוי דענקען די מערסטע מענשען.

דער קאַרגער מאַן און דער פוילענצער

וועלכער פון די צוויי איבלען איז ערגער? — וואָס די חכמים זאָגען.

מ'האָט ביי אידען קיין מענשען ניט אַזוי פיינט געהאַט, ווי דעם פוילענצער. שיער אַ גאַנצע ליטעראַטור האָט זיך ביי אונז געשאַפען וועגען די „בלייענע פויגלען", ווי מען רופט די פאַרשוינען וואָס זיינען פויל צו דער אַרבעט.

דער קלוגער שלמה המלך, למשל, איז דער פאַרפאַסער פון אַ גאַנצען באַרג מיט שטעכווערטלעך אויף די מענשען, וואָס זיינען פויל. דער פוילענצער, זאָגט ער, גייט אַזוי ווי אויף דערנער, יעדער טריט איז אים שווער; דער פוילענצער איז ווי עסיג אויף די ציין און ווי רויך פאַר די אויגען; דער פוילענצער האָט שטענדיג מורא פאַר אַ טיגער אויפ'ן וועג, פאַר אַ לייב אין גאַס; אַ פוילענצער איז שטענדיג פאַרשלאָפען; אַ פוילענצער האַלט די הענט אין די קעשענעס און איז אפילו פויל זיי צוצוטראָגען צום מויל ביים עסען. און כדי נאָך שטאַרקער צו מאַכען זיין האַס און פאַראַכטונג צום פוילענצער, מאָלט דער קלוגער קעניג אַ בילד, ווי ביי אים, דעם פוילענצער, איז אַלץ אָפּגעלאָזען, דער דאַך פון הויז איינגעפאַלען, דאָס פעלד באַדעקט מיט ווילד־גראָז, דער שטיינערנער פּאַרקאַן אין חורבות — ניטאָ קיין גרעסערער אומגליק, ווי פוילענצען.

און די גמרא איז גאַר פלאַם־פייער אויף די ליידיג־גייער, וואָס פוילענצען אָפּ די צייט. לויט ווי די גמרא לערנט, טאָר אַ פוילענצער גאַר ניט דאַווענען. גאָט אַליין האָט אים פיינט און לאָזט ניט רוען זיין שכינה צווישען די פוילענצער. און רבי טרפון, כאָטש אַ

גרויסער תנא, איז געווען אַ באַלעבאָס ווי אַלע באַלעבאַטים און שטענדיג זיך באַקלאָגט „והפועלים עצלים", און די אַרבעטער פויר־לענצען. און בן סירא און אַלע אַלטע אידישע חכמים און שרייבער, קיינער פון זיי האָט ניט געהאַט קיין גוט וואָרט פאַר דעם מענשען, וואָס איז פויל.

הכלל, אַ פוילענצער זאָל בעסער ניט געבוירען ווערען.

גאָר אַנדערש, ווי עס זעט אויס, איז ביי אונז דער גורל פון דעם קאַרגען.

אַ קאַרגער, אָדער אַ קמצן, איז אין פלוג ניט בעסער און אפשר נאָך ערגער פון דעם פוילענצער, וועלכער האָט אָפט אַ ברייט הארץ, און אויב ער איז פאַרמעגליך, געניסען פון אים אַלע. דער פוילענצער איז ניט גוט פאַר זיך אַליין, ער איז אַן אָפּגעלאָזענע בריה און ליידט פיל שאָדען, נאָר ער מעג זיין גוט צו אַנדערע.

אַ קמצן אָבער איז שלעכט צו זיך און צו אַלעמען. ניט נאָר גיט ער קיינעם ניט, נאָר ער פאַרגינט זיך אַליין אויך ניט. דער כאַראַקטער פון די קאַרגע, האָט געזאָגט אַ קלוגער איד, איז:

„משקל שקלי, מיהב לא יהבי", דאָס מיינט, זיי האָבען האָלט צו נעמען, אָבער ניט צו געבען. דער קאַרגער איז ווי די מויז, וואָס ליגט אויף רענדלעך, אָדער ווי אַ הונט אויף דער קופּע העי — אַליין האָבען זיי קיין הנאה ניט און קיין אַנדערען לאָזען זיי ניט צו.

און בעת דער פוילענצער קאָן אַמאָל פאַרט זיך מאַכען ניצליך ביי געוויסע געלעגענהייטען, איז דער קאַרגער אָבער דורכאויס אַ ברכה לבטלה, ניט איר האָט עפּעס פון אים, ניט מיר און ער אַליין אויך ניט. ער איז לחלוטין אומניצליך אויף דער וועלט.

פונדעסטוועגען זעט איר דאָך: דעם אומגליקליכען פוילענצער האָלט מען כסדר אין באַליידיגען, אַטאַקירען און אַרונטעררייסען; דעם קמצן אָבער איז קוים וואָס מען דערמאָנט. ניט דער קלוגער

שלמה און ניט די פרומע ספרים רעדען פיל וועגען אים. זיי דער־מאָנען יאָ ווי פאַרבייגייענדיג, אַז קאַרגקייט איז אַ שלעכטע מידה, און דערביי בלייבט עס.

טאָ ווער איז טאַקע אַן ערגערער מענש? דער פוילענצער, צי דער קאַרגער?

די דאָזיגע פראַגע איז אויפגעוואָרפען געוואָרען אין אַ קליינער געזעלשאַפט פון לייבליכע קרובים, וועלכע זיינען זיך צוזאַמענגע־קומען צו דיסקוטירען ניט קיין אַקאַדעמישע פראַגע, נאָר זיך קלאָר צו מאַכען דעם ענין פון די צוויי מענשליכע שוואַכקייטען. וואָרים קיין מענש איז ניט בתכלית השלימות. יעדער האָט זיינע שוואַכ־קייטען, זיינע איבלען. אָבער פון די צוויי איבלען, קאַרג זיין אָדער פוילענצען, וועלכע איז ערגער?

און פאַרוואָס האָט די געזעלשאַפט גראָד זיך אָפּגעשטעלט אויף אָט־די צוויי מענשליכע פעלערען? דערציילט זיך די גע־שיכטע אַזוי:

די געזעלשאַפט, ווי שוין געזאָגט, איז באַשטאַנען פון לייב־ליכע קרובים. דאָ זיינען געווען אַ טאַטע, אַ מאַמע, אַ פאַרהייראַטער זון, צוויי פאַרהייראַטע טעכטער און נאָך אַ פּאָר נאָהענטע פון דער משפחה, און דער געשפּרעך איז געפירט געוואָרען וועגען דער איבג־סטער טאָכטער, אַ מיידעל אין די צוואַנציגער יאָרען, וועלכע שטייט אין שידוכים.

און יעדער זאָגט זיין מיינונג וועגען דעם, וואָס פאַר אַ מעלות אַ יונגערמאַן דאַרף באַזיצען, כדי די מיידעל זאָל זיין צופרידען צו גיין מיט אים אונטער דער חופּה.

— דער מזל איז ביי גאָט אין די הענט, — באַמערקט דער פרומער טאַטע, — און מען קאָן קיין קינד ניט פאַרזאָרגען. דער עיקר איז, אַז אַ מיידעל דאַרף זוכען אַן ערליכען באַי פון באַלע־

באַטישע עלטערען, וואָס פירען אַ שיינעם אידישען שטאַט, וועט ער אויך אַזוי זיך פירען.

— טאַטע, די זעלבע ווערטער האָסטו אויך מיר געזאָגט פאַר מיין חתונה, — האָט איינע פון די פאַרהייראַטע טעכטער אויסגע־רופען שטאַרק אויפגערעגט, — אָבער וואָס האָב איך דערפון, וואָס מיין מאַן איז ערליך און קומט פון באַלעבאַטישע עלטערען? דו ווייסט דאָך, האָסט אים גענומען פאַר אַ ביזנעסמאַן, צוויי מאָל נדן געגעבען, ביידע ביזנעס געבויט — און אַלץ איז צו גרונט געגאַנגען, וויל ער איז פויל, גייט נאָר אַרום צווישען גוטע ברידער מיט'ן דיקען סיגאַר אין מויל, ניט ער אַרבעט, ניט ער וויל אַרבעטען — און וואָס וועט זיין דער סוף? ווי לאַנג קאָן אַ ווייב ליידען פון אַ מאַן אַ פוילענצער?

ווייזט זיך אַרויס, אַז די צווייטע פאַרהייראַטע טאָכטער איז אויך ניט גליקליך מיט איר מאַן, כאָטש ער איז ניט קיין פוילענ־צער. ער פאַרדינט דווקא פיל געלט און צו וואָס ער רירט זיך צו, ווערט ביי אים גאָלד, אָבער ער איז נאָך ערגער פון אַ פוילענ־צער, זאָגט זי, ער איז אַ קאַרגער.

קאַרג ניט נאָר פאַר פרעמדע, נאָר אויך פאַר דער אייגענער ווייב און די אייגענע קינדער. קאַרג אפילו פאַר זיך אַליין. פאַר יעדען סענט דאַרף זי מיט אים זיך קריגען און וואָכען לאַנג זיך ברוגז'ן, און זי טראַכט אָפט אים צו פאַרלאָזען.

מען מוז מיטפילען מיט דעם אָרימען טאַטען, ווען ער האָט אויסגעהערט די ביטערע קלאָגען פון זיינע טעכטער. נאָר וואָס איז שייך צו דער פראַגע, וועלכער פון די צוויי מענער איז ערגער, מוז מען ענטפערען מיט היינע'ן: „אַלע ביידע שמעקען".

פאַרוואָס מוזען מענשען מורא האָבען

ווער עס האָט מורא פאַר קראַנק־ווערען, און ווער פאַר אַ דונער. — נאַפּאָלעאָנ׳ם מורא פאַר אַ פרוי.

פרעגט יעדען סקול־קינד, וועט ער אייך זאָגען, אַז דער גרויסער נאַפּאָלעאָן איז געווען ניט קיין שרעקעדיגער. אַ מענש, וואָס פירט אַזעלכע געוואַלטיגע מלחמות און צעטרייסעלט די גאַנצע וועלט, מוז דאָך זיין שטאַרק ווי אַ לייב, מיט׳ן מוט פון אַ טיגער.

פונדעסטוועגען איז אויך נאַפּאָלעאָן געווען אַ שטיקעל פּחדן. די געשיכטע דערציילט, אַז דער גרויסער קאָרסיקאַנער, ווי מען האָט נאַפּאָלעאָנ׳ען גערופען, האָט שטענדיג מורא געהאַט פאַר דער מאַדאַם דע סטאַעל.

און וואָס האָט אים, שונאי ציון, אָט די שוואַכע, צאַרטע פרוי, וואָס ער אַליין האָט אַרויסגעטריבען פון פראַנקרייך, געקאָנט טאָן? אמת, זי איז געווען אַ שרייבערקע מיט אַ גלאַטער פען; אָבער עס זיינען אין יענער צייט געווען גרעסערע שרייבער פון איר און טי־פערע דענקער, און צי האָט נאַפּאָלעאָן בכלל מורא געהאַט פאַר אַ שרייבער?

עס בלייבט אָבער דער פאַקט, אַז ער האָט זעהר געוואַלט גע־ווינען איר פריינטשאַפט. נאַפּאָלעאָן האָט געפילט אַ באַהאַלטענעם שרעק פאַר דער מאַדאַם דע סטאַעל. זי איז געווען זיין שאָטען, אַזוי צו זאָגען, זיין בייזער גייסט, וואָס האָט אין דעם גרויסען וועלט־עראָבערער אַרויסגערופען פּחדנות.

יעדער מענש איז אַ שטיקעל פּחדן. ער מעג זיין אַ גאַנצער קנאַקער, אַ העלד אין מלחמה, אַ קעמפער פאַר אידעאַלען, אַ טוער,

אַ פּירער, מיט אַ ברייטער דעה ביים עולם, האָט ער אָבער זיין שאָטען, זיין בייזען גייסט, וואָס פאַרפאָלגט אים; דאָס מיינט, ער האָט פאַר עפּעס מורא, כאָטש ער וויל זיך דאָס אפשר ניט מודה זיין.

מיר קענען, צום ביישפּיל, אַ אידען, וואָס יעדען פרימאָרגען, ווען ער עפענט די אויגען פון שלאָף, און יעדע נאַכט, ווען ער לייגט זיך אין בעט, באַטאַפּט ער זיך פריער אַלע גלידער, אויב עפּעס איז ניט „דער מער" מיט זיי.

און סך־הכל איז דער איד אונזערער אַ גיבור, געזונט ווי אַ בער און שטאַרק ווי אַן אייזען, און אַז ער זעצט זיך אַוועק צו אַ מאָלצייט, עסט ער פאַר דרייען, נאָר עפּעס האָט ער מורא, אַז אַט־אַט ווערט ער קראַנק.

און טוט אים וויי אַ פינגער, לויפט ער אַרום נאָכפרעגען אויף דעם גרעסטען ספּעציאַליסט. און יעדע וואונד איז ביי אים אַ קאַנ־סער, און יעדער בויכווייטאָג — אַן אַפּענדיסיטיס. עס ציטערט אויף אים די הויט, ער זאָל ניט קראַנק ווערען.

אַ מורא'דיגער פּחדן אַט דער איד.

מיר קענען אַן אַנדער אידען, וואָס איז, אויב מען קאָן אַזוי אָנרופען, אַ מאָראַלישער פּחדן.

אים דאַכט זיך רק, אַז וואָס ער רעדט איז אַ נאַרשיקייט, און וואָס ער טוט רופט ביי די מענשען אַרויס אַ געלעכטער.

און דער איד איז דוקא אַן אינטעליגענטער, אַ קולטורעלער, באַזיצט אַ פיינע בילדונג, האָט אַ סך געלייענט און פאַרמאָגט אַ געזונטען חוש צו אורטיילען איבער מענשען און פאַסירונגען. אָבער איר וועט קיינמאָל ניט מאַכען אַט דעם אידען אַרויסצוזאָגען אַ מיינונג אין דער געזעלשאַפט.

די מענשליכע פאַראַכטונג איז זיין שאָטען, זיין בייזער גייסט — ער האָט מורא.

עס זענען נאך ביז היינטיגען טאג פאראן מענשען, וואס האבען מורא אנצופאנגען מאנטאג א נייעם געשעפט, ווייל עס הייסט, אז עס איז ניט מזל׳דיג. און פרומע מענשען האבען מורא, אז נאך הונדערט און צוואנציג יאר זאלען זיי ניט אריינפאלען אין גיהנום. און א ראדיקאל קענען מיר, וואס האט מורא ארויסצוציין פון הויז מיט׳ן לינקען פוס פאר דעם רעכטען, כדי די ווייב זאל ניט אנהויבען הערשען איבער אים.

די רוימער האבען געהאט א פרעכטיגען טעמפל פאר דער געטין פון מורא, ווייל כאטש די רוימער זיינען געווען וועלט־באהערשער און העלדען, האט יעדער פון זיי דאך פאר עפעס מורא געהאט.

און וואס עס איז שייך צו אונזערע אידען, לערענט דאך די גמרא בפירוש, אז גאט האט באשאפען די וועלט נאר פאר דעם צוועק, אז מען זאל פאר אים מורא האבען (שבת ל״א).

די דונערען זיינען אויך באשאפען געווארען נאר צוווארפען אויף מענשען א פחד, זאגט די גמרא אויף אן אנדער פלאץ.

מען האדעוועט די מענשען כסדר אויף מורא האבען.

מען זוכט אויפצוהאלטען די מאראל אויף איביגער מורא, איז אז אך און וויי דעם מענשען, וואס פארזינדיגען זיך קעגען דער מאראל. פייניגט מען אים, ווארפט מען אים אין תפיסה, שלאגט מען א פארזינדיגט קינד מכות רצח, און מען גייט־ארום מיט׳ן גראבען שטעקען צו האלטען די וועלט מורא׳דיג מאראליש.

רעליגיע, אויב מען זאל גלויבען די וויסענשאפטלייט, איז דאך אוודאי א פראדוקט פון מורא, ווארים ווי אנדערש — אזוי זאגען די וויסענשאפטלייט — וואלט דער פרימיטיווער מענש געקומען צו זיין גאט, אויב די נאטור ערשיינונגען, וואס ער האט ניט פארשטאנען, וואלטען ניט געווארפען אויף אים א פחד?

און מכוח געשעפט ווייסט דאָך קינד און קייט, אַז זי איז איבּ־גאַנצען באַגרינדעט אויף מורא. מען האָט געהאַלטען אין מורא די שקלאַפען פון דער אַלטער צייט, איבער וועלכע מען איז געשטאַ־נען מיט דער בייטש, און מען האַלט אין מורא פאַר זיין דזשאָב דעם אַרבעטער היינט, ווייל מען קאָן זיך ניט פאָרשטעלען, אַז אַ מענש זאָל אַרבעטען פרייוויליג, ווייל ער ליבט זיין אַרבעט.

אַזוי האָט מען דעם מענשען פאַרוויגט אין אַ וויגעלע פון מורא. מען שיקט אים שטענדיג נאָך אַ שאָטען, אַ בייזען גייסט, וואָס זאָל אים פלאָגען און אַרומרינגלען מיט פחדים.

טאָ וואָס איז דער וואונדער, וואָס אפילו אַ נאַפּאָלעאָן האָט מורא געהאַט פאַר אַ מאַדאַם דע סטאַעל? אויב ער האָט קיין מורא ניט געהאַט פאַר גאָט און ניט פאַר'ן טייוועל, האָט ער דאָך גע־מוזט מורא האָבען כאָטש פאַר אַ שוואַכער פרוי.

די וועלט איז היינט פאָרטגעשריטענער, בעסער און אויפגעּ־קלערטער, און דער פרימיטיווער געפיל פון מורא האָט אָנגעהויבען אָפצוטרעטען זיין פּלאַץ פאַר דעם געפיל פון רעספּעקט און צוטרוי. ווייל מענשען האָבען אָנגעהויבען צו פאַרשטיין, אַז דורך מורא וועלען זיי קיינמאָל ניט זיין גליקליך. מיט מער צוטרוי פון איינעם צום צווייטען און מיט מער רעספּעקט צו יענעמ'ס געוויסען, קאָנען זיי אָבער יאָ קומען צו זייער גליק.

פון אַמאָליגע צייטען
ביז היינטיגע

פון אַמאָליגע צייטען ביז היינטיגע

די מענשליכע נאַטור האָט זיך ניט געענדערט און אויך ניט די ערפאַרונגען.

דער שטאַרקער געפיל פאַר גערעכטיגקייט, וואָס איז טיף פאַרוואָרצעלט אין דעם אידישען מענשען, און זיין הויכער באַגריף פון די מאָראַלישע ווערטען, האָבען געפירט צו דער שאַפונג פון אַ מאָנומענטאַל ווערק, ווי מען געפינט ניט ביי קיין אַנדער אומה ולשון און וואָס מיר רופען „פרקי אָבות".

פרקי אָבות מיינט די לעקציעס פון די פאָטערס פון דעם אידישען גייסטיגען לעבען, וועלכע האָבען געווירקט און געשאַפען אין אַ משך פון 500 יאָר, זינט דער כנסת הגדולה מיט 400 יאָר פאַר דער היינטיגער צייט־רעכענונג ביז אַ 100 יאָר נאָכדעם, און אַלערליי תקופות, וואָס אידען האָבען דורכגעלעבט אין משך פון דעם האַלבען יאָרטויזענט — תקופות פון גליק און אומגליק, פון פרייהייט און שקלאַפעריי; תקופות פון אויפבוי און פון חורבן, פון מלחמה און פון שלום — און שוין אין יענע תקופות האָבען אידישע געלערענטע געמאַכט באָאַבאַכטונגען, געוואָלט זיך דערגרונטעווען צו די סיבות פון די פאַרשיידענע געזעלשאַפטליכע דערשיינונגען, און די מיינונגען פון אַ זעכציק פון די דעמאָלטדיגע געלערענטע שטעלען צוזאַמען דעם „פרק".

און אין דער גאַנצער וועלט פאָלגען אידען דער טראַדיציע און זאָגען אין די זומערדיגע שבתים פרק. זיי זאָגען פרק אין מאַ־

ראָקאָ, ווי אין ליטע, אין די אידישע קהילות אין אַראַבישען מדבר, ווי אין דעם פרומען גאַליציאַנער שטעטעל. מען זאָגט „פרקי אָבות" אומעטום וואו עס לעבען נאָר טראַדיציאָנעלע אידען, און דאָס איז גוט אַזוי, ווייל פון די „פרקי אָבות" לערענט אַ איד, אַז די מענש־ליכע נאַטור מיט אירע מעלות און חסרונות איז אַלעמאָל די זעלבע. זי האָט זיך ניט געענדערט היינט, ווי זי איז געווען מיט 2,500 יאָר צוריק, און די ציוויליזאַציע האָט די מענשען ניט געמאַכט גע־רעכטער און מאָראַלישער, און אידען דאַרפען דאָס וויסען.

אָט, למשל, האָט אַ פריינט, אַ לאָיער, דערציילט דעם שרייבער אַ מעשה, וואָס האָט מיט אים פּאַסירט:

ער איז אויפגעטראָטען אין געריכט אין אַ פּראָצעס צווישען אַן אַרבעטער און זיין באַלעבאָס. דער אַרבעטער, אַ היימישער איד, איז געווען זעהר שוואַך אין דעם ענגלישען לשון. ער, דער לאָיער, אַן אַמעריקאַנער געבוירענער, איז גאָר טעמפּ אין אידיש. פונדעסט־וועגען האָט ער דעם „גרינעם" געוואָלט באַהילפיג זיין, און נע־מענדיג אים אויפ'ן פאַרהער, האָט ער געוואָלט וויסען וואָס זיין מלאכה איז און ביי וואָס ער איז באַשעפטיגט אין שאָפּ. נאָר דאָס איז שוין פאַר אונזער לאָיער געווען צופיל, און אויף זיין אַמערי־קאַנער אידיש גיט ער אַ פרעג ביי דעם אַרבעטער:

„וואָס מאַכסטו אין פעקטאָרי?"

„זעקס דאָלאַר אַ טאָג!" ענטפערט יענער, וועלכער האָט ניט פאַרשטאַנען דעם אַמעריקאַנער אידיש.

„אָבער ניט דאָס מיין איך", רעדט דער לאָיער אַביסעל צע־ריצט. „איך מיין: וואָס מאַכט די פעקטאָרי?"

„אָ, די פעקטאָרי מאַכט אַ סך מער געלט פון מיר!" ענטפערט דער אַרבעטער.

„געלט, געלט און ווידער געלט!" באַמערקט דער לאָיער אין

זיין געשפּרעך מיט׳ן שרייבער. „מיר אַרבעטען אַלע צוליב געלט, אָבער ווען אַן אַרבעטער רעדט נאָר וועגען זיין „פּעי־ענוועלאָפּ״, באַווייזט עס, אַז די אַרבעט אינטערעסירט אים ניט און ער האָט זי ניט ליב — און עס איז אַ רחמנות אויף דער אַרבעט און אויפ׳ן באָס. בין איך ניט גערעכט?״

אָבער אונזער לאָיער וואָלט פאַרשפּאָרט צו פרעגען, ווען ער וואָלט אַריינגעקוקט אין פּרק, וואו דער אַלטער חכם זאָגט:

„זייט ניט ווי דער אַרבעטער, ביי וועלכען דער עיקר איז נאָר די שכירות. מען מוז ליב האָבען די אַרבעט, וואָס מען טוט, אויב מען וויל ניט זיין קיין דורכפאַל״.

אַן אַנדער געלערנטער, ר׳ טרפון, אַליין אַ רייכער באַלעבאָס, גיט אין פּרק אַ קורצען איבערבליק איבער די באַציאונגען צווישען באַלעבאָס און אַרבעטער אין אַט די ווערטער:

„דער טאָג איז קורץ, אַרבעט איז דאָ אַ סך און די שכירות זיינען גוטע, אָבער וואָס איז די פּעולה? די אַרבעטער פוילענצען, כאָטש דער באַלעבאָס יאָגט אונטער און פאָדערט די אַרבעט זאָל וואָס גיכער געמאַכט ווערען״.

אָט — ווי איר זעט — גאָר ניט אַנדערש פון דעם שטאַנד־פּונקט פון אַ היינטיגען באַלעבאָס.

ניט אַלע געלערענטע פון פרקי אָבות האָבען זיך פאַרנומען מיט פּראָבלעמען פון קאַפּיטאַל און אַרבעט, אויב מען קאָן עס אַזוי רופען. רבי גמליאל, למשל, דערציילט פון זיינע פּאָליטישע באַאָבאַכטונגען און ער דערקלערט קורץ:

„געטרויעט ניט די פּאָליטישענס, זיי וועלען אייך צוזאָגען דאָס טעלערל פון הימעל, ווען זיי דאַרפען אייער טובה און ווילען פון אייך עפּעס געווינען, נאָר נאָכדעם קענען זיי אייך ניט מער און ווילען פון אייך ניט וויסען. אַלע זייערע הבטחות זיינען פאַלש״.

און ווער נאָך אַזוי ווי מיר אידען וויסען דעם אמת פון אַט דער קלוגער וואָרנונג ?

אַנדערע געלערענטע פון פרק האָבען זיך איבערהויפּט אָפּ־געשטעלט אויף דער גייסטיגער דערציאונג ביי אידען און זיי זאָגען אומגעפער :

„פריער מוז אַ מענש באַזיצען גוטע מידות, לערנען דרך־ארץ און זיין אַ ירא חטא. נאָכדעם ערשט זאָל ער לערנען בילדונג. וואָרים בילדונג אַליין אָן מדות טובות האָט קיין ממשות ניט".

ניט אומזיסט הערט מען היינט פון אַזוי פיל קינדער־קרימי־נאַלניקעס, ווייל מען לערנט זיי אַלע חכמות, נאָר ניט קיין מאָראַל און גוטע זיטען.

און דער אַלטער הלל, דער גרעסטער איד פון זיין צייט, איז קענטיג געווען אויך דער גרעסטער באָאָבאַכטער. ער האָט געזאָגט :

„אם אין אני לי מי לי ?" — אויב איך אַליין וועל ניט זאָרגען פאַר זיך, וועט מיר זיין אָך און וויי. ווען אַנדערע וועלען דאַרפען זאָרגען פאַר מיר, כאָטש דאָס מיינט ניט, אַז איך דאַרף ניט זאָרגען פאַר יענע.

און נאָך אַ סך קלוגע באָאָבאַכטונגען האָבען די לערער פון פרק געמאַכט — באָאָבאַכטונגען, וועלכע פּאַסען זיך צום היינטיגען אידישען לעבען.

די לערען פון שיינע מידות ביי אידען

„פּרקי אָבות״, וואָס אידען זאָגען אַלע זומערדיגע שבתים. — דער פּרעזידענט פון אָהייאָ אוניווערזיטעט.

פּראָפעסאָר דזשאָרדזש וו. רייטמייער, דער פּרעזידענט פון אָהייאָ סטייט אוניווערזיטעט, האָט אין אַ רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטען פאַר אַ פאַרזאַמלונג פון קאַלעדזש־פּרעזידענטען, לערער און באַקאַנטע פערזאָנען, דערקלערט מיט פאַרדרוס, אַז דער בילדונגס־סיסטעם אין אַמעריקע איז אַ דורכפאַל; די ערציאונג, וואָס מיר גיבען דאָ אונזערע קינדער, פירט ניט צום ציל און איז באַנקראָט.

פאַרוואָס? — „אונזערע קאַלעדזשעס טוען נאָר אויף וואונדער פאַר דער פיזישער וויסענשאַפט, — האָט דער געלערטער אוניווערזיטעט־פּרעזידענט געזאָגט, — זיי האָבען געמאַכט די בילדונג פאַר אַ מלאכה, פאַר אַ געצייג אין אַ וואַרשטאַט, און יונגע מענשען גייען אין קאַלעדזש פאַר אַ פּראָפעסיע, פון וועלכער זיי זאָלען ציהען פאַר זיך מאַטעריעלע נוצען, אָבער עס פעלט זיי די בילדונג פון גייסט. אונזער יוגענד קריגט ניט קיין מאָראַלישע ערציאונג, מען לערענט זיי ניט די באַציהונג צווישען מענש און מענש, און דאָס איז אַ גרויסער אומגליק פאַר אַ פאָלק״.

דער רעדנער האָט דאָ, אין דער אמת׳ן, קיין נייעם געדאַנק ניט אַרויסגעבראַכט. עס האָבען זיך שוין לאַנג געהערט שטימען, אַז אַמעריקאַנער קאַלעדזשעס ערציהען טאַקע גרויסע ספּאָרטס, אָבער קליינע אידעאַליסטען. אין די אַמעריקאַנער קאַלעדזשעס — אַזוי רעדט מען — ווערט דאָס פעלד פון הומאַניזם קיינמאָל ניט באַאַרבעט און די אינטערעסען פון דער מענשהייט גייען קיינעם

ניט אָן. פּראָפעסאָר רייטמייר האָט גאָר קיין נייעס אונז ניט דער־
ציילט.

אָבער עס איז ווערט צו באַמערקען, אַז די לערען פון מאַראַל, די באַגריפען פון עטיק, פאַר וועלכע ער שטעלט זיך איין און וואָס ער וואָלט וועלען געפינען אין די היינטיגע קאָלעדזשעס, האָבען די אַלטע אידישע חכמים שוין מיט לאַנגע הונדערטער יאָרען צו־ריק פאָרמולירט אין די „פרקי אָבות״, אָדער ווי מיר רופען עס איינפאַך „פרק״, וואָס אידען זאָגען יעדען שבת דורך די זומער־דיגע מאָנאַטען.

און עס איז באמת ניטאָ נאָך אַ פאָלק אין דער וועלט, וואָס האָט די געזעצען פון מאָראַל, די לערען וועגען די מדות טובות אין אַ מענשען, דערהויבען צו אַזאַ רעליגיעזער הייליגקייט, ווי דאָס האָבען געטאָן די אידען אין זייער „פרקי אָבות״.

דאָס באַוויזט, אַז דער חוש פאַר מאָראַל און פאַר עהרליכע באַציהונגען צווישען מענש און מענש איז ביי אידען אַנטוויקעלט שטאַרקער ווי ביי די אַנדערע פעלקער.

שוין די פאָררעדע צום פרק, אויב מען קאָן עס אַזוי רופען, די הקדמה, גיט אַ קלאָרען באַגריף וועגען זיין אינהאַלט. עס איז אַ קורצע פאָררעדע, וואָס דערציילט, אַז:

„כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא״, ד. ה. יעדער וואָס רופט זיך איד, יעדער וואָס שעמט זיך ניט מיט דעם נאָמען איד, האָט אַ טייל אין דער אייביגער וועלט, אין דער אידישער צוקונפט. פרום צי ניט פרום, רייך צי אָרים, אַ גרויסער באַס צי אַן עלענדער אַר־בעטער — אַלע זיינען גלייכע מיטגלידער פון דעם אידישען פאָלק און איינער איז ניט מער יחסן פון דעם צווייטען.

דאָס איז דער העכסטער באַגריף פון דעמאָקראַטיע, וואָס איז געווען גאַנץ אומבאַקאַנט צו אַנדערע פעלקער פון יענע צייטען און

וואס איז פרעמד אפילו צו פיל ציוויליזירטע אומות פון היינט.

און אזוי ווי אן אומזיכטבארער פאדים ציט זיך אט דער דע־מאראטישער אידישער גייסט דורך דעם גאנצען „פרק״, די זיטען־לערע פון אונזערע אלטע פאטערס.

דריי כללים זאל א מענש געדענקען, — אזוי פארזאגען די קלוגע לייט פון דער גרויסער פארזאמלונג: איר זאלט זיין פאר־זיכטיג מיט אייער אורטייל; איילט זיך ניט צו זאגען וועגען א מענשען א שלעכטע מיינונג און זייט געדולדיג אין אייער משפט. דעם דאזיגען כלל זאלט איר לערנען אויך אנדערע, מאכט תלמידים, געווינט אנהענגער, וואס זאלען זיך אזוי פירען צווישען מענשען, און מאכט א צאם צו דער תורה, לאזט ניט אנהענגען אויף איר קיין נייע מצוות, נייע חומרות און נייע גזירות, האלט די תורה ריין אן פשט׳לעך.

אמת, דער דאזיגער טייטש פון „ועשו סיג לתורה״ וועט א סך אידען ניט געפעלען, אבער „לא תוסיפו״ איז דאך א שטרענגער פארזאג פון דער תורה.

אויף דריי פרינציפען האלט זיך די וועלט, — זאגט וויטער דער מאראל־לערער שמשון הצדיק: אויף גייסטיגער אויסבילדונג, אויף קערפערליכער ארבעט און אויף פריינדליכקייט צווישען מענשען.

מיר שטעלען זיך וויטער אפ אויף דער זיטען־לערע פון יענעם מאראליסט אין פרק, וואס זאגט:

דערוויטער זיך פון א שלעכטען שכן, מייד אויס שלעכטע גע־זעלשאפט און טאמער פאסירט דיר אן אומגליק, זיי ניט פארצווייפעלט און פארליר ניט דעם מוט. קיינער ווייסט ניט, וואס די צוקונפט קאן אים ברענגען.

מיר גייען אריבער צו די עטישע לערען פונ׳ם בארימטען הלל, וועלכער זאגט:

„זיי א תלמיד פון אהרן, וועלכער איז געווען א פריינד פון פרידען, האט געארבעט פאר פרידען און איז געווען א פריינד פון אלע מענשען“.

גייט, אדרבא, זוכט און נישטערט ביי די פעלקער, אויב איר וועט געפינען איינעם פון זיינע פירער, וואס איז א פריינד פון אלע מענשען און וויל און ארבעט פאר פרידען.

און ווידער זאגט הלל: „דער וואס שפארט זיך מיט די עלענ־בויגענס בארימט צו ווערען און קריגען א גרויסען נאמען, פאר־לירט דעם זעלבען נאמען, וואס ער האט געהאט“. דאס הייסט, מען טאר זיך ניט יאגען נאך כבוד, ווארים ווען דער קעמעל גייט בעטען הערנער, פארלירט ער די אויערען אויך, לויט ווי די גמרא פאר־זיכערט.

און יעדער פרק מיט זיינע בריליאנטענע מאראלישע לערע, וואס יענער אוניווערזיטעט פרעזידענט וואלט וועלען איינפירען אין די אמעריקאנער קאלעדזשעס, פארוואס טאקע זאלען אידישע לע־רער פון די תלמוד־תורה׳ס און פאלקס־שולען ניט לערנען און ער־קלערען די אידישע קינדער יעדען שבת א שטיקעל פון פרק?

וואס מען לערנט אונזערע קינדער

אידישע עלטערען זיינען פארזארגט צו געבען א תכלית.

גוטע טאטע־מאמע זארגען וועגען א תכלית פאר זייערע קינדער. מען שיקט דעם איינגעל אין סקול, אין קאלעדזש, מען דארט דעם מוח אויסצוקלייבען פאר אים א פאסיגע פראפעסיע,

און אידישע עלטערען זיינען פאראן, וואס שניידען זיך ביז'ן ביין צו מאכען זייערע קינדער פאר דאקטוירים אדער לאיערס; אבער איז דאס אלץ, וואס זיי זיינען מחויב צו טאן פאר זייערע קינדער?

די גרויסע לערער פון אלע צייטען, סיי ביי אידען און סיי ביי גוים, ענטפערען: „לאו דוקא“. זיי האלטען, אז תכלית, קאריערע, פראפעסיע, זיינען נאר א געצייג אין דעם געראנגעל פאר'ן לעבען, אבער זיי פארזיכערען ניט א מענשען'ס גליק, און דערפאר זיינען זיי נאר א טפל. דער עיקר אין דערציאונג, זאגען זיי, איז אויסצובילדען אין דעם קינד זיין כאראקטער און אים לערנען די פליכטען פון מענש צו מענש, וואס וועלען אים מאכען מסוגל זיך צוצופאסען צו דער געזעלשאפט, און אט די כאראקטער־אויסבילדונג און פריינטליכע באציאונגען צו מענשען, רופען זיי מאראלערען, אדער ווי זיי הייסען ביי אידען „דרכי המוסר“.

און פאר א ביישפיל קאנען דינען די לערען פון צוויי מאראליסטען: פון דעם אידען ר' חנינא בן דוסא און פון דעם גוי דזשאן מארלעי.

ביידע האבען געלערענט אין וויט־פארשידענע צייטען און אין באזונדערע וועלטען. ר' חנינא בן דוסא האט געווירקט מיט קארגע צוויי טויזענט יאר צוריק, ער איז געווען א גרויסער תנא און נאך א גרעסערער ארימאן, וועלכער האט געלעבט אויף הוילע נסים; מארלעי, ווידער, איז אין דעם פארגאנגענעם יארהונדערט געווען א גרויסער ענגלישער אריסטאקראט, א שרייבער, א וויצע־קעניג פון אינדיע, געהערשט איבער פיר הונדערט מיליאן מענשען און געלעבט אין אלע וואוילטאגען, אבער ביידע — דער ארימער תנא פון פארצייטען און דער רייכער אריסטאקראט פון היינט — האבען אויסגעדריקט איין־און־דעמזעלבען געדאנק.

זאָגט דער תנא אין פּרק, לויט אונזער קורצער איבערזעצונג, אומגעפער אַזוי:

„די חכמה, וואָס אַ מענש זאַמעלט, האָט קיין האַפט ניט, אויב זי גייט ניט צוזאַמען מיט שיינע מעשים און גוטע מידות, ווארים אפילו דער רבונו של עולם האָט ניט ליב אַ מענשען, וואָס איז ניט באַליבט אין דער געזעלשאַפט".

און דזשאָן מאָרלעי שרייבט:

„מיט דעם גאַנצען פּראָגרעס, וואָס די וויסענשאַפט האָט געמאַכט, קאָן זי נאָך אַלץ ניט טריאומפירען, ביז זי וועט העלפען אויפבויען אַ פאַראייניגטע מענשהייט פאַר'ן גליק פון דעם יחיד".

ווי וויט דיביידע לערער זיינען געשטאַנען איינער פון דעם אַנדערען, האָט זיי דאָך באַלעבט איין געדאַנק וועגען מענשליכען גליק, און דאָס באַווייזט, אַז די געזעצען פון מאָראַל, וואָס באַצוועקען צו פירען צו אַ גליקליכער מענשהייט, זיינען אַלוועלטליך, אַלמענשליך און שטייגען אַריבער אַלע תורות און רעליגיעזע געבאָטען, ווייל מאָראַל-לערען זיינען געבויט אויף די מענשליכע דערפאַרונגען פון אַלע צייטען, און מאָדערנע מאָראַליסטען דערקלערען זיי אין פאָלגענדיגע כללים:

„אַ מענש זאָל קולטיווירען זיינע געדאַנקען און לערנען צו פאַרשטיין די איבערצייגונגען און די געפילען פון זיינע מיטמענשען, ווארים וואָס מער איר וועט זיך קאָנען באַפרייען פון אייער „איך" און מיטפילען מיט'ן צווייטען, אַלץ מער וועט יענער מיטפילען מיט אייך און זיין אייך איבערגעבען.

„מיידט אויס דעם עגאָאיזם מיט זיינע נאָכשלעפּעניששען, ווי גאוה, עקשנות און באַרימערייי, וואָס זיינען העסליכע מידות און פאַרטרייבען פון אייך אייערע פריינט.

„זייט אַ מסתפק במועט, באַנוגענט זיך מיט וואָס איר האָט; אָבער איר טאָרט ניט בלייבען צופרידען, ווייל דאָס קאָן דער־הרג׳ענען אייער אַמביציע. אַ מענש מוז אַלעמאַל שטרעבען צו ווייטערע דערגרייכונגען.

„פאַרהיט אייער געזונט און האַלט אויף אייער לעבענס־ענער־גיע, ווייל נאָר אַ געזונטער קאָן געבען. דער שוואַכער אָדער די צעקראַכענע בריאה איז געצוואונגען צו נעמען און איז ניט גליקליך.

„האַלט שטענדיג אין זינען, אַז אייער געגנער מעג גלויבען אין זיין מיינונג, פונקט אַזוי ערליך ווי איר אין אייערער. אין אַט דעם באַוואוסטזיין וועט איר פאַרמיידען אַ סך שטרויכלונגען אין לעבען.

„שפּילט ניט קיין דיקטאַטאָר און צווינגט ניט אויף מענשען אייער קאָנטראָל. איר זייט ניט קיינעמ׳ס משגיח און איר זאָלט זיך ניט שפּאָרען מיט אייערע עצות, ניט פּרעדיגען און ניט לערנען עמיצען, ווען מען בעט אייך ניט.

„זייט ניט מבזה קיין מענשען און לאָזט אים ניט פילען, אַז איר האַלט אים נידעריגער פון זיך. איר ווייסט ניט, וואָס די צייט קאָן ברענגען.

„טראָגט ניט קיין זויער פּנים און נעמט אָן די פריינטליכקייט פון יעדען מענשען, ער מעג זיין ווער ער איז, וואָרים די וועלט פאַרמאָגט אַזוי ווייניג פריינטליכקייט דאָס מען קאָן זיך ניט פאַר־גינען צו פאַרלירען אפילו אַ טראָפּען דערפון.

„לערענט זיך צו קענען דאָס געזעץ פון דורכשניטליכקייט און בויט ניט אויף אויסנאַמען. די מענשען, וואָס נעמען זייערע ביי־שפּילען פון יוצאים מן הכלל, פון געוויסע פּרטים, זיינען אַלע מאָל די פאַרלירער.

„מען זאָל ניט האָבען ביי זיך קיין באַשטימטע מיינונג, איידער

מען איז איבערציינט אין דער זאך. משפט ניט, ווען איר האט ניט קיין זיכערע באווייזען.

„רעדט ניט פאר פייער און פאר וואסער, אפילו ווען איר רעדט דעם אמת, ווארים מענשען האבען זייערע אמת'ן און ניט אלע ווילען פארשטיין אייער אמת.

„פירט אייער וועלטעל ווי איך איז באשערט און גלויבט ניט, אז איר קאנט איבערכיטרעווען די נאטור; לעבט נאטירליך, אין דער יוגענט זייט יונג און אויף דער עלטער קאנט איר געפינען די צופרידענקייט און גליק פון אייער צייט.

„און צו גלויבט א מענש אין גאט אדער אין מזל, דער ילוד אשה קאן אלע מאל זיך צופאסען צו דער וועלט און זיין צופרידען, אויב ער האט דעם רצון זיך צו דיסציפלינירען".

די מאדערנע מאראליסטען האבען פארשריבען נאך מער כללים, ווי אזוי א מענש דארף זיך פירען אין לעבען, כדי צו זיין גליקליך; נאר דער פרומער איד, וואס זאגט אין די זומערדיגע שבתים פרק, געפינט די אלע כללים אין די לערען פון די „אבות", וועלכע האבען אודאי בעסער געקענט דאס אידישע לעבען און געוואלט זעהן יעדען אידישען מענשען גליקליך.

אידען מוזען לערנען און זיך בילדען

די חסידיש־מתנגד׳ישע פראַגע: וואָס איז וויכטיגער — לערנען צי דאַווענען?״

די נפקא־מינה צווישען דעם מתנגד און דעם חסיד איז ניט דאָס גלעזעל בראַנפען, ווי יענער לץ האָט געזאָגט, נאָר וואָס ביי דעם מתנגד איז דער עיקר דאָס לערנען, און ביי דעם חסיד — דאָס דאַווענען — אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקען.

ווארים, ווען אידען זיינען געגאַנגען אין גלות און האָבען פאַר־לוירען די „משמני הארץ״ — זייער פרייהייט, זייער לאַנד און אַלע ערדישע גיטער — איז זיי געבליבען נאָר דער „מטל השמים״ — דאָס גייסטיגע לעבען, וואָס דער שונא האָט ניט געקאָנט פון זיי אַוועקרויבען. האָבען זיי זיך אַוועקגעזעצט שטודירען די תורה, פאַרטיפט זיך אין די לעהרען פון די אבות, אויפגעבויט דעם פלפול און געשאַפען נייע דינים און בערג הלכות, וואָס האָבען זיי גע־מאַכט פאַרגעסען אָן זייערע אידישע צרות.

אָבער וואָס זאָל טאָן דער פשוט׳ער איד, וואָס איז פאַרשלונגען פון דאגות־פרנסה פאַר ווייב און קינדער און האָט ניט קיין צייט און קיין געלעגענהייט זיך צו פאַרנעמען מיט אויסטייטשען דינים און מיט פלפולים? האָבען געפרעגט פיל פריינט פון פאָלק, ווי זאָל אַזאַ איד געפינען טרייסט אין גלויבען און וואָס זאָל אים צו־בינדען צו אידישקייט?

זיינען זיי געגאַנגען און האָבען באַגייט דעם חסידיזם, וואָס שטאַמט פון די אַלטע איסיים־צייטען און וואָס זאָגט, אַז דאַווענען שטייט העכער פון לערנען.

דאָס מיינט, לערנען ווי לערנען; אַ איד טאָר ניט זיין קיין עם־הארץ און מוז אויסניצען יעדע געלעגענהייט צו לערנען און פאַרשטיין די תורה. אָבער דער עיקר איז, ער זאָל פּיהלען און זיין באַגייסטערט פאַר דער אידישקייט; טאָן צדקה און מעשים־טובים, ניט זיין ביי זיך אַרונטערגעפאַלען אין אַ נויט, און ניט בלאָזען פון זיך מיט גאוה אין אַ צייט פון גליק. אַ איד — אַזוי האָבען די אַלטע חסידים געלערענט — דאַרף ניט זיין פאַרטריקענט און פאַרגליווערט אין די פיר איילען פון הלכה, און ניט פאַרגיין אין עצבות איבער דעם סדר העולם, נאָר ער זאָל האָבען בטחון, טאָן אַלעמאָל וואָס רעכט איז, און יום־טוב׳דיג אויפגערוימט הנאה האָבען מזיו השכינה.

בקיצור, די חסידים האָבן, אַזוי צו זאָגען, אָוועקגעלייגט אַן אַ זייט דעם טייל פון די דינים און זיך אָפּגעגעבען מער מיט אמונה און מיט מאָראַלישע לערען.

אַזוי האָבען אויך פאַרשטאַנען מערערע פון די אידישע מאָ־ראַל־פילאָזאָפען, ווי רב סעדיה גאון, רבינו בחיי און אַנדערע, וועלכע מען מוז אויך ציילען אונטער די חסידים.

און דאָס איז, אין גרונט גענומען, אויף וואָס די מתנגדים און די חסידים גייען זיך פאַנאַנדער און וואָס מען איז געוואוינט אויס־צודריקען ביי אונז אין דער איינפאַכער פראַגע:

וואָס איז וויכטיגער — לערנען צי דאַוונען?

אין ברייטערען זין פון וואָרט מיינט עס, צי איז דער עיקר, אַז מענשען זאָלען פריהער אָנזאַמלען קענטעניסען, לערנען און ווי־סען, כדי דורך דעם משיג צו זיין ווי אַזוי זיי דאַרפען זיך שפּעטער פירען אין לעבען, אָדער צי איז די מענשליכע אויפפירונג אַן עיקר פאַר זיך אַליין, וואָס מען דאַרף קענען אָן וויסענשאַפטליכע שטו־דיומס?

צי מוז מען זיין אַ תלמיד־חכם כדי צו זיין אַן אידעלער, מאָ־ראַלישער מענש, אָדער מען קאָן זיין מאָראַליש און טאָן וואָס רעכט איז, אפילו ווען מען קנייטשט ניט דעם שטערען איבער די שווערע ביכער?

און די פראַגע איז גאָר ניט אַזוי איינפאַך, ווי מען קאָן דענ־קען. שוין די אַלטע גריכישע פילאָזאָפען האָבען וועגען דעם גע־מחלוקה׳ט.

סאָקראַטעס און פּלאַטאָן, למשל, האַלטען, אַז יעדער מענש איז בטבע עהרליך און וויל טאָן גוטס; אי פאַרוואָס זיינען פאַראַן אַזוי פיל אויסוואורפען, וואָס טוען נאַר שלעכטס? ווייל זיי ווייסען ניט דעם אונטערשייד צווישען רעכט און אומרעכט, צווישען אמת און פאַלשקייט, זיי קאָנען עס ניט משיג זיין.

דערפאַר, הייסט עס, מוז אַ מענש לערנען, שטודירען און זאַמ־לען קענטעניסען; און אַז ער וועט וויסען אונטערצושיידען צווישען גוט און שלעכט, וועט ער ממילא טאָן גוטס און וועט זיין בתכלית השלימות.

זאָגט אָבער אַריסטאָטעל, אַז בילדונג אַליין איז ניט בכוח צו־ריקצוהאַלטען אַ מענשען פון טאָן אומרעכט. מען קאָן אַמאָל זיין געבילדעט און דאָך זיין אַ שאַרלאַטאַן. כדי צו זיין עהרליך און מאָראַליש, דאַרף מען עס פּראַקטיצירען, מען מוז זיך דערצו גע־וואוינען, און דאָס איז אַ טייל פון קינד׳ס ערציאונג.

ווי מען זעט, האָבען שוין די גרויסע גריכישע פילאָזאָפען גע־קלערט וועגען דעם וואָס פאַר אַ מענשען איז וויכטיגער — צי לער־נען, וויסען און פאַרשטיין, אָדער דאָס דאַוונען, דאָס מיינט, די מצוות מעשיות, דאָס טאָן און פּראַקטיצירען גוטע מעשים.

די זעלבע פראַגע, ווי עס ווייזט זיך אַרויס פון דער גמרא, איז געבראַכט געוואָרען פון די אַלטע אידישע לערער, וועלכע האָבען,

ווי מען קאָן זיך משער זיין, צוגעשטימט צו דער מיינונג פון סאָק־ראַטעס און פּלאַטאָן, וואָרים אַזוי דרש'ענען זיי אין דער גמרא:

„נר מצוה ותורה אור" — טאָן אַ מצוה, אַ גוטע זאַך, איז ווי דער שיין פון אַ חלב'ן ליכט; עס שיינט פּאַר אַ ווייל און אויף אַ קליינעם שטח. אָבער לערנען תורה, בילדונג, איז ווי די ליכטיג־קייט פון טאָג, וואָס באַלייכט די וועלט ווייט און ברייט.

און אַזוי פאַרשטייט אויך דער אַלטער לערער רבי מאיר, וועל־כער זאָגט אין פּרק:

„כל העוסק בתורה זוכה לדברים הרבה, ולא עוד, אלא שכל העולם כלו כדאי הוא לו" — ווער עס לערנט, איז ניט נאָר וואָס ער אַליין איז זוכה צו פיל פּריווילעגיעס, נאָר די גאַנצע וועלט מוז אָנקומען צו אים, ווייל תורה, בילדונג, אַנטוויקעלט אין אַ מענשען זיינע פייאיגקייטען, גיט אים אַ קלאָרען באַגריף פון לעבען, אַז ער ווייס ווי זיך צוצופּאַסען צו דער געזעלשאַפט, וואָס עפענט פאַר אים אַ ברייטען וועג צו דערגרייכען זיין קאַריערע, און —

„מגדלתו ורוממתו על כל המעשים" — לערנען מאַכט אַ מענ־שען גרויס, עס הויבט אים אַרויס פון אַלע אַנדערע אַרום זיך.

און אַ מתנגד צי אַ חסיד — אַ איד מוז לערנען, דערקלערט דער פּרק.

דער גולם פון פּרק

ווי אַזוי די אַלטע לערער האָבען געשילדערט דעם ניט־דערבאַקענעם אינטעליגענט

מענשען זיינען ווי גראָז, אָדער ווי דער אַלטער חכם האָט געזאָגט אויף זיין לשון:

„בני אדם דומין לעשבי השדה“ — מענשען־קינדער זיינען גע־גליכען צו די גראזען אויפ'ן פעלד.

און גראזען, ווי עס איז באקאנט, זיינען פאראן אלערליי: עס איז דא א פיינער גראז, וואס דער אמעריקאנער רופט „לאון גרעס“, צארט, גלאט ווי א סאמעט און אנגענעם פאר'ן אויג; אן אידעלער גראז, אויף וועלכען מען מוז ארבעטען און אים שענקען פיל אויפ־מערקזאמקייט, כדי אים אויפצוהאלטען, און דערפאר וואקסט ער טאקע שפארעוודיג.

און ווידער איז דא דער ווילדער גראז, וואס ניט געזייהט און ניט געפלאנצט שפרינגט ער ארויס אומעטום, וואו איר דערוואַרט אים גאר ניט, און שפרייט זיך חוצפה'דיג אויס אין אלע זייטען, פארשטופענדיג אדער גאר אפטויטענדיג דעם פיינעם גראז.

עס איז גאר ניט אויסצוהאלטען פון דעם ווילד־גראז, וואס פארמערט זיך, כאטש מען זוכט אים אויסצוראטען.

און מענשען, הייסט עס, זיינען אויך אזוי. פאראן מענשען אידעלע, געלערענטע און מיט שיינע מידות, דאס זיינען די אינ־טעליגענטען אדער חכמים, און עס איז אויך דא מענשליך ווילד־גראז, וואס מען רופט ביי אונז מיט פארשיידענע נעמען, ווי „בור“, „עם־הארץ“ און „גולם“.

פונדעסטוועגען איז א מענש, ער מעג זיין ווער ער איז, פארט ניט קיין ווילד־גראז; און אויב ער איז אפילו ניט אינטעליגענט, מוז מען דאך זיין צו אים מענשליך. אזוי זאגט בפירוש די גמרא:

„לא יכוין אדם לאמר אהוב את החכמים ושנוא את עמי הארץ אלא אהוב את כולם“ — דאס הייסט, עס זאל א מענשען ניט איינ־פאלען א געדאנק צו זאגען: ליב די אינטעליגענטען און האב פיינט די עמי־הארצים, נאר מען מוז ליבען אלעמען.

דארף מען טאקע, הייסט עס, ליב האבען אלע מענשען, אבער עס איז פארט ניט אנגענעם צו פארברענגען און צו עסק'ן מיט א בור, אן עם־הארץ אדער א גולם, און אין זיין פירוש אויף „פרקים" ערקלערט טאקע דער רמב"ם ווער איז ווער, און זאל א איד וויסען מיט וועמען ער קומט צוזאמען און וואס ער קאן פון יענעם דערווארטען.

א בור — אזוי זאגט דער רמב"ם — איז א מענש, וואס פאר־מאגט ניט קיין תורה און ניט קיין סחורה. ער איז ניט צו גאט און ניט צו לייטען. לערנען קאן ער ניט, קיין שיינע מידות באזיצט ער ניט, און פון קיין דרך־ארץ — פון באנעמען זיך מיט מענשען — ווייסט ער ניט. ניט פיל איז דא צו ריידען פון דעם בור, וועלכער איז אין אונזער צייט, צום גליק, ווייניג פאראן.

מיט דעם עם־הארץ איז שוין דער ענין אביסעל אנדערש. דעם עם־הארץ, לויט ווי דער רמב"ם ערקלערט, פעלען די שכל'דיגע מעלות, די גייסטיגע אייגענשאפטען. ער איז ניט אינטעליגענט און ניט געבילדעט, אבער ער איז א וועלט־מענש, און דערפאר רופט מען אים עם־הארץ, וואס באטייט, ער געהערט צום פאלק, אין וועל־כען דאס לאנד בויטיגט זיך.

אן עם־הארץ, כאטש ער איז אן עם־הארץ און קען ניט קיין תורה, באזיצט ער אבער שיינע מידות, און פארשטייט ווי אזוי אומצוגיין מיט מענשען. ער ווייסט וואו־איין און וואו־אויס, און דערפאר אפשר זאגט דער מדרש:

„ווען א מענש האט ניט געלערנט און קאן ניט לייענען און לערנען, וואס זאל ער טאן אום צו מאכען א לעבען? זאל ער גיין און ווערען א „פרנס על הציבור", דאס מיינט אומגעפער א פרעזידענט פון א שוהל, אדער ער זאל ווערען א צדקה־קאלעק־טאר, און ער וועט מאכען א פיינעם לעבען".

ווייל אַן עם־הארץ איז ער טאַקע, נאָר ער טויג צום עסק, ער קאָן אומגיין מיט מענשען.

די גרעסטע צרה איז אָבער ניט מיט דעם בור און ניט מיט דעם עם־הארץ, נאָר מיט דעם גולם. און דער גולם, פון וועלכען דער פרק רעדט, און פון וועלכען דעם רמב״ם שרייבט, איז ניט דער פראַגער גולם, וואָס האָט זיך באַוועגט מיט דעם שם־המפורש, און ניט דער גוי׳אישער פראַנקענשטיין, נאָר עס איז דער ניט־דער־באַקענער אינטעליגענט, וועלכער מיינט, אַז אַלץ וויס ער.

דער גולם — אַזוי מיינט דער רמב״ם — איז אַ מענש, וואָס באַזיצט אי גייסטיגע מעלות אי וועלטליכע, נאָר אַלץ איז ביי אים ניט פולשטענדיג, ניט דערבאַקען, נאָר ער האַלט פון זיך אַן עולם ומלואו, ער האָט באמת גאָר ניט געלערנט, נאָר דאָ אַ לעק, דאָרט אַ נאַש, אַביסעל געהערט, אַביסעל אַריינגעקוקט, און ער מיינט, אַז ער איז שוין אַ גאַנצען ידען.

אַזוי איז מיט זיין אינטעליגענץ און מיט זיין בילדונג, און אַזוי מיט זיין דרך־ארץ, מיט זיין אומגאַנג צווישען מענשען. ער איז אומעטום אַ גולם, אַ ניט־דערבאַקענער, נאָר ער האַלט פון זיך אַן עולם ומלואה און מיינט, אַז וואָס ער זאָגט מוזען מענשען אָננעמען פאַר תורת־משה.

אַזעלכע גולמים זיינען געווען ביי אידען אין דער אַלטער צייט, ניט־דערבאַקענע למדנים, ניט־דערבאַקענע משכילים, אַזוי ווי איר קענט זיי ביי אונז היינט, די ניט־דערבאַקענע אינטעליגענץ־גולמים.

און דער גולם איז אַ גרעסערע סכנה פון דעם בור מיט׳ן עם־הארץ צוזאַמענגענומען; וואָרים אַ האַלבער קענער איז ערגער פון אַ גאַנצען עם־הארץ. דער עם־הארץ וויס באַטש, אַז ער ווייסט ניט; מיט דעם האַלבען אינטעליגענט קאָנט איר זיך קיינמאָל ניט אויסצאַלען. און ערגער פון אַלץ איז, וואָס ער זוכט צו באַאיינ־

פלוסען אַנדערע צו זיינע ניט־דערבאַקענע געדאַנקען — ער איז דאָך אַ גולם.

דערפאַר האָבען אונזערע אַלטע קלוגע געגעבען אין פּרק אַ שילדערונג, ווי אַזוי צו דערקענען דעם ניט־דערבאַקענעם איני־טעליגענט, כדי איר זאָלט זיך פון אים ניט לאָזען באַאיינפלוסען און ניט פאַרלירען אומזיסט קיין צייט צו פירען מיט אים וויכוחים, וואָס וועלען סיי ווי ניט ברענגען קיין נוצען.

אַ גולם, אַ ניט־דערבאַקענער אינטעליגענט — אַזוי מיינען די אַלטע אין פּרק — איז פונקט דער היפּוך פון דעם אמת־געלערענטען מענשען. אַ גולם האָט ניט קיין רעספּעקט און רעדט דוקא פאַר די, וועלכע זיינען געלערענטער און עלטער פון אים, און ער שלאָגט אַלע ווילע איבער יענעמ׳ס רייד און לאָזט קיינעם ניט קומען צום וואָרט.

דער גולם איז שטענדיג פאַרטיג מיט אַן ענטפער, כדי מסתמא צו באַווייזען, אַז ער ווייסט אַלץ. ער פרעגט ניט ווי געהעריג, און ענטפערט ניט ווי עס פאַסט. זיינע רייד זיינען פאַרפּלאָנטערט, אָן אַ סיסטעם. ער וועט קיינמאָל ניט זאָגען, אַז ער האָט עפּעס ניט געהערט, אָדער ער ווייסט עפּעס ניט, און וועט קיינמאָל ניט מודה זיין, אַז איר זייט גערעכט, כאָטש עס איז קלאָר, אַז דער אמת איז מיט אייך.

אָט אַזוי איז דער ניט־דערבאַקענער אינטעליגענט, ווי די חכמים האָבען אים געשילדערט. זיי דערמאָנען ניט אין פּרק דעם בור אָדער דעם עם־הארץ, וואָרים ניט יעדער מענש האָט דאָך די גע־לעגענהייט צו זיין געלערנט, אָבער זיי פאַרליידען ניט דעם גולם, וועלכער גרויסט זיך מיט זיין ביסעל קענטעניש און וויל זיך ווייזען קליגער פון אַלעמען.

און ווער קאָן אים דען יאָ פאַרליידען, דעם אמת׳ן מענשליכען ווילד־גראָז ? . . .

וועגען בילדונג ביי אונז און ביי זיי

ביי אונז ליגט אויף יעדען איינעם אַ חוב צו לערנען און וויסען.

געוועזען ביי אידען אַ גרויסער לערער — יוסי בן קסמא האָט ער געהייסען — האָט ער דערציילט וועגען זיך אָט־די געשיכטע:

ער איז אַמאָל געגאַנגען אין וועג און באַגעגענט אַ אידען, קענטיג זעהר אַ רייכען, וועלכער האָט אים פיין באַגריסט און פאַרפירט מיט אים אַ שמועס, וואָרים די אַמאָליגע אידען זיינען געוועזען אַנדערש פון די מאָדערנע אחינו בני ישראל.

היינטיגע אידען דערווייטערן זיך איינער פון אַנדערען, האָבען ניט קיין צוטרויען איינער צום צווייטען און ווען צוויי אַזעלכע אידען באַגעגענען זיך, קערען זיי אַוועק דעם קאָפּ יעדער אין אַן אַנדער זייט. איר וועט געפינען אפילו אידען, וואָס וואוינען פאַר יאָרען לאַנג אין שכנות אין דעם זעלבען אַפּאַרטמענט־הויז און האָבען קיין מאָל ניט געזאָגט קיין „גוט מאָרגען" איינער צום צווייטען. יעדער בלאָזט פון זיך מיט גאוה אַזוי ווי ער וואָלט זיין אַ גראַף פּאָטאָצקי.

האָט יענער איד פון דער אַלטער צייט, כאָטש זעהר רייך, יאָ זיך אַריינגעלאָזט אין אַ געשפּרעך מיט דעם אָרימען וואַנדערער און זאָגט צו אים:

— איך דערקאָן, אַז איר זייט אַ תלמיד־חכם, אַ רבי ביי אידען, און איר ברענגט אייערע פיס אום צו זוכען פּרנסה, וואָלט איך געוואָלט וויסען וואָס פאַר אַ מין שטאָט אייערע איז, וואָס פּאַרנאַכ־

לעסיגט אירע געלערענטע אידען און לאזט זיי וואגלען פאר׳ן שטי־קעל ברויט.

און דא זעט איר ווידער ארויס דעם גרויסען אונטערשייד צווי־שען די אמאליגע אידישע גבירים און די היינטיגע.

א היינטיגער אידישער נגיד, ווי עס איז באקאנט, גיט ניט קיין שמעק טאבאק פאר׳ן תלמיד חכם. ער איז די גאנצע בילדונג מבטל בתכלית הביטול און קוקט אויף דעם געלערענטען ווי אויף א בטלן. א סך האט איר געהערט פון אידישע גבירים, וועלכע שטי־צען ארימע געלערענטע און העלפען פארשפרייטען אידישע ביכער?

נאר דער נגיד פון דער אלטער צייט האט דוקא געהאט דרך־ארץ פאר תלמידי חכמים, און ווען דער לערער האט אים דער־ציילט, אז ער קומט פון א שטאט פון גרויסע געלערענטע און שריי־בער, וועלכע זיינען אליין נעבעך מורא׳דיגע קבצנים און האבען אים ניט געקאנט העלפען, האט ער, דער גביר, צו אים געזאגט:

— פאלגט מיר, רבי, און קומט מיט מיר, באזעצט זיך אין אונזער פלאץ און עס וועט אייך גאר ניט פעלען. איך וועל אייך געבען א מיליאן גאלדענע רענדלעך מיט דימאנטען און ברילאנ־טען און טייערע פערל, אז איר וועט ביי אונז אויפגעריכט ווערען. מיר פארשטייען ווי אפצושאצען א מענשען מיט אידישער בילדונג.

און רבי יוסי, לויט ווי ער אליין דערציילט, האט דעם גלענ־צענדען אנבאט ניט אנגענומען. „און ווען דו וועסט מיר אפילו געבען דאס זילבער און גאלד און קאסטבארע שטיינער פון דער וועלט״, האט ער געזאגט צו דעם מעצענאט און ליבהאבער פון בילדונג, „וועל איך דאך וואוינען נאר אין א פלאץ פון תורה און חכמה; צווישען געלערענטע, שרייבער און קינסטלער. איך דארשט נאך בילדונג, אלע גרויסע אידען ליבען בילדונג״.

איז די מעשה מיט דעם מיליאן רענדלעך און מיט די אוצרות

דימאנטען אפשר אביסעל איבערטריבען און שטארק פאר׳גוזמא׳ט, ווארים מען דארף גאר ניט האבען קיין מיליאנען אויף אויפצונע־מען א רב אין א שטאט אפילו ווי געלערענט ער מעג זיין.

אבער דער פרק, וואס גיט איבער די געשיכטע פון רבי יוסי בן קסמא, מיינט צו באווייזען, אז ביי אידען האט מען אלע מאל געלייגט א הויכען ווערט אויף בילדונג, אז שוין פון זיין קינד־הייט אן האט א איד געהערט פון דער מאמען, אז „תורה איז די בעסטע סחורה״ און ער מוז לערנען, שטודירען און באזיצען קענ־טענישען.

נאר כדי צו לערנען און פארשטיין, וואס מען לערענט, מוז מען דענקען. און מתמידים, וואס ווילען לערנען, זיינען פאראן ווייניג, און צו דענקען איז דער דורכשניטליכער מענש בכלל זעהר פויל. האבען מיט אט־דער מענשליכער שוואכקייט זיך באנוצט די רע־גירונגען און די קירך, וועלכע זיינען, אזוי צו זאגען, געווארען די אפוטרופסים פון געדאנק און געוואלט צווינגען די מענשען צו טראכ־טען מיט זייערע טראכטענישען.

ווארים אזוי זאגט דער ענגלישער פילאזאף:

„וויסען איז מאכט און דערפאר איז דער אומוויסענדער הילפ־לאז, ווייל ער דענקט ניט, אבער דענקען בילדעט דעם כאראקטער, און א מענש מיט כאראקטער קאן באהערשען די אומשטענדען״.

נאר די רעגירונגען און די קירך ווילען דאס גאר ניט. הער־שען ווילען זיי אליין. האט די קאטולישע קירך, זינט זי האט זיך געגרינדעט, באפוילען די מענשען צו גלויבען, אבער ניט אליין צו לערנען און פארשען. און די רעגירונגען האבען שטענדיג גע־זוכט ארויפצולייגען א שלאס אויפ׳ן פרייען מענשליכען געדאנק.

— איר קאנט זיך פארשפארען אליין צו לערנען און דענקען,

— האבען די גלחים און הערשער שטענדיג גע־טענה׳ט צו די מענ־

שען. — מיר טראַכטען שוין פאַר אייך. איר פאָלגט נאַר וואָס מיר הייסען אייך . . .

ניט אומזיסט זיינען די מענשען, דורך דעם גאַנצען מיטעל־אַלטער, ווען די קאַטוילישע קירך האָט באַהערשט אייראָפּע, געווען שרעקליך אומוויסענד, אַז אפילו די קעניגע און פירסטען האָבען ניט געקאַנט אונטערשרייבען זייערע נעמען, און ביז היינטיגען טאָג, אין די לענדער וואו די גלחים האָבען די אויבערמאַכט, זיינען די איינוואוינער צוריקגעשטאַנען און פאַרזונקען אין פאַנאַטיזם.

נאַר בעת ביי אַנדערע פעלקער און אַנדערע רעליגיעס האָט מען געזוכט צו האַלטען די מענשען אין אומוויסענקייט און געשטערט זיי פון דענקען און פאַרשען, האָט מען ביי אידען דוקא געלערענט די נוצען פון וויסען און פאַרשטיין. אַ איד טאַר ניט זיין אומוויסענד, ער מוז לערנען, ווייל אַ געלערענטער מענש איז אַ דענקער, ער וויס וואו־איין און וואו־אויס און —

„אהוב, אוהב את הבריות, אוהב את הצדקות, אוהב את המישרים . . . נושא בעול עם חברו“.

דער איד, וואָס לערענט, איז אויפגעקלערט און ער קאָן זיך ביי אַלעמען מאַכען באַליבט, און איז אַ מענעשענפריינט, און האָט האַלט צו טאָן אַ טובה און איז יושר׳דיג, אינטערעסירט זיך ווי אַ פריינט אין יענעמ׳ס נויט, און אידען מוזען זייערע קינדער לערנען.

אַזוי האָט מען ביי אידען אַלע מאָל פאַרשטאַנען. אַזוי לערענט דער פּרק.

די מענשען און זייערע געפילן

פאראן מאמענטען אין לעבען, ווען די געפילען זיינען שטארקער פון דעם מענשען.

רוים, דאס מיינט שטח אדער ארט און צייט, זיינען צוויי באגריפען, וואס סיי די וויסענשאפטסלייט און סיי אונזערע בעלי־קבלה באטראכטען שיער פאר דעם פונדאמענט פון דעם וועלט־באשאף. אויף רוים און צייט האט אלבערט איינשטיין, למשל, געבויט זיינע בארימטע וויסענשאפטליכע טעאריעס; דורך רוים און צייט, זאגען די קבלה־לייט, אנטפלעקט די געטליכקייט אירע נאטור־וואונדער אין די באזונדערע קלימאטען און אין די פארשיידענע סעזאנען פון יאר.

ווארים צייט איז אייביג. זי איז אן אנהויב און אן ענד, און וויפיל א מענש זאל טראכטען, וועט ער זיך ניט דער־טראכטען צום באגריף פון „בראשית", און פונקט אזוי קאן ער ניט האבען קיין השגה פון דעם רוים, וואס שפרייט זיך אויס אין ווייטע ווייטקייטען, אן א גרעניץ און אן א ברעג. ניט אומזיסט האבען זיי אין דער קבלה דעם „עתיקא דעתיקין", דעם עלטסטען פון די אלטע, ווי זיי רופען דעם באשעפער, א נאמען געגעבען „אין סוף", און דערפאר רופען זיי דאך גאט כביכול אויך „מקום", ווייל ער דערמאנט אויף דער אומענדליכקייט פון רוים אין דעם מורא'דיגען וועלט־חלל.

און א מענש איז אויך א וועלט פאר זיך; אזוי ווייניגסטענס גלויבט ער; אבער זיין גייסטיגער רוים איז דוקא שטארק באַ־גרעניצט. אויב ער נעמט זיך אריין אין קאפ אן אידייע, וועט ער

ניט צולאָזען צו זיך קיין אַנדער געדאַנק, און אויב ער טראָגט אין זיין האַרצען אַ געוויסען געפיל, קאָן ער ניט אין דער זעלבער צייט פילען עפּעס אַנדערש, ווייל אַ מענש קאָן ניט, די נאַטור האָט אים ניט באַשאַפען צו זיין, אַזוי צו זאָגען, אַלזייטיג; זיין מוח און זיין האַרץ זיינען ניט ווייט און ניט גרויס גענוג, אַז זיי זאָלען קאָנען אויפנעמען פאַרשיידענע געדאַנקען און געפילען.

מיר ווערען פלאַם־פייער, ווען מען שטערט אונז בעת מיר זיינען פאַרטיפט אין אַ געוויסען רעיון, און אַ בעל־מקנא קאָן ניט זיין ברייטהאַרציג. דאָס באַווייזט, אַז עס איז פאַראַן אויך, אויב מען קאָן עס אַזוי רופען, אַ פּסיכאָלאָגישע רוים און צייט, וואָס די וויסענשאַפטסלייט וואָלטען געדאַרפט אויספאָרשען, און דאָס האָט טאַקע ספּינאָזאַ פּרובירט טאָן.

כדי צו באַקעמפען אַ געוויסען עפעקט אָדער אַ געפיל, מיינט ספּינאָזאַ, מוז מען אַרויסרופען נאָך אַ שטאַרקערען געפיל, וואָס זאָל זיין בכוח צו פאַרטרייבען דעם ערשטען און צו פאַרנעמען זיין פּלאַץ, וואָרים אין דער וועלט פון דער נשמה גייט־אָן אַ שטענדי־גער קאַמף, ווי אין דער וועלט פון מאַטעריע.

איר זאָלט דערפאַר קיינמאָל ניט זוכען צו באַקעמפען אַ מענ־שענ׳ס איבערצייגונג, אויב איר האָט ניט קיין שטאַרקערע באַווייזען דאַגעגען; פּרובירט גאָר ניט צו ווירקען אויף אים אַנדערש, ווי ער דענקט און פילט, אויב איר זייט ניט שטאַרק גענוג אים עס צו איבערצייגען, וואָרים געדאַנקען און געפילען זיינען אַ זאַך פון האַרצען און פון מוח, וואָס לאָזט זיך גאָר ניט לייכט באַקעמפען.

נאָר די הערשער און גלחים פון די פריערדיגע צייטען האָבען ניט געוואוסט פון אָט דעם פּסיכאָלאָגישען געזעץ. זיי האָבען גע־האַלטען, אַז געדאַנקען און געפילען הענגען־אָפּ פון דעם מענ־שענ׳ס אייגענעם ווילען; ער דאַרף נאָר האָבען דעם רצון צו פאַר־

טרייבען א געוויסען געדאנק אדער אונטערדריקען זיין געפיל און ער קאן דאס באלד דערגרייכען.

און פארוואס זאל ער דאס ניט קאנען באווייזען? האבען זיי זיך געוואונדערט. עס זיינען דאך פאראן מענשען, וואס בייטען לייכט זייערע אידייען, ווי זיי בייטען זייערע העמדער — פארוואס זאל דאס יעדער איינער ניט טאן?

אבער מענשען זיינען פארט ניט קיין סטאדע בהמות, וואס לאזען זיך פירען וואוהין מען טרייבט זיי; מענשען האבען זייערע געפילען און טראכטען זייערע טראכטונגען, און ווייל זיי האבען גע־טראכט ניט ווי מען האט זיי געהייסען, האט מען זיי גע׳משפט פאר זייערע געדאנקען, און זיי געפייניגט, און גזירות קעגען זיי געשאפ־פען, און אויף שייטערהויפענס געברענט. זייערע פייניגער, די הער־שער און גלחים, האבען זיך גאר ניט געקאנט פארשטעלען, אז מען טאר קיינעם ניט משפט׳ען פארוואס ער טראכט און פארוואס ער פילט, ווייל די געפילען זיינען אפט שטארקער פון דעם מענשען גופא, און עס פאסירט אפט, אז עמיצער נעמט זיך אריין אין קאפ א געדאנק, וואס איר קאנט פון אים מיט טשוועקעס ניט ארויס־שלאגען, און אויב איר קאנט אים ניט איבערצייגען מיט שכל׳דיגע ארגומענטען, אז זיין געדאנק איז א קרומער, מוזט איר אים לאזען גיין זיין וועג און ניט ארויפצווינגען אויף אים אייער מיינונג.

נאר ביי אנדערע פעלקער רעכענט מען זיך אפט גאר ניט מיט דעם דאזיגען אמת, און ביז היינטיגען טאג נאך ווערען מענשען פארפייניגט אין די קאנצענטראציע לאגערן, ווייל זיי טראכטען און פילען אנדערש ווי זייערע דיקטאטארס באפעלען זיי.

דערציילט אונז דער פרק, אז די אלטע אידישע לערער האבען יא געקאנט אריינדרינגען אין דער טיפעניש פון דער מענשליכער נשמה, און האבען פארשטאנען איר שוואכקייט, אז עס פאסירען אין

לעבען מאָמענטען, וואָס זיינען שטאַרקער פון דעם מענשען, וועל־כער געפינט זיך דעמאָלט אין אַ צושטאַנד, וואָס אַ געוויסע געשעהע־ניש האָט אויף אים געמאַכט אַ שטאַרקען איינדרוק, און אין אַזאַ צייט מוז מען מיט אים האָבען איינזעהעניש און זיך רעכענען מיט זיינע געפילען.

און דאָס איז וואָס רבי שמעון לערענט אין פרק, ווען ער זאָגט:

„אל תרצה את חברך בשעת כעסו ואל תנחמהו בשעת שמתו מוטל לפניו ואל תשאל לו בשעת נדרו ואל תשתדל לראותו בשעת קלקלתו" — זוך ניט איבערצובעטען דיין פריינט, ווען ער ווערט אין כעס, טרייסט אים ניט, ווען דער טויטער ליגט נאָך פאַר זיינע אויגען, האַלט אים ניט צוריק ווען ער שפּרינגט אַרויס מיט אַ נדר צי מיט אַ שבועה און קריך אים ניט אין די אויגען, ווען ער האָט זיך מיט עפּעס באַנאַרישט און ער שעמט זיך צו קוקען די מענשען גלייך אין פנים אַריין.

ווי מען זעט, האָט דער לערער דאָ צוזאַמענגעקליבען די מאָ־מענטען פון לעבען, ווען אַ מענש האָט ניט איבער זיך קיין קאָנ־טראָל. צי ער איז אין כעס, צי ער געפינט זיך אין צער אָדער אַ געוויסע סיבה האָט אים געטריבען צו געבען אַ שבועה, צי האָט ער אָפּגעטאָן אַ קרומע טאַט — אין אַלע אַזעלכע צושטאַנדען איז בעסער ווען מען רעדט גאָר ניט צו אים, ניט מען טרייסט אים, ניט מען באַרואיגט אים און ניט מען בייזערט זיך אויף אים, ווייל אין אַזאַ צייט זיינען אַלע רייד צו אים אַרויסגעוואָרפען. ער איז אַרומגעכאַפּט פון זיינע געפילען, וואָס זיינען שטאַרקער פון אים און ער קאָן זיך ניט באַהערשען.

און מען זאָל ניט משפּט'ען אַ מענשען, וועלכער געפינט זיך אונטער דער ווירקונג פון אַ געוויסען אויסערגעוויינליכען צושטאַנד, מיינט דער אַלטער לערער.

דער אמתי׳ער ציל פון לעבען איז גליק

און ווי אזוי די אלטע אידישע געלערענטע האבען פארשטאנען דאס מענשליך גליק.

ווען ביי די ערשטע צווי מענשען האבען זיך געעפענט די אויגען און זיי האבען דערזעהן די נאקעטקייט, האבען זיי צו־זאמענגענייהט פייגען־בלעטער און זיך געמאכט גארטלען. אין דער דאזיגער נאאיווער מעשה׳לע פון חומש איז, אויב איר ווילט, איינ־געוויקעלט די געשיכטע פון מענשליכען פראגרעס.

ווען דער מענש האט זיך ארויסגעהויבען פון זיין פרימיטיווען צושטאנד און דער ערשטער ליכט־שטראל פון שכל האט דורכגע־ריסען זיין פינצטערען חיה׳שען לעבען, האט ער פארשטאנען, אז עפעס איז מיט אים ניט ווי עס באדארף צו זיין.

געוויס האט ער נאך קיין גייסטיגע פארלאנגען ניט געהאט און קיין וועלט־פראבלעמען האבען אים ניט געמאטערט; אבער א מענש איז ער דאך — טא ווי לאנג איז פאר אים דער שיעור צו בלייבען א פרא־אדם און זיך ארומטרייבען ווי א חיה אין וואלד? פארוואס זאל ער טאקע ניט לעבען בעסער און ניט נעמען זיך אלע פארגעניגענס, אויב ער האט דערצו די מעגליכקייטען?

און אזוי האבען די מענשען פון די אלטע צייטען געפונען דעם ציל פון לעבען אין די וועלטליכע פארגעניגענס. ווייל גייסטיג זיי־נען זיי נאך געבליבען פרימיטיוו און פארווילדערט, האבען זיי גע־מיינט אויסצודריקען זייער מענשליכען פארצוג אין נאכגעבען אלע זייערע מגושמ׳דיגע תאוות, די גראבע לײדענשאפטען.

מען דארף נאר לייענען די געשיכטע פון די אלטע פעלקער,

ווי למשל פון בבל, מצרים, גריכענלאַנד און רוים, כדי צו זעהן, ווי אַזוי די מענשען דעמאָלט, אַחוץ אפשר אַ קליין הייפעלע, זיינען געווען פאַרזונקען אין דעם זומפּ פון אַלע שענדליכע תאוות, אַז אפילו זייערע רעליגיעס זיינען געווען געבויט אויף זנות און זייערע גע־טער זיינען געווען די שוידערליכסטע אויסוואורפען. טאָ ווי האָבען שוין געקענט זיין די מענשען, וואָס האָבען געלערענט פון זיי?

הונדערטער יאָרען זיינען אַוועק אין דעם צושטאַנד ביז דער מענשליכער גייסט האָט אַזוי צו זאָגען זיך אויסגעטשוכעט פון זיין לאַנגען שלאָף און מען האָט דערזעהן דעם גאַנצען חורבן, וואָס די אידייע פון נאָכגעבען די ליידענשאַפטען האָט געבראַכט אויף דער וועלט: די מענשען האָבען זיך איבערגעגעסען מיט די משונה׳־דיגע פאַרגעניגענס און פאַרלאָרען יעדען אינטערעס אין לעבען, און גאַנצע פעלקער, וואָס זיינען דעמאָראַליזירט געוואָרען דורך זייער שאַרלאַטאַנעריי, זיינען אינגאַנצען אונטערגעגאַנגען.

עס איז דעמאָלט קלאָר געוואָרען, אַז דער ציל פון לעבען איז עפּעס אַנדערש, ווי די גראָבע תענוגים. האָבען די מענשען זיך אַ וואָרף געטאָן צום צווייטען עקסטרים. אַנשטאָט הנאה צו האָבען פון לעבען, האָבען זיי אַנגעהויבען אַנטלויפען פון לעבען. זיינען גע־וואָרען נזירים, הערמיטס אָדער אַטשעלניקעס, זיך באַהאַלטען אין די וויסטענישען און אָפּגעריכט גלות, ווי אונזערער אַ בעל־תשובה, מיט תעניתים, סיגופים, פּייניגונגען און מיט אונטערדריקען אין זיך די נאַטירליכע פאַרלאַנגען.

אַזוי זיינען געווען ביי אידען די רכבים, די איסיים, און אַזוי די קריסטליכע אַסקעטישע סעקטען. אָבער אַסקעטיזם איז פונקט אַזוי שלעכט, ווי דער געיעג נאָך פאַרגעניגענס.

וועגען די שמד־העלזער, וואָס זיינען איבערגעגעבען צו פאַר־געניגענס, האָט שוין אַמאָל געזאָגט, אויב אונזער זכרון נאַרט אונז

ניט, דער קלוגער שעקספיר: „א פעטער בויך האט א מאגערען געהירען".

און וועגען די נאטור־פאראכטער, די אסקעטען, האט דער אמע־ריקאנער פילאזאף עמערסאן זיך אויסגעדריקט: „פאריאג די נא־טור מיט דעם פארמער'ס העי־גאפעל און זי וועט דאך גאר גיך קומען צוריק".

דאס מיינט, אז זעלבסט־פארלייקענונג, אפזאגען זיך פון וועלט־ליכע פארגעניגענס איז פונקט אזוי ניט גוט, ווי אריבערכאפען די מאס פון די פארגעניגענס. די ביידע אידייען טויגען ניט און ניט דאס איז א מענשען'ס ציל אין לעבען.

זיינען געקומען אנדערע דענקער און האבען דערקלערט, אז דער אמת'ער ציל פון לעבען איז צו ארבייטען פאר דעם גליק פון די מיטמענשען, ווארים אין דעם באוואוסטזיין, אז מען האט יענעם געטאן גוטס און אים גליקליך געמאכט, איז מען אליין אויך גליק־ליך. יעדער מענש מוז האבען אין זינען, אז זיין פליכט איז צו ברענגען נוצען דער וועלט, ווארים דערפאר איז ער דאך באשאפען געווארען.

זיינען טאקע דא גאנץ ווארילע מענשען, וועלכע גיבען אוועק זייער צייט און זייער געלט פאר כלל־ארבעט; מענשען, וועלכע האבען שטענדיג אין זינען דעם וואוילזיין פון אנדערע; אבער ניט יעדער איז דאך מסוגל זיך מקריב צו זיין פאר א צווייטען. און וואס זאל טאן דער איינפאכער מענש, וואס מוז ארבעטען מיט שווייס אויף פרנסה פאר ווייב און קינדער? ווי קאן ער ברענגען נוצען דער וועלט און זארגען פאר זיינע מיטמענשען?

האבען די אידישע חכמים, ווי עס ווייזט אויס, פארווארפען אלע דריי אידייען און זיי האבען גאר אן אנדער קוק אויף דעם גאנצען ענין.

פאַר די אַלטע אידישע קלוגע איז דער ציל פון לעבען, אַז יעדער מענש זאָל אין זיין ביסעל יאָרען גליקליך זיין. אָבער זיין גליק קען אַ מענש געפינען ניט אין רייכטום, ניט אין גבורה, ניט אין פרעמדע פאַרגעניגענס און אַוודאי ניט אין צוריקגעהאַלטענ־קייט, אין אַסקעטיזם. זיין גליק געפינט אַ מענש נאָר אין זיך אַליין.

ווען ער האָט אַ גוטען כאַראַקטער, איז צופרידען מיט וויפיל ער פאַרמאָגט, קען פאָראויס באַרעכענען דעם רעזולטאַט פון זיינע מעשים און רעספּעקטירט די מיינונג פון אַנדערע — איז דאָס גליק מיט אים. ער איז גליקליך, ווייל אים פעלט גאָר ניט. ער פאַרמאָגט די מאָראַלישע אייגענשאַפטען, וואָס גיבען אַ ווערט דעם מענשלי־כען לעבען.

אַזוי אומגעפער, כאָטש מיט אַן אַנדער נוסח, איז געווען דער ענטפער, וואָס די אַלטע אידישע קלוגע האָבען געגעבען דעם גרוי־סען וועלט־איינשלינגער, אַלעקסאַנדער מוקדון, אויף זיינע פראַגען.

און דאָס איז דאָך אין גרונט גענומען דער פילאָזאָפישער גע־דאַנק, וואָס רבי עקיבא דריקט אויס אין „פרקי אבות“.

„הכל צפוי“ — זאָגט ער — אַלץ וואָס דער מענש טוט, דאַרף פון אים זיין פאָראויסגעזעהן, און דעם פרייען ווילען, וואָס אים איז געגעבען געוואָרען, זאָל ער אויסנוצען, אַז ער זאָל פון דער וועלט גע׳משפט ווערען צום גוטען. און דאָס הענגט דאָך אָפּ פון זיינע מעשים.

וואָרים דאָס לעבען איז געגעבען געוואָרען ווי אַ משכון, לויט ווי דער מענש פירט זיך, און די פאַרלאַנגען, די תענוגים, זיינען פאַרשפּרייט ווי אַ נעץ, אין וועלכען מען קען לייכט געפאַנגען ווערען, און די לעבענס־קראָם איז אָפען, דער קרעמער באָרגט, דער פנקס איז אויפגעבלעטערט, די האַנט שרייבט און ווער עס וויל, קען קו־מען באָרגען.

אָבער די גבאים, דאָס מיינט די עפענטליכע מיינונג, שאַצט אָפּ ווי געהעריג יעדען מענשען און מאָנען פון אים איין, צי ער וויל יאָ, צי ער וויל ניט, און זי מאַכט ניט קיין טעות, איר משפט איז אַ גערעכטער, און דערפאַר זאָל יעדער ריכטיג צוגרייטען די סעודה, דאָס מיינט ער זאָל דעם ציל פון לעבען פאַרפיינערען און פאַר־בעסערען.

אַזוי פאַרשטייט דאָס לעבען יענער געלערנטער אין דעם פּרק.

„דער ריכטיגער וועג אין לעבען"

ווי אַזוי די אַנדערע פעלקער פאַרשטייען עס און וואָס עס לערענט אונז דער פּרק.

אין אַלע צייטען און אין אַלע לענדער האָבען קלוגע לייט געקנייטשט זייערע שטערענס אויף דער פראַגע: וועלכע מעלות, אָדער פעהיגקייטען, דאַרף אַ מענש באַזיצען, כדי צו זיין דערפאָלג־רייך אין לעבען? מיר קומען דאָך אַלע אויף דער וועלט — יעדערער מיט זיינע פאַרלאַנגען, מיט זיין ציל, צו וועלכען ער שטרעבט, טאָ ווי דערגרייכט מען עס? וואו נעמט מען אַ שטיקעלע הצלחה?

נאַפּאָלעאָן דער ערשטער האָט געהאַלטען, אַז דער דערפאָלג גייט מיט דעם מענשען, וועלכער האָט אַ סך מוט, דאָס מיינט: חוצפּה. און אין דעם פּרט איז יענער פעלדפעבעל פון קאָרסיקע גע־ווען מיט דער מיינונג פון די היינטיגע פעלדפעבעלס, מוסאָליני און היטלער, — כאָטש ער איז מיט זיין כלל, ווי עס איז באַקאַנט, דורכגעפאַלען.

דער רוימישער קייסער־פילאָזאָף, מאַרק אוירעל, וועלכער איז

באַקאַנט אין דער גמרא מיט'ן נאָמען אַנטונינוס, האָט געגלויבט, אַז צו זיין דערפאָלגרייך דאַרף מען האָבען צו זיך אַליין צוטרויען; אויב מען באַשליסט אויף עפּעס, זאָל מען ניט זיין אין ספקות, ניט שלאָגען זיך מיט דער דעה, נאָר מען זאָל עס טאָן און זיך פאַר־לאָזען אויף די אייגענע כוחות.

דער אַלטער יאַפּאַנעזישער חכם, הירַאַטאַטאַ טאַשי, פאַרזיכערט, אַז הצלחה האָט נאָר אַ מענש מיט פּערזענליכקייט, אָדער ווי מען האָט אַזעלכע אידען אין דער אַלטער היים גערופען, „אַ שיינע אָסאָבע".

נאָך אַנדערע פילאָזאָפען און פּסיכאָלאָגען גיבען יעדער זיין מעדיצין, ווי אַזוי אַ מענש זאָל ניט זיין קיין לא יוצלח. אָבער אַלע הענגען זיי אָן די הצלחה אויף דעם מענשען׳ס פּערזענליכע פעהיג־קייטען און אָן שום איינזעהעניש פאַר דער געזעלשאַפט. עס הייסט, אַז כדי צו זיין דערפאָלגרייך אין לעבען, דאַרף מען האָבען אין זינען נאָר זיך אַליין און ניט קימערען זיך וועגען אַנדערע.

ניט אַזוי אָבער דענקט אין פרק דער אַלטער לערער רבי, וועל־כער שטעלט זיך אויך אָפּ אויף דער פראַגע וועגען דער ריכטיגער מענשליכער אויפפירונג, וואָס פירט צו דערפאָלג, און ער ענט־פערט אַט אַזוי:

„כל שהיא תפארת לעושיה ותפארת לו מן האדם", און דאָס מיינט, עס איז נאָך ווייניג ווען אַ מענש טוט וואָס עס איז שיין פאַר אים אַליין. עס דאַרף זיין שיין אויך פאַר אַנדערע מענשען. מען דאַרף ניט זוכען די אייגענע נוצען, מען מוז זיין ניצליך אויך פאַר דער געזעלשאַפט. וואָרים אַ מענש קען ניט בויען זיין דערפאָלג אויף דעם צווייטען׳ס מיסדערפאָלג. מען קען ניט זיין גליקליך, ווען יענער איז אומגליקליך.

דאָס איז דער אידישער קוק אויף דער מענשליכער מאָראַל,

וואָס רבי גיט דאָ איבער און וואָס ווערט נאָך בעסער דערקלערט פון זיין זון, רבן גמליאל, וועלכער האָט שוין מיט צווי טויזענט יאָר צוריק געלערענט, אויב מען קען עס אַזוי רופען, אונזער פּרע־זידענט רוזוועלט'ס „גוד נעיבאָרהוד אידייע".

„זייט געגרייט צו טאָן אַ מענשען אַ טובה, וועט דיר אוודאי אויך ניט אַרויסקומען קיין רעה, וואָרים ווען זיין ווילען וועט ביי דיר זיין אַזוי וויכטיג, ווי דיין אייגענער ווילען, וועט אויך דיין רצון ביי אים זיין אַנגעלייגט ווי זיינער. טאָ פאַרבויג דיין ווילען צוליב אים, וועט ער דעם רצון פון אַנדערע פאַרבויגען צוליב דיר".

דאָס מיינט, מענשען מוזען זיין צווישען זיך אויסגעבונדען און אויסגעקניפּט, ווייל דער דערפאָלג פון דעם פרט הענגט אָפּ פון דעם כלל, און קיין פּערזענליכע הצלחה איז ניט פּאַרפול, ווען אַנ־דערע קענען דערפון ניט געניסען.

און אַזוי פאַרשטייט אויך דער אַלטער הלל, וועלכער זאָגט ווייטער אין פּרק:

„אל תפרוש מן הצבור", שיידט זיך ניט אויס פון דעם כלל, וואָרים אידען זיינען פאַראַן, און קיין גנאי זאָל זיי ניט זיין, וועלכע האַלטען זיך פאַר בעסער פון דעם כלל. זיי האָבען זיך אַרויפגע־אַרבעט, זיינען געוואָרען רייך, וואוינען אין די הויכע פענצטער און עס פּאַסט זיי גאָר ניט צו גיין מיט דעם אידישען כלל, אָבער —

„ואל תאמין בעצמך עד יום מותך", זאָגט ווייטער דער אַל־טער הלל, גלויב ניט אין דיין קראַפט, אין דיין הצלחה ביז אין טויט אַריין, ווייל הצלחה איז זעהר גליטשיג און ביז צו זיין לעצטען אָטעמצוג איז קיינער, אפילו אַ מעכטיגער קעניג, ניט זיכער, אַז דאָס רעדעל וועט זיך ניט ביי אים איבערדרייען, און אויב ער האָט זיך דערוויטערט פון מענשען און האָט דעם כלל געמאַכט פאַר אַ שונא, טאָ ווער וועט אויף אונזער אומגליקליכען יורד רחמנות

האבען? אָבער קיין יחיד טאָר ניט בויען אויף זיינע אייגענע כוחות. מען מוז זיך באַטראַכטען פאַר אַ רינגעלע אין דער קייט פון דער געזעלשאַפט און ווי אַ געזעלשאַפטליכער מענש.

„אל תדין את חברך עד שתגיע למקומו", זאָלסט דעם צווייטען ניט קריטיקירען און ניט משפט'ן ביז דו פאַרזעצסט זיך אין זיין לאַגע און ווייסט גענוי צווישען וועלכע מענשען ער האָט געלעבט און וואָס פאַר אַ השפעה זיי האָבען אויף אים געהאַט. און זיי אַ מענש צווישען מענשען —

„אל תאמר דבר שאי אפשר לשמוע", פּלאָנטער זיך ניט אין רעדען, אַז מען זאָל דיך ניט פאַרשטיין. רעד קלאָרע דיבורים, און אויב עס זיינען ניטאָ קיין מענשען, קיין טוער, זיי דו דער מענש — זיי געזעלשאַפטליך.

און ווען הלל האָט אַמאָל געזעהן דעם קאָפּ פון אַ דערטרונקענעם מענשען אַרומשווימען אויפ'ן וואַסער, האָט ער עס אויך באַטראַכט פאַר אַ געזעלשאַפטליכער טראַגעדיע, און געזאָגט:

מען האָט דיך דערטרונקען, ווייל דו האָסט דערטרונקען אַנדערע, אָבער סוף כל סוף וועלען דאָך דיינע דערטריינקער אַליין אויך דערטרונקען ווערען. און דאָס מיינט, אַז אַ מענש דאַרף לייגען געוויכט אויף דער עפנטליכער מיינונג, ווייל די געזעלשאַפט שאַצט אָפּ און באַצאָלט יעדען לויט זיינע פאַרדינסטען.

און אויב עס זיינען דאָ אַזוי פיל צרות אויף דער וועלט, זאָגט רבי יהושע, איז עס דערפאַר, ווייל —

„עין הרע ויצר הרע ושנאת הבריות מוציאין את האדם מן העולם", ווייל מענשען זיינען פאַראַן, וואָס פאַרגינען ניט דעם צווייטען דאָס לעבען, און אין זייער האַרצען ברענט די קנאה, פאַרוואָס ער איז בעסער אָפּ פון זיי, און גרויסע אויגען האָבען זיי, אַז וויפיל זיי פאַרמאָגען, איז זיי ווייניג און זיי ווילען אַלץ מער און זיי האָבען

אַלעמען פיינט, און זיי ווייסען גאָר ניט וואָס עס הייסט אימיצען אַ טובה טאָן, — טאָ וואָס איז דער וואונדער, ווען אַזעלכע מענ־שען איז דאָס לעבען ניט ניחא און זיי האָבען קורצע יאָרען?

אָבער אַ מענש זאָל שטענדיג זיין געגרייט צו טאָן יענעם אַ טובה, מיינט רבי יוסי, און טוט דיר אימיצער אַ געפעליגקייט און באָרגט דיר אַ גמילת חסד —

„יהי ממון חברך חביב עליך כשלך", זאָל יענעמס געלט זיין ביי דיר טייער און זאָלסט עס אים צוריקגעבען אין דער צייט, ווי דו וואָלסט ווילען, אַז יענער זאָל טאָן מיט דיין געלט, און —

„ואל תהי רשע בפני עצמך", זאָגט רבי שמעון. זיי ניט ביי זיך אַראָפגעפאַלען, היט זיך פון „אינפיריאָריטי קאָמפּלעקס", וועסטו ניט אַנטלויפען פון געזעלשאַפט, וועסטו זיין אַ מענש צווישען מענ־שען, און דאָס איז דער ריכטיגער וועג אין לעבען, וואָס פירט צום גליק.

ביי אַלע פעלקער האָבען זיי געלערענט, אַז אַ מענש זאָל זאָר־גען פאַר זיך אַליין און טראַכטען פון זיין אייגען גליק. ביי אידען לערענט דער פרק, אַז דאָס גליק פון דעם יחיד הענגט אָפּ פון דעם כלל. דער איינצעלנער מענש מוז זיך צופּאַסען צו דער געזעלשאַפט.

אין די טרויעריגע צייטען פונים חורבן

עטליכע מעשה'לעך פון יענע שרעקליכע טעג, ווען
אידען האָבען פאַרלוירען זייער פאָטערלאַנד,
און געמוזט אויסוואַנדערען אין גלות.

(אַרויסגענומען פון מדרשים און אגדתות)

אין דער טיפעניש פון ים

דער בית המקדש אין פלאַמען, די גאַסען פון ירושלים אויסגעפלאַסטערט מיט הונדערטער טויזענטער הרוגים, די גרעסטע צאָל אידישע קינדער אויסגעשאָכטען, די אַנדערע געשמידט אין קייטען און פאַרשלעפּט אין שקלאַפעריי אין עגיפּטען, אין גריכענלאַנד, אין רוים, אין שפּאַניע, פאַרטראַגען דורך דעם בלוטיגען שטורעם ווייט פון זייער אומגליקליך היימלאַנד.

און עס וויגט זיך אויפ'ן ים די שקלאַפען־שיף מיט די בעסטע אידישע קינדער, פיר הונדערט אין צאָל זיינען זיי, אינגלעך און מיידלעך. פון וויטען זעהען זיך נאָך די רויכערענדיגען האלעוועשקעס פון די פאַרברענטע אידישע שטעט און עס טראָגען זיך אין דער לופט די קרעכצען פון די טויטליך־פאַרוואונדעטע קרובים און פריינט, און מיט אַ צעריסענעם האַרצען פון וועהטאָג פרעגען זיך די געפאַנגענע אויף דער שיף:

— וואוהין פירט מען אונז? וואָס ווילען זיי פון אונז מאַכען?

און זיי דערוויסען זיך, אַז דער שונא האָט שוין זייער שיקזאַל באַשטימט: די מיידלעך וועלען פאַרקויפט ווערען אין די שאַנד־הייזער און די אינגלעך וועלען פאַרטיילט ווערען אונטער די רייכע אויסוואורפען, וואָס האָבען געטריבען מיט זכרים אומנאַטירליכע פאַרברעכענס.

— אויב דאָס איז אונזער גורל, — האָבען די מיידלעך גערעדט צווישען זיך מיט אויפפלאַמענדען צאָרן, — איז דאָך שוין בעסער דער טויט איידער אַזאַ לעבען, אָדער צי וועט אונזער

מאַסען זעלבסטמאָרד אין ים ניט אַרויסרופען אַזאַ שטורעם, דאָס עס וועט געשאַפען ווערען אַ בעסערע, אַ שעהנערע וועלט ווי די, אין וועלכער די מענשען באַהאַנדלען איינע די אַנדערע ווי די חיות אין וואַלד ?

— געוויס, — האָט דער עלטסטער פון די איינגלעך אויס־געראפען, — אַזוי האָט דאָך געזאָגט דער דיכטער: פון דער טי־פעניש פון ים וועט קומען דער ענטפער.

און איינע נאָך דער אַנדערער האָבען די מיידלעך זיך אַריינ־געוואָרפען אין ים און זיינען פאַרשוואונדען אין די שוימענדע כוואַליעס.

— אָבער אונזער שקלאַפעריי איז נאָך אַ פיל ערגערע, אַ פיל העסליכערע, — האָבען די איינגלעך גערעדט צווישען זיך — און אויב זיי, די יונגע צאַרטע מיידלעך, האָבען געקאָנט ווערען מאַר־טירערינס, דאַרפען מיר דאָך דאָס געוויס קאָנען.

אויך זיי זיינען אַריינגעשפרונגען אין ים, וואָס האָט פאַרשלונג־גען אַלע פיר הונדערט יונגע אידישע לעבענס.

און אויף זיי וויינט דער דיכטער:

„צוליב דיר ווערען מיר טאָג־טעגליך גע'הרג'עט. ווי שאָף צום שלאַכטען זיינען מיר פאַררעכענט".

די באַגעגעניש צווישען ברודער און שוועסטער

אויך דער זוהן און די טאָכטער פון רבי ישמעאל בן אלישע זיינען אין יענעם שוואַרצען טאָג אַריינגעפאַלען אין געפאַנגענשאַפט צום שונא.

זיי זיינען געווען קינדער פון דעם העכסטען אידישען אַדעל,

פון א משפחה פון באַרימטע כהנים גדולים, וואָס האָבען פאַראיי־ניגט אין זיך תורה און גדולה און דערפאַר אפשר איז דער שונא געווען צו זיי אומדערבאַרעמליכער, ברוטאַלער, און ניט נאָר האָט ער זיי אַוועקגעריסען פון זייער לאַנד און פון זייער משפחה, נאָר ער האָט זיי אויך אָפּגעריסען איינעם פון צווייטען, געוואָלט זיי מאַכען טיף עלענד.

און ברודער און שוועסטער זיינען פאַרקויפט געוואָרען אין שקלאַפעריי, יעדער צו אַן אַנדער האַר, יעדער אין אַן אַנדער שטאָט.

קומען אין אַ געוויסען טאָג די ביידע הארען זיך צוזאַמען און הויבען אָן זיך צו גרויסען יעדער מיט זיין פאַרמעגען.

— פאַרמאָג איך אַ שקלאַף, וואָס האָט ניט אין שעהנקייט זיין גלייכען אין דער גאַנצער וועלט, — דערציילט איינער. — ווען דו וואָלסט נאָר אים אַנקוקען.

— גיי שוין, גיי! — זאָגט דער צווייטער מיט אַ שמייכעל פון נצחון. — אַזוי שיין ווי מיין שקלאַפין איז דיין קנעכט געוויס ניט. זי איז אין אמת׳ן די שעהנסטע אין דער וועלט.

— שאַ, לאָמיר גאָר מאַכען געשעפט, — רופט אויס דער ערשטער שקלאַפען־האַלטער, — לאָמיר זיי ביידען צוזאַמענפּאָרען. פון שיינע טאַטע־מאַמע קומען דאָך אַרויס שיינע קינדער, וועלען מיר זיך מיט די שיינע שקלאַפען־קינדער טיילען.

און אין דעם שאָטען פון דער נאַכט האָט מען ברודער און שוועסטער, די קינדער פון רבי ישמעאל בן אלישע, צוזאַמענגעפירט אין אַ פינצטערען קאַמער, זיי זאָלען ווערען מאַן און ווייב.

זיצט ער, דער ברודער, אין איין ווינקעל פון קאַמער און קרעכצט שטיל:

— איך, אַ כהן, אַ זוהן פון כהנים גדולים, זאָל זיין דער מאַן פון אַ שקלאַפין?!

זיצט זי, די מיידעל, אין אַ צווייטען ווינקעל און וויינט:

— איך, אַ כהנה, די טאָכטער פון כהנים גדולים, זאָל ווערען די ווייב פון אַ נידעריגען שקלאַף?!

און ביידע האָבען די גאַנצע נאַכט פאַרגאָסען הייסע טרערען יעדער אין זיין ווינקעל.

דאַן האָט אָנגעהויבען גרויען דער מאָרגען. אין דעם קאַמערל האָבען זיך אַריינגעריסען די ערשטע ציטערנדיגע ליכט־שטראַלען. ברודער און שוועסטער האָבען איינער דעם אַנדערען דערקענט.

און מיט אַ האַרצרייסענדיגען געוויין זיינען זיי צוגעפאַלען איינער צום אַנדערען, זיך אַרומגעקלאַמערט און געקלאָגט אויף זייער אייגענעם אומגליק, אויף דעם אומגליק פון זייער פאָלק, ביז דאָס האַרץ האָט ביי ביידען געפּלאַצט. מען האָט זיי געפונען טויט איינעם אין דעם אַנדערנ׳ס אָרעמס.

און די שטים פון דעם מקונן האָט זיך געטראָגען:

„אויף זיי וויין איך און מיינע אויגען גיסען טרערען".

די פרוי וואָס האָט געליטען

...אַ גאַנצע נאַכט האָט דער שקלאַפען־טרייבער איר געפייניגט. די בעסטיע אין דעם מאַן האָט ערוואַכט און זיינע ווילדעליידענשאַפטען זיינען געווען אָהן אַ גרעניץ. זי איז דאָך געוועזן זיין אייגענטום, זיין שקלאַפין און איבערהויפט די שעהנסטע פרוי אין דער וועלט.

צפנת בת פניאל איז געוועזן איר נאָמען, די אַריסטאָקראַטישע טאָכטער פון דעם כהן גדול איז זי געוועזן און אַזוי שיין, דאָס

יעדער מענש, וואָס האָט איר געזעהן, פלעגט בלייבען שטיין ווי באַ׳כישופ׳ט.

אָבער דאָס האָט נאָר איר אומגליק פאַרדאָפּעלט. איר שיינ־קייט, וואָס איז געווען ווייט און ברייט באַרימט, האָט אין דעם שוואַרצען טאָג פון חורבן געבראַכט צו איר הויז דעם שונא, וואָס האָט, פאַר׳שיכור׳ט פון זיין זיג, מיט פייער און שווערד אויס־געראָט די גאַנצע משפחה און די שיינע פרוי אַוועקגעשלעפּט אין געפאַנגענשאַפט צו זעטיגען זיין בעסטיאַלישע תאוה.

געבראָכען אין קערפּער און אין גייסט האָט די אומגליקליכע פרוי געמוזט פאָלגען איר פייניגער און זיך שיין פאַרפּוצען. טייערע קליידער האָט ער איר אָנגעטאָן און געבראַכט איר אויפ׳ן שקלאַפען־מאַרק, וואו אַ העסליכער, אָפּשטויסענדיגער מאַן איז צוגעקומען און אָנגעהויבען זיך דינגען.

— זי געפעלט מיר, — האָט ער געזאָגט, — כאָטש דערוויל האָב איך נאָר געזעהן איר פּנים, אָבער איך וועל איר ניט קויפען ביז איך וועל זיך איבערצייגען אין דער שיינקייט פון איר גאַנ־צען קערפּער.

— שוטה, — האָט דער שקלאַפען־טרייבער זיך געבייזערט, — שוין זשע זעהסטו ניט, אַז זי איז די שעהנסטע פרוי אין דער וועלט ?

— דאָס ווייס איך ניט ביז וואַנען זי וועט שטיין פאַר מיר גאַנץ נאַקעט, — האָט דער קונה זיך געדונגען.

מען האָט פון דער אומגליקליכער פרוי אָנגעהויבען אַראָפּצו־רייסען די קליידער. אַ קלייד נאָך אַ קלייד איז אַרונטערגעפאַלען. און ווען אויך דאָס לעצטע העמד איז פון איר אַרונטערגעריסען געוואָרען, האָט זי זיך געוואָרפען צו דער ערד אין אַש און שמוץ און פון איר האַרצען האָט זיך אַרויסגעריסען אַ פּראָטעסט צום

הימעל און אַ קללה אויף אירע פייניגער און די הענקער פון איר פאָלק.

און ער האָט געקלאָגט אויף איר, דער מקונן:

„טאָכטער פון מיין פאָלק, אין אַ זאַק וויקעל זיך איין, אין אַש און שמוץ וואַלגער זיך... פּלוצים זיינען באַנדיטען אונז באַפאַלען.

און דער לערער האָט געוויינט

דער רייכסטער מאַן אין דעם אידען־לאַנד איז געווען נקדימון בן גוריון און אויך דער גרעסטער בעל צדקה. אויף זיידענע טעפּיכער האָבען געטראָטען זיינע פיס, ווען ער פלעגט גיין פון זיין הויז צום בית המדרש, און צו זיין יעדען גאַנג האָבען שוין געוואָרט די אָרימעלייט, וואָס פלעגען די טייערע שיינע טעפּיכער אוועקנעמען פאַר זיך.

עס איז ניט געווען קיין גרעניץ צו נקדימון בן גוריונ׳ס רייכטום, ווי עס איז ניט געווען קיין גרעניץ צו זיין צדקה.

האָט אַט דער רייכער בעל צדקה געהאַט איין איינציגע טאָכטער, וואָס האָט געלעבט אין דעם גאַנצען אָריענטאַלישען גלאַנץ און פּראַכט. אין קעגינגליכען וואוילטאָג איז זי געהאָדעוועט געוואָרען, אַז איר פאַרפיום אַליין און איר שמינקעס האָט געקאָסט פיר הונדערט גילדען אַ טאָג.

אָבער דאָס איז אַלץ געווען אין דער גליקליכער צייט פון אידישער זעלבסטשטענדיגקייט; ווען דאָס פאָלק האָט געלעבט רוהיג אויף זיין לאַנד, אין עקאָנאָמישען און גייסטיגען וואוילשטאַנד.

אין אַ געוויסען טאָג איז דער גרויסער אידישער לערער רבן יוחנן בן זכאי געריטען אויף זיין אייזעל אַרויס פון ירושלים אין

דער באַגלייטונג פון זיינע תלמידים. דאָס איז געווען קורץ נאָך דעם גרויסען נאַציאָנאַלען אומגליק, ווען ער האָט געזעהן אַן אָרים געקליידטע יונגע פרוי קלייבענדיג איינציגע גערשטען־קער־נער פון דעם מיסט־אָפּפאַל פון די אַראַבישע בהמות.

די יונגע פרוי האָט אויך באַמערקט די אָנגעקומענע מענער, האָט זי פּאַרדעקט איר פּנים מיט אירע לאַנגע האָר און איז האַסטיג צוגעטראָטען צו רבן יוחנן בן זכאי.

— רבי, — האָט זי געזאָגט מיט אַ שוואַכער שטים, — איך הונגער; איך וויל, איר זאָלט מיך ערנערען.

— און ווער ביזטו, מיין טאָכטער? — האָט ער געפרעגט.

די יונגע פרוי האָט געשוויגען.

ער האָט געוואַרט און דאַן איבערגע־חזר'ט זיין פראַגע.

— נקדימון בן גוריונ'ס טאָכטער בין איך, — האָט זי גע־ענטפערט מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ.

דער גרויסער לערער איז געוואָרען אַ פאַרציטערטער.

— אָבער וואָס איז געוואָרען פון דיין פאָטער'ס געלט, פון אַלע זיינע אוצרות? — האָט ער אויסגערופען.

— גאָר ניט געבליבען, — האָט זי געענטפערט מיט אַ גע־בראָכענער שטים, — ווי זאַלץ וואָס ווערט אויפגעלייזט אין וואַסער.

— און דיין שווער? וואו זיינען זיינע אוצרות? ער איז דאָך געווען שיער אַזוי רייך ווי דיין פאָטער.

די אַלטע זכרונות האָבען נאָר אויפגעריסען די טיפע וואונדען אין האַרצען פון דער אומגליקליכער און מיט טרערען אין די אויגען האָט זי געמורמעלט:

— געדענקט איר נאָך, רבי, יענע צייט, ווען איר האָט צו מיין חתונה זיך אונטערגעשריבען אויף מיין כתובה?

רבן יוחנן בן זכאי האָט זיך געווענדעט צו זיינע תלמידים און

געזאָגט:

— יאָ, איך געדענק נאָך ווען איך האָב זיך געחתמעט אויף איר כתובה. אַ מיליאָן געלט־רענדלאַך אין נדן האָט זי געקראָגען פון איר פאָטער אַחוץ די פירשטליכע מתנות פון דעם אבי־החתן און איצט מוז זי קלייבען די קערנער פון דעם מיסט־אָפפאַל פון די בהמות צו שטילען איר הונגער.

און טיף ערשיטערט האָט דער גרויסער לערער זיך צעווײנט.

ווען אַ פריינט ווערט אַ פאַררעטער

אין די אַלע אומגליקען פון דעם חורבן זיינען געווען די שולד פון אַ פאַלשען פריינט.

ער איז געווען אַ סטאָליאַר־יונג, יענער פאַררעטער, און האָט געאַרבייט פאַר אַ קליינעם מייסטער, וואָס איז אייביג געווען אַ בעל־חוב און האָט אָפט געבאָרגט אַ גמילת חסד, פון זיין אַרביי־טער, וועלכן ער האָט באַטראַכט פאַר זיין בעסטען פריינט.

אָבער דער סטאָליער־יונג האָט אין געהיים געשפּילט אַ ליבע מיט זיין מייסטער׳ס ווייב, און אין אַ געוויסען טאָג, ווען יענער האָט ביי אים ווידער געבעטען אַ גמילת חסד, האָט דער פאַלשער פריינט געזאָגט צו אים:

— שיק דיין ווייב צו מיר אַהיים, וועל איך איר געבען דאָס געלט.

האָט דער מייסטער געשיקט זיין ווייב צו דעם פריינט, וועל־כער האָט איר פאַרהאַלטען פאַר דריי לאַנגע טעג אין זינדיגער ליבע.

און ווען דער מאַן איז געקומען נאָכפרעגען אויף דער פרוי, האָט דער פאַררעטער אָנגערעדט אויף איר אַלדאָס בייז. זי איז

אַן אַרומלויפּערקע, האָט ער דערציילט. זי פירט ליבקע ליבעס און א מאַן טאָר גאָר מיט אַזאַ פּרוי ניט וואוינען צוזאַמען. ער מוז איר גט'ן.

— אָבער אַ גט קאָסט געלט און איך האָב עס ניט, — האָט דער מאַן אויסגעגאָסען דאָס האַרץ פאַר'ן פּאַלשען פריינט.

— דאָס געלט וועל איך דיר באָרגען, — האָט יענער אים גע־עצה'ט. — דו שרייב מיר נאָר אונטער אַ וועקסל און טאָמער וועסטו ניט האָבען צו באַצאָלען וועסטו ביי מיר אָפּדינען פאַר'ן חוב.

נאָר קוים האָט דער מייסטער אָפּגע'גט זיין ווייב, האָט יענער מיט איר חתונה געהאַט.

און ווען עס איז געקומען די צייט און ער האָט דעם חוב ניט געקאָנט באַצאָלען, איז ער געוואָרען די משרת פון זיין אַר־בייטער, און אין די בעכערס ווייז, וואָס ער האָט זיין געוועזענער ווייב און דעם פאַררעטער געמוזט דערלאַנגען צו זייערער אַ הור־ליאַנקע, האָבען אַריינגעקאַפּעט די הייסע טרערען פון דעם באַליי־דיגטען מאַן און אָפּגענאַרטען פריינט.

— אין דער מינוט, — דערציילט די גמרא, — איז גע'חתמ'עט געוואָרען דער גזר דין, אַז אַ לאַנד, וואו עס קאָן פּאַסירען אַזאַ שאַנדטאַט, מוז חרוב ווערען.

אידישע ימים־טובים

דער ראש השנה פון היינט און פון אמאל

און היינט, ווי אמאל, איז עס דער טאג פון אידישער האפענונג.

ווען אידען זיינען געזעסען אויף זייער לאנד, פלעגען זיי פון נאענט און פון ווייט זיך פארזאמלען אויף ראש־השנה אין ירושלים. דאס איז, ווי עס ווייזט אויס, געווען ביי זיי אן אלטער, איינגעווארצעלטער מנהג זינט זיי זיינען געווארען אן אומאפהענגיג פאלק.

אנפאנגס איז טאקע דער פרילינגס־מאנאט ניסן געווען דער ערשטער פון די חדשים, דער אנפאנג פון יאר, ווען עס האבען פאסירט גאר גרויסע געשעהענישען. אין ניסן זיינען אידען ארויס פון מצרים, אין ניסן האבען זיי פארנומען זייער לאנד און געהאט זייער ערשטען זיג ביי דער פעסטונג פון יריחו און פון ניסן האבען זיי געפירט זייער צייט־רעכענונג. גאר א סך גרויסע פאסירונגען זיינען פארגעקומען און — ווי די אלטע לערער פארזיכערען — וועלען נאך פארקומען אין ניסן.

אבער ניסן איז פרילינג, ווען דאס אידיש פארמער־פאלק איז געווען פארנומען מיט דער ארבעט אויפ׳ן פעלד, מען האט געדארפט אקערען און פלאנצען, און חוץ דעם זיינען די וועגען נאך געווען קאליע פון דער רעגען־צייט און מען האט ניט געקענט ארויס־פארען — און דערפאר האט מען די גרויסע אפעיר פון דער פאלקס־פארזאמלונג אין ירושלים אריבערטראגען פון דעם פרילינגס־מא־נאט ניסן אויף דעם הארבסט־מאנאט תשרי, ווען די פארמערס זיינען שוין געווען פריי פון זייער פעלד־ארבעט און דער פארקער

אויף די זומערדיגע וועגען איז ניט געשטערט געוואָרען.

און אַזוי האָט זיך איינגעוואָרצעלט דער מנהג, אַז אין דעם האַרבסט־מאָנאַט תשרי, אויף ראש־השנה שוין, פלעגט דאָס אידיש פאָלק זיך פאַרזאַמלען אין זיין הויפּטשטאָט.

מיט דערדאָזיגער געלעגנהייט האָט, ווי ס׳ווייזט אויס, זיך באַנוצט שלמה המלך, וועלכער האָט מיט גרויס פּאַראַד געיום־טוב׳ט אין תשרי דעם חנוכת־הבית, די באַנייאונג פון דעם בית־המקדש, כאָטש דער בנין איז פאַרטיג געוואָרען ערשט מיט אַ חודש שפּעטער; אָבער ער האָט געוואָלט האָבען צו דעם יום־טוב דאָס גאַנצע פאָלק, וואָס האָט זיך פאַרזאַמעלט אויף ראש השנה.

און אַז אידען זיינען מיט אומגעפער פינף הונדערט יאָר שפּעטער צוריקגעקומען פון גלות בבל און האָבען זיך פאַרשפּרייט איבער דער אידישער מדינה, יעדער אין זיין שטאָט און אין זיין דאָרף, האָבען זיי שוין אין דעם ערשטען יאָר, ווען עס איז אָנגעקומען דער „זיבעטער חודש״, אָדער תשרי, פאַרלאָזען זייערע היימען און זייערע פעלדער און זיך פאַרזאַמעלט אין דער הויפּט־שטאָט, און אַזוי זאָגט דער פסוק:

„ויאספו העם כאיש אחד אל ירושלים״ — דאָס גאַנצע פאָלק האָט אַזוי ווי איין מענש זיך פאַרזאַמעלט אין ירושלים.

פון יענער ערשטער פאַרזאַמלונג, וואָס איז פאָרגעקומען ראש־השנה, האָט זיך אָנגעהויבען דער בוי פון דעם מזבח, דערציילט די ביבעל, דאָס מיינט דער גאָטעסדינסט, אָדער ווי מיר רופען עס, דאַוונען, און אידען, וואָס דאַוונען, מוזען האָבען אַ שוהל. איז פון יענעם ערשטען ראש־השנה׳דיגען דאַוונען טאַקע אויסגעוואַקסען דער צווייטער בית־המקדש.

דער גייסטיגער מצב פון דעם פאָלק איז דעמאָלט בכלל געווען זעהר אַ טרויעריגער. אידען האָבען פאַרגעסען זייער שפּראַך,

זייערע ימים טובים און געלעבט אין געמישטע היראַטען. עס וואָלט אפשר גאָר ניט לאַנג געדויערט און די אידישקייט וואָלט גאָר אונ־טערגעגאַנגען, נאָר יענע ערשטע פאַרזאַמלונג נאָכ'ן גלות בבל האָט זיי אויפגעמונטערט צו בויען דעם בית המקדש, וואָס איז געוואָרען דער אידישער צענטער און האָט געבראַכט צו דער אויפלעבונג פון דעם פאָלק.

און דאָס איז דאָך געוועזן צו פאַרדאַנקען דעם זיבעטען חודש, יענעם טאָג פון ראש השנה.

ראש השנה האָט עזרא הכהן פאָרגעלייענט די תורה פאַר'ן פאָלק, געוועקט דעם אידישען באַוואוסטזיין און צוריקגעבראַכט דעם רייגעם אידישען גלויבען, וואָס לערנט דעם אידען גערעכטיג־קייט און צו פירען אַ ריין, ערליך לעבען, וואָס האָט זיי געמאַכט פאַר אַן אייביג פאָלק.

און זינט דעמאָלט איז דער זיבעטער חודש געוואָרען דער חודש פון תשובה און ראש השנה — דער ערשטער טאָג פון די תשובה־טעג, און רעדנדיג וועגען תשובה, דערציילען די אַלטע לערער אומגעפער אַזוי:

ראש־השנה איז באַשאַפען געוואָרען אדם הראשון, דעם זעל־בען טאָג איז ער געבראַכט געוואָרען אין גן עדן און דעמזעלבען טאָג האָט ער געזינדיגט און פון גן־עדן פאַרטריבען געוואָרען. נאָר ווען נאָך פיל צרות האָט ער תשובה געטאָן, איז ביי אים געבוירען געוואָרען אַ זוהן, וואָס האָט געשאַפען אַ נייע, אַ בעסערע וועלט.

און אידען — אַזוי דערציילט ווייטער דער מדרש — האָבען, ווי דער נביא זאָגט, „כאדם עברו ברית", זיי האָבען געזינדיגט אַזוי ווי אדם, און ווי אדם זיינען זיי פאַרטריבען געוואָרען פון זייער גן־עדן, פון זייער אידיש לאַנד, און זיי ליידען צרות אָהן אַ שיעור, זיי זיינען פאַרזונקען צווישען די אומות, ווערען דערדריקט פון די

ביטערע גזרות און שלעפען זיך ארום פון מדינה צו מדינה, פון בבל אין מידיע, פון מידיע אין גריכענלאנד, פון גריכענלאנד אין רוים. טא זאלען זיי זיך דערמאנען וויפיל זיי ליידען און זאלען זיי תשובה טאן — און זיי וועלען דאך סיי־ווי אויסגעלייזט ווערען.

און דער שופר, וואס שאלט ראש־השנה ארויס פון די שוהלען, דערמאנט די אידען אומעטום וואו זיי געפינען זיך, דאס אזוי ווי אין יענעם ראש־השנה פון עזרא׳ס צייטען, מוזען זיי אויך היינט זיך פארזאמלען און מיט פאראייניגטע כוחות העלפען בויען דאס אידיש לעבען, יעדער אין זיין קיבוץ, פארשפרייטען די תורה, אויפ־לעבען דעם אידישען גייסט און זיך אפרופען אויף די אידישע נויטען.

און אויב אידען זיינען היינט פארזונקען צווישען די אומות, ווערען דערדריקט פון ביטערע גזרות און ווערען געטריבען פון מדינה צו מדינה; אויב מ׳מאכט דעם אידען ענג די וועלט און קיין ארבעט קען ער אין ערגיץ ניט קריגען, און זיינע קינדער אין קאלעדזש וויל מען ניט אריינגעמען, און אומעטום שטויסט ער זיך אן אויף אנטיסעמיטיזם, וואס פארביטערט אים דאס לעבען — זאל ער פונדעסטוועגען ניט ווערען אפהענטיג, ניט פארצווייפלען און ניט פארלירען דעם בטחון, ווארים — אזוי דערציילען די אלטע לערער פון מדרש:

„אין דעם טאג פון ראש־השנה זאגט כביכול צו זיין פאלק ישראל:

„בני, מעלה אני עליכם כאלו היום נעשיתם לפני, כאלו היום בראתי אתכם ברית חדשה“ — קינדער מיינע, איך באטראכט אייך היינט ווי נייע־געבוירענע, ווי היינט וואלט איך אייך ניי באשאפען.

קומען אידען ראש־השנה אין שוהל ווי נייע־געבוירענע, מיט נייע האפענונגען אויף א בעסערער צוקונפט אי פאר דעם אידישען

כלל און אי פאַר׳ן פרט, ווען יעדערער איז פול מיט בטחון, אַז דער נייער יאָר וועט אים ברענגען גליק, ווי ער ווינשט זיך און ווי מיר ווינשען אַלע אידען —

לשנה טובה תכתבו!

פון דעם יום־כפור ביז איבעראַיאָר

און הלואי זאָל אַ איד דורכפירען די שיינע באַשלוסען, וואָס ער מאַכט אין דעם היילינען טאָג.

„און דאָס זאָל זיין פאַר אייך אַן אייביגער געזעץ: אין דעם צענטען טאָג פון דעם זיבעטען חודש זאָלט איר פאַסטען און גאָר קיין אַרבעט ניט טאָן, דער איינגעזעסענער און דער פרעמדער, וועלכער וואוינט צווישען אייך, וואָרים אין דעם טאָג ווערט אייך פאַרגעבען, אום אייך צו רייניגען. פון אַלע אייערע זינד זאָלט איר פאַר גאָט ריין ווערען. עס איז פאַר אייך אַן ערשט־קלאַסיגער רו־טאָג, און איר מוזט אין דעם טאָג פאַסטען, דאָס איז אַן אייביגער געזעץ".

אַזוי דערקלערט די תורה דעם באַדייט פון יום־כפור: אַ טאָג ווען עס ווערט דעם אידען פאַרגעבען זיינע זינד, וואָס זיינען דורכ׳ן יאָר באַגאַנגען געוואָרען בין אדם למקום, צווישען דעם מענשען און זיין גאָט.

און די כהנים אין בית־המקדש זיינען געווען שטאַרק באַשעפטיגט, וואָרים עס איז געווען דער איינציגער טאָג אין יאָר, ווען דער כהן־גדול איז אַריינגעקומען אין קדשי קדשים, און דאָן איז פאָרגעקומען די געהיימניספולע צערעמאָניע מיט די צוויי ציי־

געלעך: מען האָט געוואָרפען אַ גורל; איין ציגעלע האָט באַלאַנגט צו גאָט, דאָס צווייטע איז געווען באַשטימט פאַר עזאזל. דאָס ציגעלע פאַר גאָט האָט מען מקריב געווען צו גאָט, און דאָס ציגעלע פאַר׳ן עזאזל האָט מען אָנגעלאָדען מיט די זינד פון פאָלק און אוועקגעשקיט דורך אַ שליח אין דער מדבר, דאָרטען וואו עזאזל האָט זיך געפונען.

עס איז דאָס איינציגע מאָל אין דער גאַנצער תורה פון מאָנאָטעאיזם, פון אחדות הבורא, וואו עס ווערט אַריינגעבראַכט אַן אַנדער כוח, מיט וועלכען די אידען האָבען געמוזט זיך רעכענען.

ווער — אָדער וואָס — איז עזאזל?

די גמרא ערקלערט, אַז דאָס איז געווען אַ פעלזיגער שפּוּע׳דיגער באַרג, פון וועלכען מען האָט דאָס ציגעלע אַרונטערגעקייקעלט און ס׳איז דער׳הרג׳עט געוואָרען אַלס אַ כפרה פאַר די אידישע זינד. אַזוי ערקלערען אויך פיל אַנדערע געלערנטע.

אַנדערע, ווידער, מיינען, אַז עזאזל זאָל געווען זיין דער שטן המשחית, דער בייזער מלאך, דער פירער פון די שדים און אַלע פינצטערע כוחות, וועלכען מען האָט מיט דער ציגעלע איבערגעבעטען, אַז ער זאָל נעמען אויף זיך אַלע זינד פון דעם אידישען פאָלק.

און לויט ווי אַ באַקאַנטער רייזענדער דערציילט, געפינען זיך נאָך ביז היינטיגען טאָג געוויסע שבטים, וועלכע האָבען באַשטימטע טעג אין יאָר, ווען זיי שיקען אַוועק זייערע זינד דורך אַ שליח אי׳ן ערגעץ אַ מדבר, גלויבענדיג, אַז דערמיט ווערען זיי אַליין ריין פון אַלע זינד ווי אַ ניי־געבוירען קינד.

סיי־ווי האַלטען מיר מיט דער גמרא, וועלכע זאָגט, אַז די צערעמאָניע פון דעם שעיר לעזאזל, אָדער שעיר המשתלח, געהערט צו די געזעצען, אויף וועלכע עס הייסט:

„אני ה׳ חקקתיו ואין לך רשות להרהר בהן״ — דאָס מיינט, אַז דער שעיר המשתלח איז איינער פון די געהיימניספולע געזעצען, איבער וועלכע מען טאָר גאָר ניט טראַכטען און ניט זוכען זייער באַדייט.

עס איז אָבער קלאָר, אַז אָט די צערעמאָניע און דער מיסטי־ציזם, צוזאַמען מיט דעם „ועניתם את נפשותיכם״, איז ניט געווען שטאַרק פּאָפּולער צווישען אידען. יום־כפור׳דיגע צערעמאָניעס זיי־נען געפּראַוועט געוואָרען פון די כהנים, זיי האָבען מכפּר געווען אויפ׳ן פאָלק, אָבער דער עולם אַליין, ווי עס ווייזט זיך אַרויס פון דער גמרא, האָט דערמיט געהאַט ווייניג צו טאָן.

זאָגט דאָך די גמרא: „לא היו ימים־טובים לישראל כחמשה עשר באב ויום הכפורים״ — דאָס הייסט, עס זיינען ניט געווען קיין בעסערע ימים־טובים ביי אידען, ווי דער פופצענטער טאָג אין אב און יום־כפור. די גמרא דערציילט ווייטער, אַז אין אָט די טעג האָט גאָר די אידישע יוגענט זיך פאַרזאַמעלט אין די וויינגערטנער, זיך אַמוזירט, געטאַנצט און געשלאָסען שידוכים.

און וואָס איר זאָלט ניט ריידען, דאָס קלינגט שוין גאָר ניט ווי אַ טאָג פון „ועניתם את נפשותיכם״, ווי אַ טאָג פון פאַסטען. אָבער ווי אַזוי ערקלערט מען דאָס?

מען מוז אָננעמען, אַז ערשטענס, איז דער גלויבען אין איין איינציגען גאָט ביי אידען געווען שוין צו שטאַרק איינגעוואָרצעלט, אַז זיי זאָלען זיך באַשעפטיגען מיט דער צערעמאָניע פון אַ שעיר לעזאזל, וואָס זאָל מכפּר זיין אויף זייערע זינד און זיי האָבען עס איבערגעלאָזען צו די כהנים.

צווייטענס, רעכענען זיך מענשען נאָר דאַן פאַר זינדיג, ווען עס איז זיי שלעכט; ווען זיי ווערען געיאָגט און געפּלאָגט פון אַ בייזען מזל.

עס דאַרף ניט זיין קיין צווייפעל, אַז געפינענדיג זיך אויף זייער לאַנד, אין זייער היים, אונטער זייער רעגירונג און אַרום זייערע וויינגערטנער מיט פעלדער און וועלדער, האָבן אידען טאַקע אָנגענומען יום־כפור פאַר אַ שבת שבתון, פאַר דעם הייליגסטען טאָג אין יאָר, אָבער אויך פאַר אַ גרויסען יום־טוב פון פרייע אומאָפּ־הענגיגע מענשען, וואָס קאָנען זיך פאַרגינען פריילעך צו זיין.

מיר האָבן דערפאַר ניט פון יענע צייטען קיין איינציגע סליחה, קיין איינציגען פיוט. אַלץ קומט צו אונז פון ווייט־ווייט שפּעטער, ווען אידען זיינען פאַרטריבען געוואָרען אין גלות און האָבן אָנ־געהויבען ליידען.

זינט דעמאָלט איז יום־כפור געוואָרען דער טאָג, ניט פון פאַר־זאַמלען זיך אין די וויינגערטנער, נאָר פון צוזאַמענקומען אין די שולען, וואו מען דערמאָנט אונז, אַז עס איז אַ יום־כפור פאַר זינד און מיר זאָגען מיט אַ צעבראָכען האַרץ „ומפּני חטאינו גלינו מארצנו“. אַזוי איז געשאַפען געוואָרען דער גאַנצער מחזור, וואָס איז אַ ספר הזכרונות פון בלוט און טרערען, פון גרושים און פאַרפאַלגונגען, גזרות און צרות אָהן אַ ברעג. אַזוי איז פאַרפאַסט געוואָרען די „תפלה זכה“, דער „ונתנה תוקף“ מיט דעם לאַנגען רייסטער פון די על חטא׳ס.

און יום־כפור איז געוואָרען אַ טאָג, ווען אַ איד קאָן זיך אַראָפּ־רעדען פון האַרצען און אַרונטערוואַרפען פון זיך די שווערע שטיי־נער פון דערנידערונגען און באַליידיגונגען, וואָס דריקען אויף אים אין דעם גלות דורכ׳ן גאַנצען יאָר; דער טאָג ווען מיר קאָנען איבערמישען אַ ניי בלאַט אין לעבען, און ווען מיר קומען זיך צוזאַ־מען אין די שוהלען, קאָנען מיר זיך פאַרטראַכטען וועגען די יושבי חושך וצלמות, אונזערע אומגליקליכע ברידער פון דייטשלאַנד, פּוי־לען, רומעניע און פון אַלע פינצטערע לענדער פון אַנטיסעמיטיזם

און מיר קאָנען באַשליסען אונזערע ליידענדע ברידער צו טרייסטען און זיי צו העלפען.

און דערפאַר איז יום־כפור ביי אונז דער הייליגסטער טאָג פון יאָר, ווייל ער איז דוקא אַ טאָג ניט פון אַמוזירונגען, נאָר פון התרוממות הנפש, פון גייסטיגער דערהויבונג, וואָרום פאַר אַמו־זירונגען און פערזענליכער באַפרידיגונג, איז גענוג, ווען מיר יאָגען זיך דאָס גאַנץ יאָר; יום־כפור אָבער קומען מיר זיך דער־מאָנען, אַז יעדער פון אונז איז אַ רינגעלע אין דער קייט פון אי־דישען פאָלק, און דאָס רינגעלע טאָר ניט פאַרזשאַווערט און צע־בראָכען ווערען, כדי די גאַנצע קייט זאָל ניט פאַנאַנדערפאַלען.

קומען מיר יום־כפור אין שול תשובה טאָן, חרטה האָבען אויף אַלץ, וואָס מיר האָבען ביז איצט פאַרקרימט און מיט דעם פעסטען באַשלוס אויף ווייטער צו זיין גוטע מענשען אין דער היים און געטרייע מיטגלידער צום אידישען פאָלק.

און הלואי זאָל אָט דער באַשלוס, וואָס מיר נעמען אָן יום־כפור אין שול, אָנהאַלטען ביי אונז מיום כפורים זה עד יום הכפורים הבא עלינו לטובה . . .

סוכות — „די צייט פון אונזער פרייד"

עס איז די פרייד פון אַ חתונה, וואו עס מוז זיין „מקודשת", הייליגקייט, זאָגט דער קאָזניצער.

פאַר דעם פרומען אידען איז סוכות אַ יום־טוב פון דינים און מצוות, פון געבאָטען און פאַרבאָטען, וואָרים עס איז גאָר ניט קיין קלייניגקייט צו בויען אַ סוכה, וואָס זאָל זיין כשר לויט'ן דין.

פרעגט אן אמת'ן רב און ער וועט עס אייך זאגען.

א כשר'ע סוכה — אזוי לערנט אייך דער רב — טאר ניט זיין העכער פון צוואנציג איילען און ניט נידעריגער פון צען פויס־טען. זי טאר ניט האבען ווייניגער פון דריי ווענט. און דער סכך, דער צודעק, מוז זיין פון עפעס, וואס איז געוועז איינגעפלאנצט און געוואקסען. איר קענט ניט צודעקען אייער סוכה מיט דעם מאטעריאל פון אן אמעריקאנער „רופער". און קיין שלעכטען גערוך טאר דער סכך ניט האבען, און ריין מוז ער זיין, און נאך א סך אנדערע דינים זיינען פארבונדען מיט דער סוכה.

היינט די דינים וועגען די פיר מינים, דעם אתרוג, לולב, הדס און דער ערבה; אפילו דינים ווי אזוי מען דארף שאקלען דעם לולב. דינים אויף דינים, א יום־טוב פון דינים און מצוות, מיט וועלכע דער פרומער איד פרייט זיך אין סוכות.

פאר דעם נאציאנאלען אידען, ווידער, איז סוכות דער גרוי־סער נאטור יום־טוב, וואס האט געבראכט זיינע אור־עלטערען אזוי פיל פרייד.

דאס איז געווען, ווען אידען האבען געלעבט אויף זייער אייגען לאנד, וואס זיי האבען באארבעט, און עס איז געקומען די צייט פון איינזאמלען די גערעטעניש, זיינען ארויס פון הויז דער טאטע, די מאמע, דער זוהן, די טאכטער און מסתמא אויך די אייניקלעך. מען האט געשפאנט די אקסען, די אייזלען, די קעמלען, און אלע האבען געארבעט, ארונטערנעמענדיג די תבואה פון די פעלדער, די פירות פון די בוימער און דעם האניג פון בינשטאק.

און ווייל די גאנצע ארבעט איז געווען אויף די פעלדער, ווייט פון הויז, האט מען אויף דערווייל אויפגעשטעלט א געצעלט צום וואוינען, כדי צו זיין באשיצט פון רעגען און ביינאכט פון קאלטע ווינטען. דאס איז געווען די דעמאלטדיגע סוכה.

דערמאָנט זיך היינט דער נאַציאָנאַלער איד אויף דער סוכה פון זיינע אור־עלטערען, וואָס איז פאַר אים דער סימבאָל פון אַ פריי, אומאָפּהענגיג פאָלק, ווי אידען זיינען געווען, און ער איז שטאָלץ אויף דער פאַרגאַנגענהייט און ער פרייט זיך מיט דער סוכה לעתים, וואָס ער האָפט, אַז אידען וועלען ווידער אויפשטעלען פאַר זיך, ווען זיי וועלען צוריקקומען אויף זייער לאַנד אַלס אַ פריי, גליקליך פאָלק, יעדער אויף זיין נחלה.

און פאַר דעם פשוט׳ען אידען פון גאַס איז סוכות דער איינ־ציגער יום־טוב, וואָס איז באַצייכענט אַלס „זמן שמחתנו״, די צייט פון אונזער פרייד. עס זיינען פאַראַן ביי אונז טאַקע אויך אַנדערע ימים־טובים, אפשר גרעסערע און וויכטיגערע פון סוכות, ווי צום ביישפּיל פסח, דער יום־טוב פון דער געבורט פון דער אידישער נאַציע, אָדער שבועות, דער יום־טוב פון דעם קולטור־אויפקום פון אַ פאָלק.

ביידע זיינען נאַציאָנאַלע ימים־טובים, אין וועלכע אַלע שיכ־טען פון פאָלק האָבען זיך באַטייליגט, און ביידע זיינען, אין פלוג, וויכטיגער פון סוכות, וואָס איז געווען דער יום־טוב נאָר פאַר אַ טייל פון דער באַפעלקערונג, פאַר די פאַרמערס.

אָבער דער „ושמחת בחגך״, דער זמן שמחתנו, בלייבט פאַרט סוכות, ניט קיין אַנדער יום־טוב.

פרייען זיך אין דעם היינטיגען יום־טוב דער רעליגיעזער איד, דער נאַציאָנאַלער איד און דער איינפאַכער איד; פרייען זיי זיך אַלע מיט׳ן סוכות און זיי האָבען דאָך זייער פרייד עהרליך פאַרדינט.

וואָרים נאָך אַ גאַנצען זומער פון אומעט און זאָרג; נאָך אַ האַלב יאָר פון ספירה, פון „דריי וואָכען״, פון תשובה און יום־הדין, איז דאָך ניט מער ווי רעכט, אַז אידען זאָלען געניסען אַביסעל פרייד אויך, און זייער פרייד אין דעם יום־טוב סוכות איז אַ פול־

באַרעכטיגטע, און ווי דער פסוק זאָגט:

„והיית אך שמח" — זאָלען אידען טאַקע זיך פרייען.

נאָר אין דעם ענין פון פריילין זיין האָט דער באַרימטער מגיד פון קאָזניץ דערקלערט אַזוי:

די גמרא לערנט: „האי עלמא כבי הלולא דמי" — אָט די וועלט איז געגליכען צו אַ חתונה, און איר ווייסט דאָך ווי עס גייט צו אויף אַ חתונה: חתן־כלה וואַרטען, די מחותנים דרייען זיך אַרום, די קלעזמער זיינען אומגעדולדיג, די בדחנים הוסטען זיך אויס, די קיטקע איז שוין אויסגעבאַקען, די טעפּ פלייש אויסגעקאָכט און די כוסות ווין זיינען שוין אָנגעגאָסען. אָבער דער עיקר איז דאָך פּאַרט דער „הרי את מקודשת", אָהן דעם רירט זיך ניט פון אָרט און די אַלע צוגרייטונגען זיינען גאָר ניט ווערט.

פונקט אַזוי — דערקלערט ווייטער דער קאָזניצער — איז מיט אַלע אונזערע פרייד אויף דער וועלט, זיי זיינען ווי אַ חתונה, וואו דער עיקר איז דאָך דער הרי את מקודשת, און דער עיקר פון אַלע אונזערע פרייד איז דער פונק פון קדושה, פון דער הייליגקייט, פון גייסטיגע דערגרייכונגען. אויב עס פעלט דער ניצוץ, דער פונק פון גייסטיגקייט, פעלט אַלץ. עס איז ניט מעגליך קיין אמת'ע שמחה, ווען דער גייסט ווערט ניט באַפרידיגט.

און דער אידישער גייסט, מיינט דער קאָזניצער, קען נאָר באַפרידיגט ווערען אין אידישער אחדות, ווען אַלע אידען האַלטען זיך צוזאַמען און די גוטע זיינען משפיע אויף די שלעכטע.

דערפאַר, הייסט עס, מוז דאָס גאַנצע פאָלק זיין פאַראייניגט, די רייכע מיט די אָרימע, די אָנגעזעהענע מיט די שפל'ע, ווייל זיי זיינען אַלע געציגעלט פון איין בנין. מען טאָר דעם בנין ניט לאָזען פאַנאַנדערפאַלען.

אַזוי זאָגט אויך דער מדרש:

גאָט אַליין ווערט נתעלה; ער, כביכול, ווערט גרויס און שטאַרק, ווען אידען זיינען צווישען זיך פאַרבונדען, ווי מען קען לערנען פון דעם פסוק:

„ואגודתו על ארץ יסדה", דאָס מיינט: דער פונדאַמענט פון דער וועלט איז אגודה, צוזאַמענבונד, אחדות.

אָבער מענשען קענען דאָך ניט לעבען אין אחדות, ווען זיי באַגרייפען ניט דעם גרויסען געדאַנק פון גלייכקייט.

און אין דעם זמן שמחתנו, וואָס דער איד געניסט היינט, אין זיין סוכות'דיגער פרייד, זאָל ער פונדעסטוועגען לאָזען אין זיך ברענען דעם ניצוץ פון קדושה, דעם גרויסען געדאַנק פון גלייכקייט, וואָס דאַרף ביי אים זיך אויסדריקען אין שלום און האַרמאָניע אין דער אייגענער היים און אין גוטען ווילען צו זיינע מיטמענשען.

ווען אַ מענשען גייט גוט, איז ער צו אַלעמען אַ פריינד, און ווען אַ איד איז אין אַ יום־טוב'דיגער שטימונג, דאַרף ער אָננעמען אידעלע באַשלוסען זיך צו מאַכען ניצליך פאַר זיינע אייגענע און פאַר פרעמדע.

און ווען דער יום־טוב וועט אַריבער און אידען וועלען זיך אומקערען צו זייער וואָכעדיגער אַרבעט, זאָל דער ניצוץ פון קדושה, דער געדאַנק פון גלייכקייט אויפפלאַמען אין זיי אין אַ פייער פון אידישער אחדות און פאַרברידערונג.

אַזוי אומגעפער האָט דער קאָזניצער פאַרשטאַנען דעם זמן שמחתנו.

שמחת־תורה און קינדער־דערציאונג

אָבער עס האָט קיין זין ניט זיך צו פרייען מיט דער תורה, ווען די קינדער לערנען זי ניט.

„שישו ושמחו בשמחת תורה״ — הוליעט, פרייט זיך מיט דער פרייד פון דער תורה.

און דערפאַר, הייסט עס, איז דאָך היינט שמחת תורה, ווען אידען פרייען זיך, הוליען און כאַפּען אפשר אויך אַ טענצעל לכבוד התורה.

פרייען פרייט מען זיך געוויינליך מיט עפּעס, וואָס מען פאַר־מאָגט, אָדער וואָס מען קריגט אַריין. עס פרייט זיך, למשל, אַ איד, וואָס ער קריגט צוריק אַ גמילת חסד, וואָס ער האָט געבאָרגט צו אַ פריינט; עס פרייען זיך קרובים מיט אַ רייכער ירושה, וואָס פאַלט זיי צו, און עס פרייט זיך דער אידישער אַרבעטער, ווען זיינע אידישע באַסעס זאָגען אים ניט אָפּ פון דער אַרבעט, דערפאַר וואָס ער איז אַ איד און ניט קיין פּאָליאַק.

קיינער פרייט זיך ניט מיט דעם וואָס ער האָט אַמאָל געהאַט, אָדער וואָס ער דערוואַרט צו האָבען, ווייל מיט׳ן עבר פרייט מען זיך איבערהויפּט ניט און אויפ׳ן עתיד קאָן מען נאָר האָפען, אָבער עס איז ניטאָ קיין פרייד אויף באָרג, אויב מען קאָן זיך אַזוי אויס־דריקען. מען מוז האָבען אין באַזיץ דעם געגענשטאַנד, מיט וועלכען מען פרייט זיך.

און אויב אַזוי, בלייבט נאָר טאַקע איבער זיך צו וואונדערען און פרעגען:

„וואָס אין אמת׳ן, פרייען זיך אַזוי היינט די אידען אין אַמע־

ריקע מיט דער תורה? וואָס פאַר אַ זין האָט ביי אונז די שמחת-תורה?"

מיר האָבען געלייענט אין די צייטונגען, און מסתמא איר אויך, ווי אַזוי די ראַבאַיס פון די אַריסטאָקראַטישע טעמפּלען אין ניו-יאָרק און אַנדערש-וואו זיינען אַרויסגעקומען אין זייערע „סויר-מאָנס" מיט לאַנגע אַפּילס צו אַלע אידישע טאַטעס און מאַמעס אין אַמעריקע, אַז זיי, די עלטערן, זאָלען שיקען זייערע קינדער זיך פאַרשרייבען אין די תלמוד-תורה׳ס, זיי זאָלען ניט פאַרנאַכלעסיגען די אידישע ערציאונג פון דעם יונגען דור און זאָלען בכלל איינ-פלאַנצען אין זייער יונגוואַרג אַ געפיל פאַר אידישקייט.

און אַזעלכע אַפּילס פון רעפאָרמירטע ראַבאַיס פון די רייכע טעמפּלען מוזען דאָך באַטראַכט ווערען פאַר אַ צייכען פון דער צייט.

וואָרים ווען די אידען אין אַמעריקע וואָלטען ווי געהעריג אונטערשטיצט זייערע תלמוד-תורה׳ס און די העכערע אידישע אַנ-שטאַלטען; ווען זיי וואָלטען אין זייערע יונגע קינדער איינגע-פלאַנצט אידישקייט און די עלטערע זיהן און טעכטער געלערנט רעספּעקט צו דער אידישער תורה, וואָלט דאָך זיכער ניט געוועזען קיין נויטווענדיגקייט אין אַפּילס.

אָבער עס טראָגט זיך אין דעם אַמעריקאַנער אידענטום דער הילף-רוף „עס אַ עס", די אידישע לערן-אַנשטאַלטן זיינען אין גע-פאַר, די אידישע תורה גייט-אונטער, און —

„שישו ושמחו בשמחת תורה" — מען פרייט זיך ביי אונז פונ-דעסטוועגען מיט דער תורה!

מיר האָבען געהערט אַלערליי נוסחאות און פאַרשיידענע וואַ-ריאַציעס, פאַרוואָס די אידישקייט האָט נאָך דאָ ניט געשלאָגען קיין טיפע וואָרצלען, ווי מען וואָלט געקאָנט ערוואַרטען, און פאַרוואָס

עס פאָדערען זיך דאָ אַזוי פיל כוחות אויפצוהאַלטען דאָס אידישע לעבען.

אַט, צום ביישפּיל, דערציילט אונז אַן אַלטער היימישער משכיל:

„איך אַליין האָב געלערנט מיט מיין בחור׳ל אידישקייט ביז צו 17 יאָר. איך האָב ניט געוואָלט אים אַנטרויען צו פרעמדע ער־ציער, איז ער געווען אונטער מיין אייגענער השגחה, געקראָגען אַ סיסטעמאַטישע אידישע בילדונג, פאַרשטאַנען גוט די שפּראַך פון די נביאים, גערעדט אַ זאַפטיגען אוקראַינישען אידיש און געהאַט אַן אינטערעס פאַר דער אידישער ליטעראַטור.

„דאַן האָב איך אים אַוועקגעשיקט אין קאָלעדזש. ער האָט דאָך געמוזט לערנען אַ פּראָפעסיע. ער איז געקומען אין זיין סטודענ־טישער סביבה. שפּעטער האָט אים די רעגירונג אַוועקגעשיקט אויף אַ שטעל, און היינט, אַכט יאָר נאָכדעם ווי ער איז אַרויס פון מיין רשות, איז ער אין אידיש אַ בור דאורייתא — אַלץ פאַרגעסען, אַזוי ווי ער וואָלט קיינמאָל קיין אידיש וואָרט ניט געזען און ניט געהערט. עס לוינט זיך גאָר ניט צו פאַרלירען די כוחות אויף דער אידיש־קייט פון די אַמעריקאַנער אידישע קינדער“.

אַ באַלעבאָס פון אַ קאַנטרי־שטעטעל האָט גאַנץ אָפּנהאַרציג פאַר אונז זיך מודה געווען, אַז ער האָט זיינע קינדער קיין אידיש־קייט קיינמאָל ניט געלערנט.

„און צו וואָס? — האָט ער גע׳טענה׳ט — סיי ווי וואָלט עס דאָך קיין ממשות ניט געהאַט. אַז זיי לעבען צווישען גוים, האַדע־ווען זיך מיט גויים, געהערען צו גוי׳אישע חברות און אַמוזירען זיך אין גוי׳אישער געזעלשאַפט, ווילט איר מיר איינרעדען, אַז אין קאָונטרי קאָן מען אויפברענגען אַ אידישען דור?!“

דער שטאָטישער איד, ווידער, האָט זיין פאַרטיגען תירוץ, פאַרוואָס ער שטיצט ניט די תלמוד־תורה און שיקט ניט זיין קינד

לערנען אידישקייט: עקאנאמישע דעפרעסיע, ניטא אין דער נאכ־באַרשאַפט קיין „היברו סקול״; דאָס קינד מוז מאַכען זיינע „האָום וואירק״ פון פּאַבליק סקול און האָט קיין צייט ניט פאַר אידישע לימודים, וכדומה נאָך אַזעלכע תירוצים.

דערציילען אָבער די קלוגע לייט פון מדרש (שמות רבה, ה׳, ל״ד):

כביכול וויל קיינמאָל ניט באַלעסטיגען זיינע באַשעפענישען און ער צווינגט זיי ניט צו טאָן וואָס איז איבער זייער כוח, און דערפאַר האָט ער די אידען געגעבען די תורה יעדען לויט זיינע אייגענע קערפּערליכע און גייסטיגע קרעפטען.

און אַזוי האָבען ביים באַרג סיני געקראָגען די תורה די אַלטע לייט לויט זייערע שוואַכע כוחות, די געזונטע בחורים לויט זייער כוח, און אפילו משה רבנו אַליין האָט אָנגענומען די תורה, ווי ער האָט זי פאַרשטאַנען און ווי ער האָט זי געלערנט.

דער עיקר איז, דאָס יעדער איד האָט די תורה געמוזט אָנ־נעמען און זיך באַשעפטיגען מיט איר לויט זיינע פייאיגקייטען און זיינע אומשטענדען.

דאָס מיינט, דער קאַנטרי איד, וואָס לעבט אין אַ גוי׳אישער אַטמאָספערע און עס פעלען אים די געלעגנהייטען פון שטאָט, מוז פונדעסטוועגען לערנען זיין קינד תורה, געבען אים אַ אידישע ער־ציאונג לויט זיינע אומשטענדען אין קאַנטרי.

פונקט אַזוי ווי דער איד אין שטאָט מוז אויפהאַלטען די תלמוד־תורה און די אַנדערע לערן־אַנשטאַלטען און לערנען זיין קינד אי־דישקייט לויט די מעגליכקייטען, וואָס די שטאָט גיט אים.

די תורה איז געגעבען געוואָרען די אידען יעדען לויט זיין כוח; יעדער מוז איר לערנען לויט זיינע מעגליכקייטען, אָבער צוזאַמען איז זי דער פאָדים, וואָס פאַרבינדט די אידען אין איין

פאלק. אין לערנען די תורה, דאס מיינט, אין דער אידישער ער־ציאונג פון די קינדער, ליגט דער סוד פון דעם אידישען קיום, און דערפאר —

„שישו ושמחו בשמחת תורה"!

דער גרעסטער נס פון „על הנסים"

די זיהן און די טאכטער פון דעם אלטען חשמונאי, וואס האבען געפאלגט דעם פרומען טאטען.

„על הנסים"! . . .

און דער גרעסטער נס פון אלע נסים אין יענעם ערשטען חנוכה יום־טוב, וואס יאזעפוס רופט „דער יום־טוב פון ליכט", איז געווען, אז עס האבען זיך געפונען קינדער, וואס האבען געפאלגט זייער טאטען; פינף ברידער, יונגע מענשען, וואס האבען מסכים געווען צו די געדאנקען פון אן אלטמאדישען אידען.

וואו, אדרבא, וועט איר היינט געפינען ביי אידען יונגע, מאַ־דערנע מענשען, וואס זאלען קוקען אויף דער וועלט און אויפ'ן לעבען מיט די אויגען פון זייערע עלטערן און זאלען פאלגען דעם „אלד מען"?

און די צייט איז דעמאלט דוקא געווען זעהר א מאדערנע, און די אידען פראגרעסיווע, ווי מען וואלט זיי היינט רופען. און אז איר וועט פרעגען ביי פיל פון אונזערע אינטעליגענטען, וואס מיינט א פראגרעסיווער איד, וועלען זיי אייך זאגען, אז דאס איז א איד, וועלכער קריטיקירט אלץ, וואס איז אידיש, חוזק'ט־אפ פון אידיש און האט גרויס דרך־ארץ פאר פרעמדע קולטורען.

אזוי זיינען טאקע די אידען, ווייניגסטענס א גרויסער טייל פון זיי, געווען אין יענער צייט פון דעם ערשטען חנוכה יום־טוב. זיי האבען געהאט א געוואלטיגען דרך־ארץ פאר דעם גריכישען ארט לעבען און פאר דעם גריכישען ארט דענקען, וואס זיי האבען געוואלט פארפלאנצען אין זייער אידען־לאנד.

זיינען די רייכע אידען געווען גריכען פון משה׳ס גלויבען און דאס פאלק, ווי עס איז אלעמאל דער שטייגער, איז זיי נאכגעגאנ־גען. מען האט אויסגעביטען די אידישע שפראך אויף דער גרי־כישער, גע׳יום־טוב׳ט די גריכישע ימים־טובים, געשפילט די גרי־כישע שפילערייען און איינגעפירט די גריכישע מנהגים.

און ניט נאר אין הויז און אויף דער גאס האט געהערשט דער גריכישער גייסט, נאר אפילו אין דעם בית־המקדש, וואו גראד די ארטאדאקסישע כהנים זיינען געווען די ווארטפירער, די טאנגעבער פון דער דעמאלטדיגער אסימילאטארישער באוועגונג, וואס איז גע־ווען באקאנט אלס העלעניזם.

עס איז געווען די אסימילאטארישע טענדענץ, קעגען וועלכער די אלטע נביאים האבען געדונערט, ווען אידען האבען געוואלט זיך אויסמישען מיט בבל, אשור, כנען און אנדערע געצענדינערישע פעלקער.

און דאס מאל איז עס געווען מיט די גריכען.

ווארים דער אמת מוז דאך געזאגט ווערען, אז אנטיוכוס הרשע וואלט גאר ניט געווען אזא רשע, ווען די אידישע אסימילאטארען פון יענער צייט וואלטען עס אים ניט געמאכט.

מען דארף נאר לייענען די אידישע געשיכטע, ווי אזוי אידען, אויב אפילו אסימילאטארישע אידען, האבען געהעצט אנטיוכוס׳ען, ער זאל אונטערדריקען די אידישקייט און העלעניזירען דאס אי־

דישע לאַנד. ווי אַזוי זיי האָבען אויסגעווירקט, אַז נאָר העלעניזירטע אידען זאָלען האָבען בירגער־רעכט.

און ניט אנטיוכוס דער רשע, נאָר דוקא דער דעמאָלטדיגער כהן גדול, וואָס האָט געקויפט די כהונה פאַר געלט, האָט געבויט ביים בית־המקדש גריכישע שפּיל־פּלעצער, וואו יונגע כהנים און אַלע אידישע ספּאָרטלייט האָבען זיך איבערגעגעבען צו די אָלימפּישע שפּילערייען מוטער־נאַקעט, ווי עס איז געווען דער מנהג ביי די גריכען.

עס איז געווען ניט קיין גריכישער שונא ישראל, נאָר דער כהן גדול אַליין, וואָס האָט געלערנט די אידישע יוגענט אָראָפּצוואַרפען פון זיך יעדע שאַנד פאַר די טירען פון דעם בית־המקדש און האָט אפילו געוואָלט ברענגען קרבנות צו דעם אָלימפּישען אָפּגאָט הערקולעס.

און ווען אין אַט דער צייט פון דעם אַלגעמיינעם אַסימילירונגס־פּראָצעס האָבען פינף יונגעלייט, די חשמונאים ברידער, געקאָנט זיך צוהערען צו דעם אַלטען, פרומען טאַטען, וואָס האָט זיי אויפגעפאָדערט אויפצונעמען דעם קאַמף פאַר אידישקייט, איז עס טאַקע געווען נאָר אַ נס, אַ גרויסער נס.

און אויב מען זאָל גלויבען, וואָס די לעגענדע דערציילט, איז עס געווען דער נס ניט פון די ברידער אַליין, נאָר אויך פון זייער שוועסטער חנה, וועלכע, לויט ווי עס הייסט, איז געווען די אמת'ע סיבה, וואָס האָט געפירט צו דעם היינטיגען יום־טוב חנוכה.

אַט וואָס דער מדרש דערציילט:

חנה, די טאָכטער פון דעם אַלטען מתתיהו, איז געווען די שענסטע מיידעל אין דעם אידען־לאַנד. זי איז געווען פאַר'קנס'ט פאַר אַ יונגען יחסנ'דיגען כהן, אלעזר; אָבער עס איז געווען אַ

שלעכטע צייט פאַר אידישע טעכטער; אַ צייט, ווען אידישע מייד־לעך האָבען זיך אָפּגעזאָגט פון חתונה האָבען.

מחמת דער גריכישער גובערנאַטאָר, וואָס האָט געהערשט אין דעם אידישען לאַנד, האָט איינגעפירט אַ מנהג, אַז יעדע מיידעל, וואָס האָט חתונה, מוז צוערשט ווערען זיין ווייב.

דער דאָזיגער ווילדער, באַרבאַרישער מנהג איז אין דער מענש־ליכער געשיכטע ניט ניי. אַזוי איז פּראַקטיצירט געוואָרען ביי פיל פעלקער, און אין דעם בוך „עלעגאַנטע דאַמען״, פון אַ באַקאַנטען פראַנצויזישען שרייבער, ווערט דערציילט, דאָס אפילו אין פראַנק־רייך, מיט קאַרגע פינף הונדערט יאָר צוריק, האָבען פיל אַריסטאָ־קראַטישע פאַמיליעס זיך געהאַלטען אָן דעם דאָזיגען אַלטען מנהג.

עס הייסט, אַז אַ מיידעל נאָך איר חופּה האָט געמוזט צוערשט זיין די ווייב פון איר חתנ׳ס פאָטער אָדער פון דעם ריכטער, כדי צו איבערצייגען, אַז ביז איר חתונה איז זי געווען אַן ערליכע.

נאָר אויב דער גריכישער מושל פון ארץ־ישראל האָט גע־מיינט, אַז ער וועט זיך שטאַנד־מנהג קאָנען איינפירען צווישען אידען, האָט ער געמאַכט אַ גרויסען טעות.

קאַרגע פיר יאָר זיינען אין דעם אידישען לאַנד קיין חתונות ניט פאָרגעקומען. קיין אידישע מיידעל האָט ניט געוואָלט גיין צו דער חופּה. נאָר די טאָכטער פון דעם אַלטען חשמונאי איז, ווי עס ווייזט־אויס געווען אַ קעמפערישע נאַטור. זי האָט דוקא גע־פּראַוועט אַ גרויסאַרטיגע חתונה.

זיצענדיג ביים טיש צווישען די גרויסאַרטיגע מחותנים — דערציילט דער מדרש — איז די שיינע חנה פּלוצים אויפגעשפּרונגען און האָט אויסגערופען צו אירע ברידער:

„שמעון און לוי זיינען געווען נאָר צוויי ברידער, האָבען זיי אויסגעהרג׳עט אַ גאַנצע שטאָט צוליב דעם כבוד פון זייער שוועס־

טער, און איר זייט פינף ברידער, און צי קאָנט איר מיך לאָזען גיין צו שאַנד צו דעם גריך?!״

און אַזוי האָט זיך פאַנאַנדערגעפלאָקערט די חשמונאים׳שע רע־וואָלוציע, מיינט דער מדרש.

נאָר עס איז באמת קיין נפקא מינה, ווער עס האָט געפירט צו דעם קאַמף פאַר פרייהייט, די ברידער צי די שוועסטער — דער יום־טוב חנוכה לערנט, אַז עס איז אַלעמאָל די אידישע יונגוואַרג, וואָס מוז אויפהאַלטען און באַשיצען זייער פאָלק, און די עלטערן זאָלען זיי דערצו צוגרייטען — ניט פאַרלאָזען זיך אויף על הנסים...

חנוכה — דער יום־טוב פון אידישען בוך

און אין די טעג זאָלען אידען זיך דערמאָנען צו קויפען און לייענען אידישע ביכער.

חנוכה איז ניט נאָר דער יום־טוב פון ליכט, ווי דער אי־דישער היסטאָריקער יאָזעפוס רופט עס. נאָר איז אָדער דאַרף זיין אויך דער יום־טוב פון אידישען ספר, פון דער אידישער קולטור, וואָס דער סיריש־גריכישער שונא האָט געוואָלט אויסראָטען, און אַזוי הייסט עס אויך אין דעם חשמונאים־בוך:

„כי אסוף אסף את הספרים אשר נפוצו ונפזרו בשערורית המלחמה בארץ״ — דער העלד יהודה, דער באַזיגער פון אנטיוכוס׳עס חיילות, האָט זיך אויך פאַרנומען מיט צונויפזאַמלען די ספרים, וואָס זיינען צעוואָרפען און צעשפרייט געוואָרען אין דעם טומעל פון מלחמה. די מאַקאַבייער, הייסט עס, זיינען געווען די רעטער ניט

נאָר פון זייער אידיש פאָלק, נאָר אויך פון דעם אידישען בוך.

און דאָס איז ניט דער איינציגער פאַל, ווען אין דעם קרי־טישסטען מאָמענט אין לעבען פון דער אידישער אומה ווערט דער־מאָנט דער אידישער ספר. ווען די אידען אין דער מדבר, דער־ציילט דער חומש, זיינען באַפאַלען געוואָרען פון זייער ערשטען שונא און זיי האָבען אים נאָך אַ שווערער מלחמה באַזיגט, האָט משה רבנו פאַרזאָגט:

„כתב זאת זכרון בספר", — פאַרשרייב עס אין אַ בוך; זאָלען עס אידען לייענען און געדענקען. אַ איד מוז לייענען זיינע אידישע ביכער.

„ביכער זיינען אַ מענשען׳ס בעסטע פריינט, — שרייבט דער געלערענטער און קריטיקער רעאָסמוס, — איך בין געטריי איבער־געגעבען צו די דאָזיגע פריינט, מיט וועלכע איך פאַרברענג אין אָנ־גענעמער אונטערהאַלטונג. מיט זיי שליס איך זיך אָפּ ערגיץ אין אַ ווינקעל, ווייט אַוועק פון דעם טומעלדיגען המון, און ענטוועדער איך רעד צו זיי אין אַ שטילען געמורמעל, אָדער איך הער זיך איין צו זייערע צאַרטע שטימען, וואָס טראָגען זיך צו מיר פון זייערע בלעטער. צי קאָן דען זיין נאָך אַ גרעסערער פאַרגעניגען ווי לייענען גוטע ביכער? זיי זיינען פריינט, וועלכע באַהאַלטען ניט פון איך קיין סודות, אָבער זיי פאַרראָטען ניט וואָס אַנדערע האָבען זיי פאַרטרויט. זיי חנפ׳ענען ניט, פאַרשווייגען ניט, נאָר זאָגען איך אָפען אייערע פעלערען און נעמען ניט אַוועק אייער כאַראַקטער. אין אייער גליק זיינען זיי געלאַסען, אין טרויער טרייסטען זיי, און זיי גייען מיט איך דורך אַלע געפאַרען ביז צום קבר. אָט מיט די איינפאַכע פריינט באַגראָב איך זיך אָפּט אין איינזאַמקייט. טאָ זאָגט, אדרבא, אַליין, אויב עס איז דאָ אין דער וועלט אַזאַ אוצר, אויף וועלכען איך וועל פאַרבייטען מיין שטיל, רוהיג לעבען?"

אזוי שרייבט דער באגייסטערטער ביכער־פריינט עראסמוס, וועלכער האט געשפילט גאר א גרויסע ראל אין דער אייראפעאישער קולטור. אבער באגייסטערטע ביכער־מענשען זיינען ביי אידען גע־ווען מער. ניט אומזיסט הייסען אידען דער „עם הספר", דאס פאלק פון בוך, און א גרויסער גלח האט אמאל גע׳מוסר׳ט זיין עולם, פארוואס ער נעמט ניט קיין ביישפיל פון דעם נביא יחזקאל.

יחזקאל, ווי דער פסוק דערציילט, האט געזען ווי א געהיימע האנט דערלאנגט אים א מגילה צי א ספר, וואס ער האט אויפגע־געסען און געפילט א טעם זיס ווי האניג. איז דאס טאקע געווען נאר א זעהונג, א וויזיע. נאר דער גוטער גלח האט סיי־ווי גע־לערענט דערפון, אז א מענש מוז לייענען די פרומע ביכער, ממש זיי שלינגען, און ער וועט פילען א הימלישען טעם.

נאר שלינגען ביכער איז דוקא ניט קיין מעלה, אפילו ניט קיין פרומע ביכער, און דער געלערענטער גלח האט אריבערגעכאפט די מאס. אבער אידען מוזען לייענען און דרך־ארץ האבען פאר ביכער, זאגט ר׳ יהודה החסיד. און ניט נאר מוז א איד צייטענ־ווייז אליין ארייקוקען אין א ספר, נאר ער זאל אויך אנדערע מאכען צו לייענען און פארלייען זיינע ספרים צו יעדען, ווער עס פאר־לאנגט זיי. איר דארפט אפילו ניט בעטען ביי דעם אייגענטימער קיין דערלויבעניש אוועקצובארגען זיין בוך צו אן אנדערען. איר מעגט דאס טאן אהן זיין וויסען. עס איז א בוך און אלע זאלען עס לייענען.

און אין אלע צייטען פון דער מענשליכער געשיכטע האבען די לערער געזוכט צו וועקען אין דעם אידישען מענשען די ליבע און דעם פארלאנג צו לייענען און לערנען. און אזוי שרייבט דער בא־רימטער יצחק אברבנאל אין איינעם פון זיינע בריוו:

„פאר דער גאנצער צייט, ווען איך האב געלעבט אין די קע־

ניגליכע הויפען און פּאַלאַצען, בין איך געווען באַשעפטיגט מיט פרעמדער אַרבעט. איך האָב ניט געהאַט קיין צייט צו לייענען אָדער שרייבען אַ בוך. מיינע טעג זיינען אַוועק אין דער פוסטער אַמביציע צו זוכען רייכטום און כבוד. איצט, אַז מיין עשירות איז פאַרלאָרען און דער אידישער כבוד איז אין גלות; איצט, אַז איך בין אַ נע ונד'ניק, אַ וואַגאַבונד, און קיין געלט האָב איך נישט — איצט בין איך צוריקגעגאַנגען צום אידישען בוך".

ווי עס ווערט געזאָגט: „חסורי מחסרא והכי קתני" — ווען עס פעלט און מען איז פאַראָרימט, זעצט מען זיך לערנען.

און אידען האָבען אַלעמאָל געלערנט און זיינען געבליבען געטריי דעם אידישען ספר. פיל פון אונז געדענקען נאָך אין דער אַלטער היים, ווי יעדער איד פלעגט קומען צו זיין שיעור, ווער אין גמרא און ווער אין אַן אַנדער ספר, און אין שטוב פלעגט די מאַמע פאַרלייענען פאַר די טעכטער פון „צאינה וראינה", צי פון „מנורת המאור", און אין יעדען הויז איז געשטאַנען אַן אַלמער מיט ספרים, וואָס דער באַלעבאָס פלעגט אָפט באַרייכערען מיט אַ נייעם ספר.

מיר געדענקען נאָך אַן אָרימען באַנדאַר, דעם פאָטער פון אַ באַרימטען פּראָפעסער און ציוניסט, וועלכער פלעגט קויפען ספרים, ווי אַן אַמעריקאַנער באַלעבאָסטע איר מעבעל — אויף „אינסטאָל-מענט". זיין גאַנץ לעבען האָט ער יעדע וואָך געצאָלט דעם מוכר-ספרים וויפיל ער האָט געקאָנט אָפּרייסען פון זיינע אָרימע פאַר-דינסטען. אָבער ער האָט פאַרמאָגט אַ סך ווערטפולע ספרים.

וויפיל געפינט איר אין אַמעריקע אידען, וועלכע ליבען און קויפען אידישע ביכער? פאַרוואָס הערט מען דאָ קלאָגען, אַז דאָס אידישען בוך איז פאַר'יתומ'ט?

און חנוכה איז דערפאַר די פּאַסענדסטע צייט צו ברענגען אונ-

זערע אידען אין אַמעריקע צוריק צום אידישען בוך, אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקען. אין אַלע חנוכה־אַפעירס, חנוכה־בעלער, חנוכה־שפּילען, חנוכה־ענטערטיינמענטס און חנוכה־דרשות זאָל מען אַ אידען דערמאָנען אויף זיין חוב צום אידישען בוך. מען מוז וועקען אין אים זיין אינטערעס צו קויפען אידישע ביכער און לייענען זיי.

האָט דאָך דער העלדישער מאַקאַבייער אַרויסגעראַטעוועט פון דער מלחמה־רואינע די אידישע ביכער און אָפּגעהיט די אידישע קולטור. און אויב אַמעריקאַנער אידען וואַרפען זיך אָפּ פון אַט דער ירושה, טאָ וואָס פאַר אַ זינען האָט גאָר דער חנוכה־יום־טוב?

פונים אַמאָליגען המן ביזן הייגטיגען

##ביידע האָבען געגעסען אידיש ברויט און ביידע ווילען גרוים־ווערען דורך די אידען.

Dיי האָבען גערעדט ניט פון פוסטען פאָס, די אַלטע קלוגע לייט פון תלמוד, ועלכע האָבען געזאָגט, אַז ווען אַלע ימים־טובים וועלען אונטערגיין און פאַרגעסען ווערען, וועט אָבער פורים אַלע־מאָל בלייבען. אידען וועלען שטענדיג האָבען זייערע פורים׳ס, ווי יענע קלוגע לייט האָבען פאַרזיכערט. ווייל זיי האָבען, ווי עס ווייזט אויס, געקענט דעם גאַנג פון דער אידישער געשיכטע; זיי האָבען געוואוסט, אַז וואו אידען מעגען זיך באַזעצען, צי אין פּערזיע, צי אין בבל, צי אין רוים, צי אין אַבי אַ לאַנד, וועלען זיי אַלעמאָל מוזען וואַרטען אויף נסים צוליב אַלערליי המנ׳ס, וועלכע מעגען אויך זיין ניט קיין אויסגעשפּראָכענע אַנטיסעמיטען.

און דעם בעסטען באווייז האבען זיי געפונען טאקע אין דעם המן פון דער היינטיגער מגילה.

המן איז אייגענטליך קיין אנטיסעמיט ניט געווען, אויב מען קאן זיך אזוי אויסדריקען; ער האט עס ניט געקאנט זיין, ווארים דער מענש האט אלע זיינע יארען זיך „געריבען" צווישען אידען, געלעבט צוזאמען מיט אידען, און פון אידען האט ער געצויגען זיין פרנסה.

אזוי, וויניגסטענס, נעמען מיר ארויס פון די תלמודישע מעשה'לעך.

עס הייסט, אז המן איז 22 יאר לאנג געווען א צירולניק און א „פארשטשיק" אין א אידישער באד אין דעם שטעטל „קרצום", און ווי יעדער באד־גוי איז ער געוויס געווען אויך דער שבת־גוי ביי אידען, פלעגט קומען אין די אידישע שטיבער אראפנעמען די שבת־לייכטער פון טיש, איינהייצען די אויוועגס, און עס קאן זיין, אז ער האט אויך זיך אויסגעלערנט צו זאגען מיט אידישע קינדער־לעך „מודה אני", ווען זיי זיינען אויפגעשטאנען פון שלאף, און ער האט זיי אפגעגאסען נעגעל־וואסער.

פלעגט ער פאר זיין ארבעט קריגען א מוציא חלה, געפילטע פיש און געניסען פון יעדער אידישער שמחה פאר זיך, פאר זיין וויב און זיינע צען קליינע המנ'לעך — עס האט אים גארניט געפעלט, ביי אידען, דעם שבת־גוי המן.

נאכדעם, ווי די לעגענדע דערציילט, האט ער זיך פארקויפט פאר א קנעכט צו דעם אידען מרדכי. איז דאס אויך ניט קיין שלעכטער „דזשאב", ווארים א אידישער „באס" מעג זיין ווי ער איז, נאר פאר זיין גוי'אישען ארבעטער האט ער אלעמאל דרך־ארץ. דער אידישער ארבעטער מעג טאקע האבען פון זיין אידישען באס אויסגעריסענע יארען; דער גוי'אישער ארבעטער האט פון

דעם זעלבען „באָס“ אַלע פּריווילעגיעס.

דאַרף מען פאַרשטיין, אַז דער יהודי מרדכי האָט זיין גוי׳־אישען קנעכט המן זעהר איידעל באַהאַנדעלט.

דאָס באַווייזט, אַז, אין גרונט גענומען, איז המן קיין אַנטיסעמיט ניט געווען; ער האָט גאָר קיין אורזאַך ניט געהאַט דאָס צו זיין, נאָר וואָס־זשע דען?

ער איז געווען אַ פּערזישער פּאַטריאָט, אַזוי צו זאָגען, פון דעם סאָרט פּאַטריאָטען, ווי מיר קענען זיי היינט: אין די שוואַרצע העמדלאַך, אין די גרויע רעקלאַך, צי אין די ווייסע קיטלען; און ווען דער דאָזיגער פּאַטריאָט, דער געוועזענער צירולניק און שבת־גוי, איז גרויס געוואָרען און האָט דערגרייכט צו ווערען פּרעמיער־מיניסטער, האָט ער געפונען, אַז דעמאָקראַטיע איז פאַר אים אַ חלף, מען מוז זי אָפּשאַפען.

און אַז פּערזיע איז דעמאָלט געווען אַ דעמאָקראַטיש לאַנד, דערציילט קלאָר די היינטיגע מגילה.

אַ גרויסע מלוכה פון 127 מדינות, האָט פונדעסטוועגען דאָס געזעץ פאַרזאָגט, אַז יעדער מענש דאַרף זיין דער הערשער אין זיין הויז, ער מעג זיך פירען ווי אים געפעלט און לעבען ווי ער איז געוואוינט. קיינער, אפילו ניט די רעגירונג, טאָר זיך ניט אַריינמישען אין אַ בירגער׳ס פּריוואַטע אַנגעלעגענהייטען.

ווייטער האָט דאָס געזעץ געגעבען יעדען מענשען דאָס רעכט „צו רעדען די שפּראַך פון זיין פאָלק“. מען האָט געקאָנט פריי רעדען און פריי שרייבען אין אַבי אַ לשון — אַ פרייהייט, צו וועלכער מענעשען האָבען נאָך ניט דערגרייכט אין געוויסע היינטיגע ציווילזירטע לענדער.

און אויך די פרויען האָבען געהאַט צופיל רעכט און זיינען געווען גאַנצע סאָפראַדזשעטקעס, ווי עס דערציילט זיך די גע־

שיכטע מיט ושתי׳ן. ניט אומזיסט האָבען די מאַנסבילען געפאָ־דערט רעפאָרמען צו צווינגען די פרויען, „זיי זאָלען רעספּעקטירען זייערע אייגענע מענער״.

קורץ, אַ פיין דעמאָקראַטיש לאַנד איז געווען יענע גרויסע מדינה פון הודו ביז כוש.

נאָר דער פּאַטריאָט המן האָט, ווי די היינטיגע, אַזוי־גערופענע פּאַטריאָטען, געזען אין דער מענשליכער פריהייט אַ שטער צו זיינע אייגענע אַמביציעס, וואָרים וואָס נוצט אים זיין גרויסקייט, ווען אַ ליאַדע בירגער האָט אַלע רעכט, ווי אַ המן?

המן האָט פיינט געהאַט יעדע פריהייט, סיי פון דעם איינצעל־נעם מענשען און סיי פון דער געזעלשאַפט. ער האָט געוואָלט אַ פּאָליטיק פון צוואַנג, און זיין פּאָליטיק האָט געזיגט. היינט וואָלט מען עס גערופען די רעאַקציאָנערע מיליטאַריסטישע פּאָליטיק פון פּאַשיזם, נאָר דעמאָלט האָט מען נאָך פון אַזעלכע שווערע ווערטער ניט געוואוסט. דעמאָלט האָט דער „מלך טפש״, דער אידיאָטישער קעניג, ווי מען רופט אים, געמאַכט המנ׳ען איינפאַך פאַר אַ דיק־טאַטאָר, מיט אַ שטרענגען געזעץ, אַז אַלע מוזען זיך צו אים בוקען, וואָס איז דער צייכען פון קנעכטשאַפט.

נאָר ניט געבוקט זיך האָט דער איד אַליין, וועלכער האָט צו־זאַמען מיט זיין מוטער׳ס מילך איינגעזויגען אין זיך דעם פריי־הייטס־גייסט פון זיין אידישער תורה, וואָס פאָדערט גערעכטיג־קייט פאַר אַלע מענשען.

און דערפון המנ׳ס גזירות. המן איז געווען אַ פּאָליטישען, ניט קיין אַנטיסעמיט.

איר געפינט היינט דעם זעלבען המן אין דייטשלאַנד. ער איז פיליכט ניט געווען קיין באַד־גוי ביי אידען, אָבער מען ווייסט, אַז אין ווין און אונגאַרן האָט ער געאַרבעט פאַר אידישע באַלעבאָ־

טים און גענומען אידישע שכירות, און אויך היינט נעמט ער נאָך ביי אידען געלט זיי צו באַשיצען. ער האָט, הייסט עס, גאַר ניט קיין אורזאַך צו זיין אַ אידען־פרעסער, נאָר עס איז פּאָליטיק.

מיר װאָלטען געקאָנט אָנווייזען אויף אַזעלכע „פּאַטריאָטען“ אויך אין אַמעריקע, און דאָס באַווייזט, ווי די קלוגע לייט פון תלמוד זיינען גערעכט געווען — אַזוי לאַנג ווי אידען וועלען לעבען אין גלות־לענדער, וועט דער פורים קיינמאָל ניט בטל ווערען.

אידישע פרייהייט, אידישע דערציאונג

די שיינע טעג פון פסח זיינען דער יום־טוב פון זיי ביידען. — דער מאָדערנער בעל־הגדה.

ווי אין אַלע גרויסע געשעהענישען אין דעם לעבען פון אַ פאָלק, זיינען אויך אין אונזער שיינעם יום־טוב פסח אַריינגעוועבט די גאָלדענע פעדים פון פאַרשיידענע לעגענדעס, וואָס די רייכע פאָלקס־פאַנטאַזיע האָט געשפּונען, און איינע פון אָט די לעגענדעס, וואָס איז פאַרבונדען מיט׳ן גרויסען גאַסט פון די פסח׳דיגע סדרים, מיט אליהו הנביא, דערציילט זיך אין מדרש אַזוי:

דריי טעג איידער משיח וועט קומען וועט אליהו הנביא זיך באַווייזען אין דעם אידישען לאַנד. אין דעם ערשטען טאָג וועט ער שטיין אויף די בערג פון ישראל און באַוויינען דעם אומגליק־ליכען גורל פון זיין אומה און דעם חורבן פון דעם אידישען ישוב; אין דעם צווייטען טאָג וועט ער שוין ברענגען טרייסט און האָפ־נונג און פון הויכען באַרג וועט ער פּראָקלאַמירען די גוטע בשורה, אַז די אידישע הילף איז נאָענט און אידען זאָלען זיין האַלטען גרייט

צו דער גרויסער ישועה; אין דעם דריטען טאָג וועט ער מיט אידען לערנען תורה, וועט קלאָר מאַכען אַלע ספקות, פאַרענט־פערען אַלע „תיקו׳ס" — און נאָכדעם ערשט וועט זיין די גאולה, ווען מיר וועלען באפרייט ווערען פון דעם פינצטערען גלות.

און אַ לעגענדע איז ניט סתם אַ פוסטע מעשה, זאָגען די גע־לערענטע. די לעגענדעס פון אַ פאָלק טראָגען אין זיך אַ סך ערנסט פון זיין טראַדיציע, פון זיינע לעבענס־באַגריפען און פון זיין כאַ־ראַקטער. און דאָס מיינט, אַז דער צוזאַמענהאַנג צווישען דער אי־דישער תורה און דער אידישער גאולה פון דער מדרש־לעגענדע איז ניט קיין צופאַל. די חכמים פון מדרש האָבען אין זייער אליהו הנביא־מעשה׳לע איינגעוויקלט דעם געדאַנק, אַז כדי אידען זאָלען אויסגעלייזט ווערען פון גלות, מוזען זיי לערנען אידישקייט, און כדי אידישע קינדער זאָלען ניט פאַרלוירען גיין צווישען די גויים און זאָלען וואַקסען פרייע מענשען און באַוואוסטזיניגע אידען, מוז מען זיי געבען אַ גוטע אידישע דערציאונג.

דערפאַר אפשר האָבען זיי אין דעם פסח יום־טוב אַריינ־געבראַכט דעם סימבאָל פון אליהו הנביא, ווייל ער פאַרקערפּערט אין זיך דעם אידישען לערער, וואָס וועט „אומקערען די הערצער פון עלטערען צו קינדער" און פירען צו דער אויסלייזונג פון דעם פאָלק דורך לערנען אים תורה. ניט אומזיסט ווערט יענעם אַלטען נביא צוגעטיילט אין די סדרים־נעכט אַזוי פיל כבוד. ער לערענט, אַז אידישע פרייהייט גייט צוזאַמען מיט אידישער בילדונג.

און אַזוי איז אונזער גרויסער פרייהייט־יום־טוב פסח, אַזוי צו זאָגען, אויך דער יום־טוב פון אידישער דערציאונג. און די הגדה, וואָס אַ פרומער איד זאָגט צו די סדרים, איז אין דער אמת׳ן אַ ספר פון חינוך, וואָס איז אויפגעשטעלט אויף דער שיטה פון „והגדת לבנך" — זאָג דיין זון וואָס עס מיינט צו זיין אַ איד, לערען

אים די אידישע געשיכטע, וויס וואָס אים צו ענטפערען אויף זיינע פראַגען וועגען אידישקייט, מאַך אים קלאָר די אידישע פּראָבלעמען און דערמאָן אים, אַז אין אַ וועלט פון גוים זאָל ער בלייבען געטריי זיין פאָלק און קעמפען פאַר זיין קיום.

וואָרים מיט דער היינטיגער דערציאונג, וואָס אונזערע קינדער קויגען אין די פאַרשיידענע אידישע לערן־אַנשטאַלטען, זיינען ניט אַלע מסכים, צי זי וועט פירען צו אַ פאַרשטאַרקטער אידישקייט אין דער צוקונפט און צי די קינדער וועלען וואַקסען גוטע אידען, ווי אונזערע פריערדיגע דורות זיינען געווען.

דער צדיק פון קאָזשניץ, למשל, ווי מען דערציילט, איז אין דעם פּרט געווען אַ גרויסער אָפּטימיסט. ער פלעגט זאָגען, אַז אין האַרצען פון יעדען אידען ברענט אַ ניצוץ פון קדושה. איינער, הייסט עס, מעג זיין וואָס פאַר אַ איד, נאָר וויבאַלד ער איז געבוירען פון אַ אידען, טראָגט ער אין זיך דעם אידישען פונק, וואָס ווערט קיינמאָל ניט אויסגעלאָשען, און אפילו ווען ער באַרימט זיך, אַז ער איז פון די וואוילע יונגען, וואָס גלויבען ניט אין גאָט און זיין תורה, זאָל מען אים אויך ניט גלויבען.

פאַר דעם קאָזשניצער, הייסט עס, איז די אידישע דערציאונג גאָר קיין פּראָבלעם ניט געווען. אידען וועלען אַלעמאָל בלייבען אידען, און טאָמער וועט איין איד פאַרגעסען אויף זיין יחוס, וועלען אים שוין די גוים דערמאָנען אויף זיין אידישקייט.

נאָר גאָר ניט אַזוי זיכער איז, ווי עס ווייזט אויס, געווען דער צדיק רבי לוי יצחק בערדיטשעווער, דער גרויסער מלמד זכות אויף אידען, פון וועלכען מען דערציילט, אַז ער האָט אַמאָל אויסגערופען מיט תרעומות:

„רבונו של עולם, אויב דו ווילסט ניט אויסלייזען אידען, וועסטו מוזען אויסלייזען גוים".

עס פארשטייט זיך, דער צדיק האט חלילה ניט געמיינט צו זאגען, אז דאס אידיש פאלק איז אין געפאר אונטערצוגיין, אבער די ווירקונג פון דעם גלות און די השפעה פון דער גוי'אישער סביבה וועלען דאך איבערלאזען א שלעכטען נאכגעשמאק, אויב אידען זאלען ניט באפרייט ווערען פון גלות.

און אזוי פארשטייט אויך יענער אויסטייטשער פון דער הגדה, וועלכער זאגט:

אין די פריערדיגע צייטען זיינען געווען פיר מינים אידען, פון וועלכע די ערשטע צוויי זיינען אפגעשטארבען. איר געפינט דא ניט דעם „חכם", דעם אמת־געלערענטען אידען מיט די שיינע אידישע מעלות, ווי ער איז אונז באקאנט פון דער אלטער היים. אמעריקע פראדוצירט ניט קיין גרויסע אידען.

איר געפינט דא ניט אפילו דעם „רשע", דעם אמאליגען להכעיס'ניק, וואס האט מורד געווען אין אידישקייט, אבער ער האט זי געלערענט און פרובירט פארטיידיגען זיינע פרינציפען.

די מאדערנע אמעריקאנער אידישקייט, דערציילט ווייטער אונזער הגדה אויסטייטשער, ברענגט נאר ארויס א אידען, וואס איז אין דער בחינה פון א "תם", און פרעגט גאר: „צו וואס דארף ער גאר דעם עול פון אידישקייט?"

און ווען דער טאטע איז א תם, מוז דער זון וואקסען א „שאינו יודע לשאול", וואס פרעגט אפילו ניט און איז אינגאנצען דערווייטערט פון זיין פאלק.

אבער ביידע, אי דער טאטע און אי דער זון, זיינען פארשקלאפט צו א פרעמדען גייסט, וואס איז דעם באוואוסטזיניגען אידען פארהאסט. ווארים נאר אין אידישקייט, אין די אידישע מאראל־לערען פילט זיך א איד א בן חורין.

אזוי דערציילט אונז דער נייער בעל־הגדה.

דער באַטייט פון יום־טוב שבועות

אין דער אַלטער צייט דער יום־טוב פון שניט; אין גלות — דער יום־טוב פון תורה.

שבועות איז דער יום־טוב, ווען אומגעפער מיט פינף־און־דרייסיג הונדערט יאָר צוריק איז אידען געגעבען געוואָרען די תורה פון בארג סיני — דער יום־טוב פון מתן תורה, און לויט ווי די פרומע ספרים פאַרשטייען, איז עס דער וויכטיגסטער פון אַלע ימים־טובים.

ניט אומזיסט, הייסט עס, איז שבועות אַוועקגעשטעלט אין מיטען, צווישען די צוויי אַנדערע גרויסע ימים־טובים, צווישען פסח און סוכות, ווייל דער מיטעלסטער איז אַלעמאָל דער חשוב׳־סטער; דער צענטער איז אומעטום דער עיקר; און שבועות איז דער צענטער פון די גרויסע ימים־טובים — עס איז דער יום־טוב פון מתן תורה.

און דאָך איז אין דער גאַנצער תורה ניט דערמאָנט קיין יום־טוב פון מתן תורה: משה רבנו האָט אין ערגעץ ניט פאַרזאָגט, אַז מען זאָל יום־טוב׳ען שבועות, ווייל אין דעם טאָג איז געגעבען געוואָרען די תורה.

אין חומש ווערט שבועות אָנגערופען „חג הקציר״, דער יום־טוב פון שניט; אַמאָל הייסט ער „חג השבועות״, דער יום־טוב פון די וואָכען, און ווידער אַמאָל ווערט ער דערמאָנט אַלס „יום הבכורים״, דער טאָג פון צייטיגקייט; אָבער קיינמאָל ניט אַלס דער טאָג אָדער דער יום־טוב פון מתן תורה.

און פאַר די אַלע הונדערטער יאָרען, ווען אידען זיינען געזעסען

אויף זייער לאַנד, איז שבועות פאַר זיי אַלעמאָל געווען אַ שיינער פאַרמערשער יום־טוב, אַ יום־טוב פון שניט, פון צייטיגער תבואה, ווען מען האָט אויך געמוזט פאַרזאָרגען די אָרימעלייט, נאָר קיין יום־טוב פון „זמן מתן תורתנו״ איז עס פאַר זיי ניט געווען.

אפילו די גרויסע געלערנטע, די ערשטע תנאים, וועלכע האָבען רעגולירט די געזעצען און געשאַפען רעפאָרמען אין אַלע ווינקע־לעך פון דעם גייסטיגען און געזעלשאַפטליכען אידישען לעבען, האָבען קיינמאָל זיך ניט אָפגעשטעלט אויף שבועות אַלס אַ יום־טוב פון געבען די תורה.

אפשר האָבען זיי פאַרשטאַנען, אַז מענשען פרייען זיך איבער־הויפט ניט, ווען מען הענגט־אָן אויף זיי אַ תורה אָדער, ווי מען רופט עס, אַ קאָנסטיטוציע, ווייל יעדע קאָנסטיטוציע באַגרעניצט אַ מענשען׳ס פרייהייטען און לייגט אויף אים אַרויף פליכטען, מיט וועלכע ער איז מערסטענס גאָר ניט צופרידען.

געבען אַ תורה איז אפשר אַ שמחה פאַר דעם געבער, אָבער קיינמאָל ניט פאַר דעם נעמער, און דערפאַר האָבען אידען אויף זייער לאַנד זיך געפרייט מיט אַ יום־טוב פון שניט און ניט מיט אַ יום־טוב פון מתן תורה; ווייניגסטענס איז אַזאַ יום־טוב אין דער תורה ניט דערמאָנט.

ערשט ווען אידען זיינען געגאַנגען אין גלות און דער יום־טוב פון שניט האָט פאַר זיי אויפגעהערט, האָבען די שפּעטערדיגע חכמים געשטעלט אין דעם שבועות׳דיגען יום־טוב דעם טראָפּ אויפ׳ן „זמן מתן תורתנו״.

דער רמב״ם, למשל, וועלכער האָט די מצוות פון דער תורה דערקלערט שטענדיג אויפ׳ן נאַטירליכען, שכל׳דיגען וועג, שרייבט אויך:

„שבועות איז דער טאָג, ווען די תורה איז געגעבען געוואָרען,

און וועגען דער ערהאבענקייט און שיינקייט פון דעם טאג דער־ציילען אלע פריערדיגע טעג פון פסח ביז שבועות״.

אזוי איז דער שבועות׳דיגער יום־טוב פון שניט געווארען פאר אונז דער יום־טוב פון מתן תורה.

און גערעכט זיינען דאך אונזערע לערער, אז דער יום־טוב פון מתן תורה איז דער צענטער און וויכטיגסטער פון די אנדערע ימים־טובים, וואס יעדער איד מוז אפהיטען און געדענקען.

ווארים אזוי האט אן אלטער חכם דערקלערט: „ווען ניט דער טאג פון תורה, וואס האט מיך געבראכט צו לערנען תורה, זיינען דאך דא אין גאס הונדערטער אנדערע מענשען, וואס רופען זיך מיט מיין נאמען. מיט וואס וואלט איך דען זיך אויסגעצייכענט?״

ווען ניט די אידישע תורה, וואס גיט דעם אידישען פאלק זיין פעסטען גלויבען און זיין בטחון, ווי וואלט ער געקאנט ביישטיין די אנדערע פעלקער, וואס זיינען גרעסער און שטארקער פון אים?

עס איז די אידישע תורה, וועלכע האט געמאכט די אידען פאר אן אייביג פאלק, וואס אפילו אין די גלות־לענדער האט עס א געוואלטיגע השפעה אויף די פעלקער, כאטש זיי זיינען מער און שטארקער פון אים.

און אדאנק דער אידישער תורה און די אידישע וועלט־אנ־שויאונגען, צייכענט זיך דער איד אויס וואו ער קומט, און אלע עסק׳ן זיך מיט אים, אלע רעדען וועגען אים און קיינער קאן אים ניט איגנארירען און ניט טויט־פארשוויגען; פריינט באוואונדערען אים, שונאים האבען פאר אים מורא און דער אידישער גייסט, די אידישע מאראל און דער אידישער באגריף פון גערעכטיגקייט, וואס שטאמען ארויס פון דעם לעבעדיגען קוואל פון דער אידי־

שער תורה, זיינען זיינע שונאים ווי אַ ביין אין האַלז — ניט אַראָפּ־צושלינגען און ניט אויסצושפּייען.

און ווען יעדער איד וואָלט זיין באַוואוסטזיניג און טראָגען אין זיך דאָס געפיל פון זיין גייסטיגער קראַפט, און קענען דעם וויכטיגען פּלאַץ, וואָס ער פאַרנעמט אין דער מענשליכער געשיכטע, וואָלט ער דאָך מיט באַגייסטערונג לערנען זיינע קינדער צו זיין שטאָלץ אויף דער אידישקייט און זיין אידישער תורה.

נאָר וואָס איז די פּעולה? פאַר דעם פרומען אידען איז דער טאָג פון מתן תורה אַ יום־טוב פון זינגען „אקדמות״, וואָס ער פאַרשטייט ניט, און פון זאָגען „תיקון שבועות״, פון וועלכען ער ווייסט ניט דעם באַטייט.

שבועות איז ביי אונז אַ יום־טוב פון עסען מילכיגס; אָבער וויניג אידען וועט איר געפינען, וועלכע זאָלען אַליין זיין באַגייסטערט פאַר אידישקייט און זאָלען לערנען זייערע קינדער די אידישע תורה און די אידישע מאָראַל, וואָס אַ באַקאַנטער חסידישער רבי האָט מצמצם געווען אין פינף ווערטער:

„בשמים ממעל ועל הארץ מתחת״, און דאָס מיינט, זאָגט דער רבי, אַז אין הימעלשע ענינים, דאָס הייסט, אין גייסטיגקייט, אין לערנען, זאָל אַ איד קוקען שטענדיג אַרויף, צו דעם העכערען פון זיך, און זאָל שטרעבען צו זיין געלערנט ווי דער גרויסער למדן.

אין ערדישע ענינים אָבער, אין מאַטעריעלען ערפאָלג, זאָל אַ איד קוקען שטענדיג אַרונטער, נידעריגער פון זיך; ער זאָל ניט מקנא זיין דעם רייכערן, ניט לויפען, ניט האָוען, ניט שווינדלען און ניט וועלען אַריינכאַפּען די וועלט.

אַזוי דאַרף לעבען דער אידישער מענש, דערציילט דער רבי, און דאָס איז דער תמצית פון דער אידישער תורה, וואָס מען קאָן

אַרויסנעמען, זאָגט ער, פון די עשרת הדברות.

און אין דעם גרויסען יום־טוב שבועות דאַרפען אידען לערנען צו ליבען זייער תורה; לערנען איר, און נאָך מער דאַרפען זיי פאַראינטערעסירען מיט איר זייערע קינדער, אַז זיי זאָלען וואַקסען מיט אַ זין פאַר אידישקייט.

אפשר וועלען גוט־דערצויגענע אידישע קינדער דורך דעם יום־טוב פון מתן תורה קומען צוריק צו דעם אַלטען אידישען יום־טוב פון שניט.

וואָס די מעשה פון רות דערציילט אונז

ווי אַזוי אַ אידישע פאַמיליע האָט גלעבט מיט קאַרגע דריי טויזענט יאָר צוריק.

ווילט איר, מיר זאָלען אייך דערציילען אַ שיינע אַלטע מעשה׳לע פון די לאַנג־פאַרגאַנגענע צייטען? טאָ הערט:

דאָס האָט פאַסירט מיט קאַרגע 3 טויזענט יאָר צוריק. אַ באַלעבאַטישער איד מיט׳ן נאָמען אלימלך האָט צוליב די שלעכטע צייטען געמוזט פאַרלאָזען זיין היים, זיינע באַקאַנטע און פאַרען זוכען דאָס שטיקעל ברויט אין אַ פרעמד לאַנד.

האָט ער גענומען זיין ווייב — נעמי האָט זי געהייסען — מיט זיינע צוויי זיהן און האָט עמיגרירט נאָך מואב.

משמעות, אַז קיינע אימיגראַציאָנס־געזעצען, ווי איצט אין אַמע־ריקע, האָבען זיי אין מואב ניט געהאַט. האָט די אידישע פאַמיליע דאַרטען זיך רוהיג באַזעצט און זיינען מסתמא געוואָרען, וואָס מען רופט גוטע „סיטיזענס“.

און עס האָט פּאַסירט, פּונקט ווי עס פּאַסירט היינט אָפט אין אַמעריקע.

בעת דער טאַטע איז געווען אינגאַנצען פאַרטאָן אין „אַ לע־בען מאַכען" און בעת די אַלטע מאַמע איז נאָך אַלץ געבליבען די היימישע גרינגע אידענע, האָבען די זיהן דערווייל זיך מואב׳יזירט, אסימילירט און חתונה געהאַט מיט מואב׳ערקעס, אַזוי ווי אַ סך פון אונזערע היינטיגע יונגעלייט ווערען אַמעריקאַניזירט און האָבען חתונה מיט אַמעריקאַנערקעס.

אַ סך יאָרען זיינען אַוועק, דאַן זיינען די מענער געשטאָרבען. די צוויי יונגע פרויען זיינען, פּונקט ווי זייער שוויגער, געבליבען אלמנות.

געוויס, די אַלטע פרוי איז קיינמאָל ניט געווען צופרידען מיט איר לעבען אין דעם פרעמדען לאַנד. זי האָט ניט פאַרטראָגען די אויפפירונג און עס האָט איר וויי געטאָן דאָס האַרץ פאַר אירע קינדער, וואָס האָבען חתונה געהאַט מיט גוי׳עס.

און דערפאַר, ווען זי איז איצט געבליבען גאַנץ עלענד, האָט זי באַשלאָסען, אַז זי מוז פאָרען צוריק אין דער אַלטער היים.

אַזעלכע אַלטע פּאַטערס, אַזעלכע אַלטע מוטערס, וואָס קאָנען קיינמאָל זיך ניט צופּאַסען צו דעם נייעם לעבען און ווילען פאָרען צוריק אין דער אַלטער היים, געפינט איר גענוג אויך היינט אין אַמעריקע.

מיר האָבען אָבער דאָ קיינמאָל ניט געהערט, אַז אַן אַמערי־קאַניש ווייבעל זאָל זיין אַזוי צוגעבונדען צו איר גרינער שוויגער, דאָס זי זאָל זיך פון איר גאַרניט וועלען שיידען.

וויזט אויס, אַז אַנדערש־וואו און מיט 3 טויזענט יאָר צוריק זיינען אַזעלכע זאַכען יאָ מעגליך געווען.

האָט די מואב׳ערקע רות ערקלערט איר שוויגער נעמי׳ן, אַז

זי וועט איר בשום אופן ניט איבערלאָזן אַליין. זי וועט טיילען מיט איר אַלע פריידען און ליידען און פאָרען מיט איר אפילו צום עק וועלט.

אַזוי איז נעמי, אַן אָרימע, אַן עלענדע אָנגעקומען מיט איר געוועזענער שנור צוריק אין דער אַלטער היים.

די מערסטע אַלטע פריינד און באַקאַנטע זיינען שוין געווען אויסגעשטאָרבען, די רייכע זיינען פאַראָרימט געוואָרען און די, וואָס האָבען זיך אָרויפגעאָרבעט זיינען איר געווען גאָר פרעמד.

מען האָט די אַלטע נעמי'ן קוים דערקענט, מען האָט זיך מיט איר ניט אינטערעסירט.

וואָס איז איר געבליבען צו טאָן? גיין בעטלען?

זי האָט יאָ געהאַט איין איינציגען ווייטען קרוב פון איר פאַר־שטאָרבענעם מאַנ'ס משפחה, וואָס וואָלט איר געקאָנט העלפען. ער איז געווען זעהר רייך, אַ גרויסער גוט־באַזיצער, בועז האָט ער געהייסען, דאָך איז זי געווען צו שטאָלץ צו בעטען ביי אים הילף.

נייך, זי וועט בעסער ליידען, איידער פאַרשוואַרצען איר פנים.

האָט אָבער פּאַסירט, דאָס די געטרייע שנור האָט צופעליג פאַרבלאָנדזשעט אויף דעם לאַנד פון דעם רייכען בועז. ער האָט איר דערזען, און זייענדיג אַליין אַן אלמן, האָט אים די בילד־שיינע 40־יעריגע פרוי שטאַרק פאַראינטערעסירט.

און ווען ער האָט מיט איר זיך פאַרבאַנדערגערעדט און ווען ער האָט ערפאָרען ווער זי איז און אַז ער געפעלט איר אויך, האָט ער צו איר געזאָגט:

„איך בין זעהר גליקליך, וואָס דו ביסט צופרידען צו זיין מיין וויב, כאָטש איך בין שוין ניט קיין יונגערמאַנטשיקעל. סיי ווי סיי וואָלט איך געמוזט זיין דיין באַשיצער צוליב מיין פאַרשטאָרבענעם פריינד אלימלך“.

און ענדע גוט, אַלעס גוט. בועז און רות האָבען חתונה גע־האַט, און צוזאַמען מיט דער אַלטער, פיל־געפּלאָגטער נעמי האָבען זיי געלעבט אין עושר און אין כבוד און געבראַכט אויף דער וועלט קינדער, מיט וועלכע גאָט און לייט האָבען זיך געבענשט, דען פון זיי האָט אָפּגעשטאַמט דוד המלך.

ווי איר זעט, האָבען מיר דאָ איבערגעגעבען די אַלטע מעשה׳לע, וואָס איז דער אינהאַלט פון מגילת רות, וואָס אידען לייענען שבועות אין זייערע שוהלען.

פאַרוואָס מען לייענט די דאָזיגע געשיכטע פון רות דוקא אום שבועות — צי איז דאָס דערפאַר, ווייל די געשיכטע האָט פּאַסירט אין דער צייט פון תבואה־שניט, וואָס עס פאַלט אויס שבועות, צי דערפאַר, ווייל אין דעם טאָג ווען די אידען האָבען די תורה גע־קראָגען האָט רות זיך מגייר געווען, לויט ווי די תלמודיסטען דער־ציילען, דאָס איז אין אמת׳ן פאַר אונז ניט וויכטיג.

וואָס אונז אינטערעסירט אין מגילת רות איז דאָס לעבען, דאָס ריינע אידישע לעבען, וואָס אידען האָבען געפירט אין יענע אַלטע צייטען.

פאַרגלייכט, אדרבה, יענעם לעבען פון אַמאָל צו דעם היינ־טיגען אידישען לעבען.

די מענשליכע שיקזאַלען זיינען אַלע מאָל די זעלבע. פּונקט ווי היינט זיינען די מענשען אויך אַמאָל צוליב זייערע אומשטענדען געטריבען געוואָרען פון אָרט צו אָרט. אויך דעמאָלט זיינען זיי באַפאַלען געוואָרען פון אומגליקען און פאַמיליעס זיינען צעריסען געוואָרען און יעדער האָט זיך אַרומגעטראָגען מיט זיינע זאָרג און מיט זיינע וויטאָגען.

די צופאַלען, צו וועלכע די מענשען זיינען אונטערוואָרפען,

זיינען אַלע מאָל די זעלבע און זייערע פריידען און ליידען זיינען דעמאָלט געווען ניט אַנדערש, ווי זיי זיינען היינט.

אָבער דעמאָלט האָט אַ וויטער קרוב געהאַלטען פאַר זיין חוב צו פאַרזאָרגען אַן אָרימע קרובה, אַן אלמנה. דעמאָלט האָט זיך גע־פונען אַ פרוי, וואָס איז געבליבען געטריי דעם אָנדענקען פון איר פאַרשטאָרבענעם מאַן, אַזש זי האָט ניט געוואָלט אַרויס פון דער משפחה. דעמאָלט האָט זיך געפונען אַ שנור, וואָס האָט איר אַל־טער, אָרימער שוויגער ניט געוואָלט איבערלאָזען אַליין און עלענד.

און אַט פאַרוואָס מגילת רות איז איינע פון די שענסטע פון אַלע הייליגע שריפטען.

ווייל עס שילדערט דעם ריינעם לעבען פון אַ אידישער פאַ־מיליע מיט אַלע אירע בעסערע און אידעלערע מענשליכע געפילען.

אין די „זיבען וואָכען" פון טרייסט

מ׳רופט זיי „שבע דנחמתא". — דער אידישער אָפּטימיזם.

אַזוי גוט און אַזוי וואויל איז דעם מענשען, וואָס קוקט אויף דער וועלט מיט ליכטיגע אויגען און נעמט זיך ניט צום האַר־צען די געשעהענישען פון לעבען, וועלכע ער איז סיי ווי סיי ניט בכוח צו קאָנטראָלירען.

אַזאַ גליקליכער מענש איז אַוודאי דער לערער פון גמרא, וועל־כער האָט פאַרגליכען דאָס לעבען צו אַ חתונה־אַפּעיר אָדער, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט מיט זיין לשון: „עלמא לבי הילולא דמיא", די מענשען, הייסט עס, קומען אויף דער וועלט ווי חשוב׳ע געסט צו עסען, טרינקען, הוליען און הנאה צו האָבען, אָבער ניט

אַרומצוגיין מיט אַ זויער פּנים און מיט פינצטערע, אומעטיגע געדאַנקען.

ווי מען זעט, האָט דער אַלטער אידישער חכם געלערענט דעם ריינעם אָפּטימיזם. אַזוי אומגעפער האָבען אויך פאַרשטאַנען פיל גרויסע חכמים ביי די אומות העולם, זינט דעם אַלטען סאָקראַטעס ביז צום גרויסען מאָדערנעם אָפּטימיסט לייבניץ. זיי גייען אַלע אַרויס פון דעם שטאַנדפּונקט, אַז אויף דער וועלט איז פאַראַן אַ סך מער גוטס ווי שלעכטס און אַז סוף־כל־סוף וועט דאָס גוטע טריאומפירען און פאַרטיליגען אַלע איבלען.

וואָרום אַזוי, מיינען זיי, איז די טבע פון מענשליכען פּראָגרעס: ער גייט נישט, נאָר ער קריכט זעהר לאַנגזאַם, און אַמאָל פאַרקריכט ער גאָר אין אַ זייט און מאַכט אַ טריט אויף ריקווערטס. מ׳דאַרף אָבער ניט באַלד פאַרצווייפלען און נישט ווערע פּעסימיסטיש, ווייל אין דעם לעצטען סך־הכל מאַכען פאָרט די מענשען פאָרטשריט.

און עס איז ווי דער פּסוק זאָגט: „חבי כמעט רגע עד יעבור זעם״ — מען דאַרף זיין געדולדיג און איבערוואַרטען ביז דאָס שלעכטס וועט פאַרשווינדען, מען זאָל אָבער ניט פאַרלירען דעם מוט און ניט ווערען מרה־שחורה׳דיג; אַ מענש דאַרף זיין מונטער, שטענדיג זיין אַן אָפּטימיסט.

און אין דעם פּרט זיינען אידען דאָס קלאַסיש פאָלק פון אָפּטימיזם. וואָרים ווער נאָך האָט פאַר די לאַנגע יאָרהונדערטער געליטען אַזוי פיל פון אַלערליי גזירות און רדיפות ווי דער איד, וועלכער האָט פונדעסטוועגען אַלעמאָל אויפגעהאַלטען זיין מוט און שטענדיג געפונען פאַר זיך אַ טרייסט.

די היינטיגע „שבע דנחמתא״ באַווייזען עס.

שבע דנחמתא מיינט „די זיבען וואָכען פון טרייסט״, און וועגען

דעם באַדייט פון אַט די טרייסט־וואָכן דערציילן די פרומע ספרים אַזוי:

די צוויי שוידערליכע חורבנות, וואָס אידען באַוויינען אין תשעה באב, האָבן אַזוי שטאַרק דערשיטערט די אידישע אומה, אַז די אַלטע לערער האָבן מורא געהאַט, אַז דאָס פאָלק וועט אַריינפאַלען אין אַ טיפען יאוש און פאַרלירען דעם בטחון אין דער גאולה. האָבן די דערפאַר מתקן געווען, אַז אין די זיבען וואָכען צווישען תשעה באב און ראש השנה זאָלען אידען אַלע שבת לייענען קאַפּיטלעך טרייסט־געדאַנקען פון דעם נביא, יעדען שבת אַן אַנדער טרייסט־קאַפּיטעל.

לייענט דער איד ביז היינטיגען טאָג אין די שבע דנחמתא די באַגייסטערטע טרייסט־ווערטער פון'ם נביא, וועלכער ווערט גאָר ניט אָפּהענגיג פון די אידישע צרות, וואָס ער זעט אַרום זיך, נאָר ער איז פול מיט בטחון אויף הערליכער צוקונפט פאַר זיין אידיש פאָלק, ווי דאָס האָט שפּעטער דערקלערט דער גרויסער לערער רבי עקיבא.

רבי עקיבא מיט זיינע חברים, דערציילט די גמרא, זיינען אַמאָל געגאַנגען פאַרביי דעם פּלאַץ, וואו עס איז פריער געשטאַנען דער בית המקדש. דאָס איז געווען קורץ נאָך דעם שרעקליכען חורבן דורך די רוימער, און אומעטום זיינען נאָך געווען פריש די סימנים פון מורא'דיגער פאַרוויסטונג: פון דעם פּרעכטיגען טעמפּעל־בנין איז פאַרבליבען נאָר אַ באַרג פון שוואַרץ־פאַררויכערטע ציגעל און שטיינער און די געגענט אינגאַנצען פאַרווילדערט, אַז פוקסען זיינען דאָ אַרומגעשפּרונגען.

האָבן די חברים, דערציילט ווייטער די גמרא, געוויינט איבער דעם גרויסען אידישען אומגליק, נאָר רבי עקיבא האָט געלאַכט.

— עקיבא, ביזטו אַראָפּ פון זינען? — האָבן די חברים מיט

צער און צאָרן געשטורעמט קעגען אים, — דער בית המקדש איז חרב ומוחרב, דאָס לאַנד איז פאַרוויסט און דו לאַכסט ?!

— וואָס אַרעם מיך די ציגעל און די שטיינער פון דעם הייליגען בנין, — אַזוי אומגעפער האָט עקיבא געענטפערט, — און וואָס גייט מיר אָן דאָס פאַרוויסטע לאַנד, אַבי דאָס אידישע פאָלק לעבט, און אַ לעבעדיג אידיש פאָלק וועט שוין צוריק אָפּבויען זיינע חורבות און זיך פאַנאַנדערבליען נאָך שענער און שטאַרקער ווי פריער.

דאָס איז דער אידישער אָפּטימיזם, וואָס האָט ניט פאַרלאָזען דעם אַלטען לערער אפילו אין דער צייט פון חורבן און עלענד. דער ליכטיגער קוק אויף דעם לעבען פון דעם נביא, וועלכער האָט געמאָלען פאַר אידען אַ שיין צוקונפט-בילד און זיי אויפגעמונטערט מיט זיינע טרייסט-ווערטער, וואָס קלינגען אָפּ ווי אַן עכאָ פון דער וויטער וויטקייט אין די טרייסט-וואָכען פון נאָך תשעה באב.

און אויב איר ווילט, איז דאָס אפשר גאָר ניט קיין צופאַל, וואָס לויט ווי די צייטונגען באַריכטען און ווי אַלע סימנים באַווייזען, קאָן מען דערוואַרטען היטלער׳ס שוואַרצע מפלה טאַקע אין די שבע דנחמתא, אין די וואָכען פון׳ם נביא׳ס טרייסט-וואָרט, וואָס וואָלט אוודאי זיין דער שענסטער טרייסט ניט פאַר אידען אַליין, נאָר אויך פאַר דער גאַנצער וועלט.

אַזוי האָט אַ גרויסע ענגלישע צייטונג אַנומעלט געדרוקט אַ בריוו פון אַ לייענער, וועלכער באַווייזט מיט רמזים און גימטריאות, אַז פונקט דעם זיבעטען טאָג פון דעם חודש סעפּטעמבער וועט נאַצידייטשלאַנד צוזאַמענברעכען און עס וועט נעמען אַ סוף צו דער בלוטיגער מלחמה. און זאָל אפילו זיין, אַז די גליקליכע שעה וועט קומען אַביסעל שפּעטער, אָבער קומען מוז זי דאָך, ווען די נאַצישע מערדער-באַנדע וועט אויסגעראָטען ווערען. און דאָס באַווייזט, אַז

עס איז גאר ניט קיין פוסטער חלום, ווען דער נביא רופט אין איינעם פון זיינע טרייסט־קאפיטלעך אפטימיסטיש:

„כי הנה החשך יכסה ארץ וערפל לאומים ועליך יזרח ה׳ וכבודו עליך יראה”, און דאס מיינט, אויף אונזער אויסטייטש: די פינצ־טערניש פון אומוויסענקייט באדעקט נאך די וועלט און דער נעפעל פון אומטאלעראנץ און אידענהאס, וואס די היטלעריסטען האבען יארענלאנג נאך מער פארשפרייט, האלט איינגעהילט די פעלקער, אבער די זון פון גליק וועט אויף אידען אנהויבען שיינען, אז די אומות וועלען לערנען זיי צו רעספעקטירען.

און ווען רבי עקיבא, דער גרויסער אפטימיסט, וואלט היינט געלעבט, וואלט ער מסתמא געזאגט דעם געדאנק: אז אונזערע מי־ליאנען מארטירער, וועלכע זיינען אומגעקומען על קידוש השם פון די נאצישע מערדער, מוז אויפמונטערען דעם יתר הפליטה פון דעם אידישען פאלק צוריק אפצובויען דאס חרוב אידיש לעבען, צו פאר־שטארקען אידישקייט און צו אנטוויקלען אלץ, וואס איז אידיש שיין.

ווארים אידען וועלען נאך האבען א גלענצענדע צוקונפט, — טרייסט דער נביא זיין פאלק אין די שבע דנחמתא . . .

וועגען דעם באדייט פון שבת נחמו

אויב מען קאן אן אומגליקליכען ניט העלפען, זאל מען אים כאטש טרייסטען. — א געשיכטע פון מדרש.

דער רוימישער קיסר אדריינוס, ווי די אידישע געשיכטע מאלט אים, איז געווארען דער גרויזאמסטער אידען־פיינד פון זיין צייט; פונדעסטוועגען פלעגט ער אפט דעבאטירען איבער אידישע

און אַלגעמיינע פראַגען מיט דעם אידישען געלערענטען ר׳ יהושע בן חנניא.

איינמאל — אזוי דערציילט דער מדרש — פרעגט דער קיסר דעם אידען: „דו רעדסט אזוי פיל וועגען דעם וואונדערבאַרען לעבען אין דער צוקונפט, וואס וועט זיין גאר אנדערש ווי היינט; אבער פון וואנען וועט דער מענש ארויסוואקסען?״

און ר׳ יהושע ענטפערט אים: „מלוז של שדרה״.

דאס מיינט פון א געוויסען קנעכל אין דעם רוקענביין, וואס ווערט קיינמאל ניט צעפאלען.

האט דער קיסר דעם געלערענטען ניט געגלויבט, און אליין געוואלט פּרובירען די שטאַרקייט פון יענעם קנעכעל. ער האט עס אריינגעלייגט אויף א לענגערער צייט אין וואסער, אבער עס איז ניט צעווייקט געווארען; אריינגעווארפען אין פייער, און עס איז ניט פארברענט געווארען. דאן האט ער עס געוואלט כאטש צע־פיצלען אויף דער קאוואדלע אונטער די קלעפ פון א שווערען האַ־מער, אבער אי די קאוואדלע אי דער האמער זיינען צעשמעטערט געווארען, דאס קנעכעל איז געבליבען גאנץ.

און דער קיסר האט דעמאלט זיך איבערצייגט, אז דער אידי־שער געלערנטער האט רעכט.

אזוי וויט גייט די געשיכטע אין מדרש, וואס איז, ווי יעדער פארשטייט, נאר א משל. אידען האבען דעמאלט מורא געהאט צו ריידען אפען איבער די אנגעווייטאגטע אידישע פראגען, האבען זיי געשריבען סימבאליסטיש, פארשלייערט און פארשטעלט; אבער דער אמת׳ער זין פון דער געשיכטע, ווי די געלערענטע ערקלערען, איז גאר אן אנדערער:

נאכדעם ווי אדריינוס האט חרוב געמאכט ביתר, פארפלייצט דאס אידישע לאנד מיט בלוט, אפגעמעקט דעם נאמען ירושלים און

שיער אויסגעראַט דעם אידישען פאָלק, האָט ער לאַכענדיג געפרעגט דעם אידישען געלערנטען:

— פון וואַנען וועט דער מענש, דאָס מיינט, דאָס אידישע פאָלק, אין דער צוקונפט אויסוואַקסען, אַז איך האָב פון אים שיער קיין געדעכעניש ניט איבערגעלאָזען? פון וואַנען וועלען זיך נעמען אי־דען, ווען איך האָב זיי כמעט אינגאַנצען אויסגעראָט?

— דו קאָנסט דאָס אידישע פאָלק ניט אויסראָטען, — ענט־פערט אים ר׳ יהושע, — ווייל אידען האָבען אַ שטאַרקען רוקענביין און באַזיצען אַ זעלטענע עקשנות, וואָס דו וועסט קיינמאָל ניט קאָנען צעברעכען, און אידען וועלען אַלעמאָל בלייבען אידען.

— דו זעסט דאָך, דו האָסט טויזענטער און צענדליגער טויזענ־טער אידען פאַרברענט, דערטרונקען, געטויט מיט אַלע מיתות משונות, און זיי לעבען דאָך פאָרט. דו האָסט זיי געוואָלט צעברעק־לען, צעשפּרייטען זיי אין גלות, וואו די וועלט האָט אַן עק, כדי זיי צו פאַרטיליגען, אָבער הער מיין וואָרט: די קאָוואַדלע מיט׳ן האַמער, דאָס מיינט די פעלקער וועלכע שלאָגען אידען, וועלען אַליין צעשפּאַלטען ווערען און אונטערגיין; דער לוז של שדרה, דאָס אידיש פאָלק, וועט בלייבען גאַנץ, ביי זיין אידישקייט און ביי זיינע אידישע האָפענונגען. עס וועט ניט אונטערגיין.

אַזוי פאַרטייטשען די געלערנטע יענע געשיכטע פון מדרש, און עס לאָזט זיך שיקען: וואָרים מיט הונדערטער יאָרען פריער האָט דער נביא געזאָגט כמעט מיט די זעלבע ווערטער:

„כי תעבור במים אתך אני ונהרות לא ישתפוך. כי תלך במו אש לא תכוה ולהבה לא תבער בך . . . אל תירא כי אתך אני“.

און דאָס מיינט: וואַרפט מען דיך אין וואַסער, בין איך מיט דיר און די שטראָמען וועלען דיך ניט פאַרשווינקען; שיקט מען דיך אין פייער, וועסטו ניט פאַרברענט ווערען און די פלאַמען וועלען

דיך ניט פאַרצערען. האָב נאָר קיין מורא ניט, איך בין מיט דיר . . .

אַט דעם מערקווירדיגען מוט און דעם זעלטענעם קוואַל פון אידישע האָפענונגען געפינט מען אויך ביי דעם נביא ירמיהו המקונן פון תשעה באב, ווען ער איז געשטאַנען אין מיטען פון דעם חורבן מיט דעם שוידערליכען עלענד אַרום זיך און האָט געקלאָגט זיינע איכות, האָט ער פונדעסטוועגען געפונען אַ וואָרט פון טרייסט:

„כי לא יזנח לעולם ה׳“ — בישקשה, גאָט וועט אויף אייביג ניט פאַרלאָזען. עס וועלען נאָך אָנקומען אַנדערע, בעסערע צייטען. און אפשר האָט ר׳ יהושע בן חנניא טאָקע געמיינט, אַז דער סוד פון דעם אייביגען אידישען קיום ליגט נאָר אין דעם, וואָס אפילו אין זיינע ערגסטע צייטען פאַרלירט ניט דאָס אידישע פאָלק זיין מוט און האָפענונג. זיי זיינען זיין לוז של שדרה, וואָס לאָזט אים ניט אומברענגען דורך פייער און דורך וואַסער.

איז ער, דער געלערנטער, געוואָרען דער אידישער טרייסטער „בפולמוס של אדרינוס“ — אין דער אומגליקליכער צייט פון יענעם רוימישען טיראַן — ווי דער נביא ירמיה האָט געטרייסט זיין אומ־גליקליכען פאָלק אין דעם ערשטען חורבן.

און לייענט איר אויפמערקזאַם די אידישע געשיכטע געפינט איר, אַז אין יעדען נאַציאָנאַלען אומגליק, וואָס איז באַפאַלען די אידישע אומה, האָבען זיך געפונען לערער, וועגווייזער, פריינד פון פאָלק, וואָס האָבען געטרייסט, געמונטערט, געשטאַרקט אין דעם אידען זיין מוט און אויפגעלעבט אין אים די האָפענונג, וואָס ער האָט אַנגעהויבען פאַרלירען דורך די צרות.

וואָרים דאָס איז דאָך אויך דער באַדייט פון שבת נחמו, ווי מען רופט דעם היינטיגען שבת, און וואָס קומט באַלד נאָך תשעה־באב. עס באַדייט, אַז אין יעדער צרה, וואָס אידען טראָגען איבער אין זייער לאַנגען גלות, דאַרפען זיין טרייסטער. ניט אומזיסט זאָגט

אן אַלטער אידישער חכם:

„פורענות ונחמה סמוכין בדבור אחד" — דאָס מיינט, אַז נאָך יעדער פורעניות זאָל מען געפינען אַ טרייסט. עס מוז זיין אַ טרייס־טער, וואָס זאָל אויפהאַלטען דעם מוט ביי די געשטראָפטע, ער מוז איינפליסען האָפענונג אין די אומגליקליכע מענשען, אַז זיי זאָלען געדולדיג אַריבערטראָגען די שלעכטע צייט.

דער רוימישער דיכטער האָראַץ און זייערע אַנדערע געלערנטע האָבען גערעדט דוקא מיט פאַרצווייפלונג וועגען דעם מענשליכען גורל. איינמאָל איז אַ מענש אַ שלימזל, מיינען זיי, מוז ער אונ־טערגיין, און דאָס זיינען געווען די רוימער, וועלכע האָבען גע־שאַפען דעם שפּריכוואָרט: „די צייטען בייטען זיך און מיר מיט זיי".

די אידישע נביאים און דענקער האָבען אָבער געלערענט, אַז דאָס אידישע פאָלק בייט זיך ניט און קאָן ניט אונטערגיין. אידען שטייען איבער דער צייט, אויף אידען האָט ניט די צייט קיין שליטה און זיי דאַרפען זיך טרייסטען, אַז זיי האָבען שוין איבערגעטראָגען אַ סך ביטערע צייטען.

לעבען איצט אידען אין גאָר אַ ביטערער צייט, אפשר אין דער ביטערסטער צייט פון זייער געשיכטע, ווארים אפילו אין זייער גרעסטען חורבן איז פאַר אַ אידען געווען אָפען די וועלט און ער האָט געקאָנט זוכען שוץ אין דער פרעמד. היינט האָט אַ איד פון פוילען צי פון דייטשלאַנד אפילו ניט וואו צו לויפען. אַלע טירען זיינען פאַרשפּאַרט, און אין דער היים פאַגראָמען און בלוטיגע גזירות, און די כלומר׳שט ליבעראַלע רעגירונגען קוקען און שווייגען.

זיינען דאָ ביי אונז קריטיקער, מאַנער און שטראָפער מיט טענות צו די געפּלאָגטע אידען, אָבער די אומגליקליכע נויטיגען זיך אין ממשות׳דיגער הילף, און אויב מען קאָן זיי ניט העלפען, טאָ זאָל מען זיי כאָטש טרייסטען, דערמונטערען, שטאַרקען אין זיי די האָפע־

נוגג אויף בעסערע צייטען, און ווי דער אַלטער נביא רופען צו זיי:
„נחמו, נחמו, עמי!"

אונזער האָפנונג און דערלייזונג

אַ תשעה־באָב׳דיגע לעגענדע פון מדרש. — דער איד, וואָס איז געוואָרען אַנטוישט אין אידישקייט.

און אַז עס קומט תשעה־באב, דער טאָג פון „איכה" און טרויער אויף די גרויסע אידישע חורבנות, איז נויטיג, אַז אַ איד זאָל זיך דערמאָנען אויך אויף דער באַקאַנטער אַלטער לעגענדע פון מדרש, וואָס דערציילט זיך אַזוי:

„עס איז די געשיכטע פון אַ מענשען, וועלכער האָט געאַקערט זיין אַקער־לאַנד, האָט איינער פון די אָקסען געמוקעט. גייט פאַרביי אַן אראַבער און פרעגט דעם אַקערער:

— ווער ביזטו?

— אַ איד בין איך, — זאָגט יענער.

— טאָ לאָז לויז דיינע אָקסען און וואַרף אַוועק דעם געשפאַן, — זאָגט צו אים דער אַראַבער, — דער בית־המקדש איז חרוב געוואָרען.

זאָגט צו אים דער איד:

— פון וואַנען ווייסטו עס?

— פון דעם אָקס׳ מוקען.

אַזוי רעדענדיג האָט דער אָקס ווידער אַ מוקע געטאָן. זאָגט דער אַראַבער:

— איד, בינד אָן דעם אָקס און נעם זיך ווידער צו דיין געשפאַן,

ווארים דער אידישער דערלייזער איז געבוירען געווארען.

— און ווי איז זיין נאמען און זיין פאטער׳ס נאמען און דער נאמען פון זיין געבורטס־ארט, וואס איך וויל וויסען? — פרעגט דער איד.

— זיין נאמען איז מנחם, זיין פאטער׳ס נאמען איז חזקיה, און זיין געבורטס־ארט איז בירת ערבא, אין בית לחם יהודה.

האט דער איד דער אקערער פארקויפט זיינע אקסען מיט דעם געשפאן, געקויפט וויקעל־שניר צו וויקלען קינדער, און געווארען א קרעמער, וואס האט ארומגעוואנדערט איבער שטעט און דערפער. ער איז געגאנגען, דער אידישער קרעמער, פון שטאט צו שטאט, פון מדינה צו מדינה, ביז ער האט דערגרייכט צום יענעם פלאץ, און האט אויסגערופען זיין סחורה. האבען אלע ווייבער זיך ארומ־געקליבען ארום אים צו קויפען וויקעלעך פאר זייערע קינדער, נאר מנחמ׳ס מאמע האט גארנישט ניט געקויפט. פרעגט איר דער קרעמער:

— און פארוואס קויפסטו גארנישט?

— אין א בייזער שעה איז מיין קינד געקומען אויף דער וועלט, — ענטפערט די מאמע מיט א זיפץ; ער איז געבוירען געווארען אין דעם טאג, ווען דער בית־המקדש איז חרב געווארען.

— לאמיר זיך פארלאזען אויפ׳ן רבונו של עולם, — טרייסט איר דער קרעמער, — אז פונקט ווי ביים קינד׳ס געבורט איז דער בית־המקדש חרב געווארען, וועט ער צוליב דעם קינד ווידער גע־בויט ווערען. נעם די וויקעלעך פאר׳ן קינד, באצאלען וועסטו מיר שפעטער.

אין עטליכע טעג ארום קומט דער קרעמער אין דעם הויז פון דער פרוי. ער האט געוואלט זען דאס קינד, ווייל עס איז בא־שערט צו ווערען דער אידישער דערלייזער. פרעגט ער אויף זיין

געזונט, און די מוטער ענטפערט:

— שוין זשע האָב איך דיר ניט געזאָגט, אַז מיין קינד איז געבוירען געוואָרען אין אַ ביזער שעה? ווינטען און שטורעמס האָבען אים אויפגעכאַפּט און אַוועקגעטראָגען פון מיר.

און דער קרעמער חזר'ט־איבער זיין פריערדיגע טרייסט:

— לאָמיר האָפען אויף גאָט, אַז אַזוי ווי פאַר'ן קינד איז דער בית־המקדש חרב געוואָרען, וועט ער פאַר אים ווידער אויפגעבויט ווערען.

לאָמיר האָפען — און דערווייל זיינען אַוועק קאַרגע צוויי טויזענט יאָר, און איבער גאָר דער וועלט זיינען מיר פאַרשפּרייט, און אויף אונזערע דאַרע פּלייצעס האָבען מיר שוין אַריבערגעטראָגען אינקוויזיציעס, שוואַרצע מגפות, קרייצצוגען, היטלערס און כל'ערליי פורעניות.

אָבער מיר האָפען, ווייל אין דער אידישער האָפענונג ליגט דער סוד פון דער אידישער עקזיסטענץ.

מען דערציילט וועגען נאַפּאָלעאָנ'ען, אַז ער פלעגט זאָגען, אַז קיין מענש קאָן ניט זיין קיין פאָלקס־פירער, סיידען ער פאַרשטייט אויפצוהאַלטען אין די מענשען די האָפענונג. דער גרויסער פירער, פלעגט נאַפּאָלעאָן זאָגען, פאַרקויפט די צוקונפט, ער איז אַ סוחר פון האָפענונג.

און נאַפּאָלעאָן איז דאָך גערעכט געווען.

וואָרים וואָס גיבען די פירער, די דיקטאַטאָרען פון היינט, זייערע מענשען מער ווי האָפענונג?

זייערע פעלקער זיינען פאַראָרימט און מוטלאָז, די מענשען הונגערען, גייען אָרום נאַקעט און באָרוועס און יעדע פרייהייט איז פון זיי אַוועקגערויבט, אָבער מען דערציילט זיי פון צוקונפטיגע

גליקען, די פירער פארקויפען זיי האפענונג. און די מענשען פילען זיך גליקליך.

עס זיינען פאראן אויך פארקויפער פון אנטוישונג און פאר־צווייפלונג, אויב מען קאן זיי אזוי רופען. דאס זיינען מענשען, וואס האבען שטענדיג טענות צו אלץ און צו אלעמען. די וועלט איז דורכאויס פארדארבען; די מענער זיינען בארבארען, די פרויען זיינען שלעכטס, דאס לעבען איז דעם לעבען ניט ווערט.

קורץ, מענשען מרה־שחורה'ניקעס, פעסימיסטען, וועלכע קוקען אויף אלץ פון דער שלעכטער זייט; אבער דער פעסימיסט האט נאך קיינמאל גארנישט געשאפען; אנטוישונג און פארצווייפלונג צעשטערען, זיי בויען נישט.

און ערגער פון אלץ איז, ווען א מענש ווערט אנטוישט אין זיין אייגען פאלק און פארצווייפעלט אין זיין עקזיסטענץ.

מיט א דרייסיג יאר צוריק האט א פראמינענטער איד פון אונ־זער אידישען קווארטאל, אן אינטעליגענט פון די אלטע היימישע משכילים, געזאגט צו דעם שרייבער, אז ער לערענט ניט זיינע קינ־דער קיין אידיש, ווארים צו וואס זאל ער זיי מאטערען? און צו וואס זאלען פארלירען צייט?

— איר וועט זען — האט ער געזאגט עס וועלען ניט אוועק קיין צוויי צענדליג יאר, און אויב די אימיגראציע, ווי מען רעדט, וועט טאקע אפגעשטעלט ווערען, וועט אייער אידיש און די גאנצע אידישקייט מוזען אונטערגיין.

און ער האט זיין מיינונג פרובירט באקרעפטיגען מיט כל־ערליי היסטארישע באווייזען.

אזוי האבען, מסתמא, אין זייער צייט, גערעדט אויך די גראץ־משפחה פון פילאדעלפיע, די דייוויד ליווי־משפחה פון פלארידא

און פיל אַנדערע, וואָס זיינען באַגאַנגען נאַציאָנאַלען זעלבסטמאָרד און געוואָרען פאַרזונקען אין אַסימילאַציע.

נאָר מיט אונזער פריינד, וועלכער איז טויט זינט אַכט יאָר, האָט דער גורל געשפּילט אַ קאָמעדיע. וואָרים ניט נאָר האָט ער שפּעטער געמוזט מודה זיין, אַז אַנשטאָט אונטערצוגיין, ווי ער האָט נביאות געזאָגט, ווערט גאָר די אידישקייט אין אַמעריקע שטאַר־קער, און די אידישע שפּראַך נאָך מער געליינט און פאַרשפּרייט. נאָר ער האָט נאָך געמוזט צוזען, אַז זיינע צווי זין, וועלכע ער האָט געוואָלט אַוועקרייסען פון אידען און ניט געלערענט זיי קיין אידיש, זיינען געוואָרען פירער פון אידישע אָרגאַניזאַציעס און הייסע פריינד פון אידישער קולטור.

אַ באַקאַנטער געלערענטער האָט אַמאָל געזאָגט, אַז ווער עס גאַרט נאָך גרויסע מעשים מוז האָפען און האָבען אַ געפיל, אַז ער וועט קיינמאָל ניט שטאַרבען. זיינען אידען אין זייער טרויער־טאָג, אמת, צו קיין גרויסע מעשים ניט גרייט; אָבער פון אַלע תשעה־באָב׳דיגע לעגענדעס איז זיכער די שענסטע יענע לעגענדע פון אידישע האָפענונגען און אידישער דערלייזונג.

שמיני עצרת — אַ טאָג פון אָפּהאַלטען זיך

ווי אַזוי די אידישע געלערנטע דערקלערען דעם יום־טוב. — דער פוקס און דער האָן.

עס איז אַ גרויסע צרה ווען אַ פוקס ווערט אַ מאָראַל־לע־רער און חטאים־זוכער. די אַלטע פאַבעל־שרייבער האָבען שוין וועגען דעם אַ מעשה׳לע, וואָס דערציילט זיך אַזוי:

אַ כיטרער פוקס איז באַפאַלען אַ האָן, פון וועלכען ער האָט געוואָלט מאַכען אַ געשמאַקע סעודה, און כדי צו רעכטפאַרטיגען פאַר דער וועלט זיין רציחה האָט ער דעם אָרימען האָן אויסגערעכענט אַ גאַנצען צעטעל מיט זינד.

סיי ווי לײדט דאָך דער האָן פאַר אַלעמענס זינד. ער מוז דאָך אויך יעדען ערב יום־כיפור נעמען אויף זיך אַלע אידישע זינד פון אַ גאַנץ יאָר.

— דו ביסט אַן אויסוואורף און אַ טויגעניכטס, — האָט אויך דער פוקס געשטורעמט געגען דעם אָרימען עוף, — דו גיסט ניט קיין רו די מענשען, וועמעס ברויט דו עסט; שוין פאַרטאָג קרעהעסטו און וועקסט זיי פון שלאָף, דאָס איז דאָך אַ גרויסער פאַרברעכען, פאַר וועלכען דו פאַרדינסט דעם טויט.

— אָבער, מיין האַר, — פאַרטיידיגט זיך דער האָן, — מיט מיין קרעהען ברענג איך זיי דאָך נוצען, איך לאָז זיי ניט פוילענצען, נאָר איך רוף זיי צו דער אַרבעט, וואָס איז אַ מזל־ברכה פאַר די מענשען.

— דו ברענגסט נוצען? — האָט דער פוקס געלאַכט, — דו ביסט דאָך אַ פאַראַזיט און אַ לא־יוצלח און מאַכסט גאָר די מענשען טראַבעל. ערשט נעכטען האָט דיין באַלעבאָסטע אויסגעקערט און ריין געמאַכט דאָס הויז, האָסטו מיט דיינע פיסלאַך פאַנאַנדערגע־שאַרט דאָס בערגעל מיסט אַזוי, אַז די אָרימע פרוי האָט פון דאָס ניי געמוזט אַרבעטען.

— דאָס איז אמת, — האָט דער האָן זיך מודה געווען, — אָבער פרעג מיין באַלעבאָסטע, וועט זי דיר זאָגען, אַז זי האָט מיר צו פאַרדאַנקען, וואָס זי האָט אין דעם בערגעל מיסט געפונען איר דימענטענעם רינג, וואָס זי האָט לאַנג צוריק פאַרלאָרען.

— וואָס טויגען מיר אַלע דיינע תירוצים, — האָט דער פוקס

אויסגערופען, — איך בין הונגעריג נאָך דיין פלייש און דאָרשטיג נאָך דיין בלוט.

און אַזוי האָט דאָס אָרימע עוף פאַרלאָרען דאָס לעבען, צו מיט זינד, צו אָהן זינד.

און אויף דער דאָזיגער פאַבעל דערמאָנען אונז די אַלטע אי־דישע געלערנטע, ווען זיי רעדען איבער דעם יום־טוב — שמיני עצרת.

טאַקע, וואָס פאַר אַ יום־טוב איז שמיני עצרת? אין סוכה זיצט מען ניט, קיין אושפיזין זינגט מען ניט און קיין סוכות'דיגען מחזור זאָגט מען ניט; גאָר אַ באַזונדערער יום־טוב איז שמיני־עצרת. אָבער פאָרט, וואָס איז דער זין פון דעם היינטיגען יום־טוב?

און די אַלטע פרומע ספרים דערקלערען עס אומגעפער אַזוי:

די אַלע זיבען טעג פון סוכות זיינען געווען, אַזוי־צו־זאָגען, אַן אינטערנאַציאָנאַלער יום־טוב; וואָרים אידען האָבען געבעטען צו גאָט ניט פאַר זיך אַליין, נאָר פאַר אַלע מענשען, און דערפאַר האָבען זיי אין די סוכות'דיגע טעג געבראַכט קרבנות זיבעציג אָקסען — פאַר אַלע זיבעציג אומות.

אָבער אידען האָבען זיך ניט באַקלאָגט פאַרוואָס זיי ברענגען אַזוי פיל קרבנות פאַר אַלע זיבעציג אומות, ווייל ביי אונז גלויבט מען, אַז מענשען קאָנען ניט זיין גליקליך, ווען אַנדערע זיינען אומ־גליקליך, און אַן אמת'ער „זמן שמחתנו“ איז נאָר מעגליך ווען די שמחה איז אַן אַלגעמיין־מענשליכע.

און זינט יענע זיבעציג אָקסען פון בית־המקדש ביז אויף היינ־טיגען טאָג ברענגען אידען שטענדיג קרבנות פאַר דעם גליק און וואוילשטאַנד פון די פעלקער. זיי האָבען געבראַכט זייערע קרבנות, די אידען, אויף אַלע שלאַכטפעלדער אין די גרויסע וועלט־מלחמות, וואָס ניט זיי האָבען אַרויסגערופען; זיי האָבען געבראַכט קרבנות

אויף אַלע געביטען פון וויסענשאַפט און פון דעם פּאָליטיש־עקאָנאָמישען לעבען פון די פעלקער.

נאָר ווי ווערט דאָס אידישע פאָלק באַלוינט פאַר אַלע זיינע קרבנות פאַר די פרעמדע אומות ?

דערציילען די פרומע ספרים אומגעפער אַזוי :

זיינען אידען געקומען צו כביכול און זיך פאַר אים באַקלאָגט :

„רבונו של עולם, זיבעציג אָקסען האָבען מיר אַמאָל מקריב געווען פאַר דעם וואוילשטאַנד פון די זיבעציג אומות, און ביז היינטיגען טאָג זיינען מיר פאַר זיי מקריב אין די גלות לענדער אונזער לעבען, אונזער כוח און אונזערע פעהיגקייטען. וואָלטען זיי דאָך אונז דאַרפען ליב האָבען און זיין אונזערע פריינט ; אָבער זיי האָבען אונז גאָר פיינט, ווי דער פסוק זאָגט : „תחת אהבתי ישטנוני" — אַנשטאָט מיין פריינטשאַפט האַסען זיי מיך, און וואָס מער איך זוך זייער פריינטשאַפט און גוטען־ווילען, אַלץ שטאַרקער איז זייער שנאה צו מיר. פרעגען מיר דיך, גרויסער גאָט, וואָס נאָך קאָנען מיר טאָן אום איינצושטילען זייער כעס געגען אונז ? האָבען מיר דען וועניג קרבנות געבראַכט פאַר זיי, אַז זיי קומען אַרויס אַלץ מיט נייע בלבולים, מיט נייע גזירות און רדיפות געגען אונז ?"

און גאָט כביכול, דערציילען די פרומע ספרים, האָט מיט שטורעם געענטפערט זיינע אידען :

„איר האָט אין די אַלע זיבען טעג פון יום־טוב געבראַכט קרבנות זיבעציג אָקסען פאַר אַלע זיבעציג אומות, טאָ הערט שוין אויף זיך מקריב צו זיין פאַר פרעמדע, ברענגט אייערע קרבנות פאַר זיך אַליין. וואָס זייט איר פאַר וועלט־פאַרזאָרגער ווען קיינער זאָרגט ניט פאַר אייך ? וואָס טוט אייך ווי דער קאָפּ פאַר די פעלקער, וועלכע שפּייען אייך אין פּנים און דערנידעריגען אייך ? „הקריבו על עצמיכם" — אייערע קרבנות זאָלען זיין פאַר אייך אַליין, און

אזוי זאָגט דאָך דער פסוק: „וביום השמיני עצרת תהיה לכם" — און אין דעם אַכטען טאָג זאָל פאַר אייך זיין אַן אָפּהאַלט, ניט מער צו זיין פריינטעביג פאַר יענע, וועלכע האַסען אייך."

און דאָס איז דער זין פון דעם היינטיגען יום־טוב שמיני־עצרת, מיינען די פרומע ספרים. עס איז אַ וואָרנונג פאַר אידען, אַז ניט זיי דאַרפען זיין די וועלט־מיסיאָנערען, די אידייען־טרעגער און קולטור־שאַפער פאַר אַנדערע, ניט מיר דאַרפען וועקען די פעלקער פון זייער שלאָף און זיי רופען צו פרייהייט און פּראָגרעס, און ניט מיר דאַרפען זיך שאַרען אין זייער מיסט, אום צו זוכען פאַר זיי זייערע פאַרלאָרענע דימענטענע רינגען.

טאָ זאָל אַ איד בעסער זאָרגען פאַר זיין אייגענעם פאָלק, פאַר דער ערציאונג פון זיינע קינדער און פאַר דער אויפהאַלטונג פון זיינע אידישע אינסטיטוציעס. זאָל ער אויפהערען צו ברענגען קרבנות פאַר אַנדערע. דערפאַר הייסט עס דאָך: „עצרת תהיה לכם" — זאָל זיין פאַר אייך אַן אָפּהאַלט. שוין גענוג זיך מקריב געווען פאַר די פעלקער, וואָס באַצאָלען אונז סיי ווי מיט שטיינער...

דער אַמאָליגער יום־טוב פון פלאַנצען

חמשה עשר בשבט איז אַ יום־טוב פון פלאַנצען, אָבער ניט פון אַ היינטיגען פלאַנצער.

ימים־טובים זיינען פאַראַן געשריבענע און מינדליכע, אָדער אַזוי צו זאָגען טראַדיציאָנעלע. מען ווייסט אייגענטליך ניט פון וועלכען קוואַל זיי זיינען געשעפּט, די טראַדיציאָנעלע ימים־טובים, אָבער זיי גייען איבער פון דור צו דור און בירגערען זיך איין אין דעם לעבען פון פאָלק.

די געשריבענע ימים־טובים זיינען די גזירה, דער באַפעל פון דעם געזעצגעבער — „אַזוי וויל איך און אַזוי מוזט איר טאָן". די אַזוי גערופענע טראַדיציאָנעלע ימים־טובים האָט דאָס פאָלק אַליין אָנגענומען מיט זיין גוטען ווילען, ווייל זיי אַפּעלירען צו זיין נשמה און פּאַסען זיך צו צו זיין כאַראַקטער.

און צו די דאָזיגע טראַדיציאָנעלע פאָלקס־ימים־טובים ביי אידען געהערט אויך דער טאָג, וואָס איז דער 15טער אין דעם אידישען חודש שבט, אָדער ווי מען רופט אים: חמשה־עשר בשבט.

חמשה־עשר בשבט איז אין דעם שטרענגען זין פון וואָרט ניט קיין יום־טוב. אין דער תורה איז אַזאַ יום־טוב ניט דערמאָנט. משה רבינו רעדט און באַפעלט וועגען אַ יום־טוב פון „אביב", אַ יום־טוב פון „קציר" און אַ יום־טוב פון „אסיף" — דאָס מיינט מען זאָל זיך פרייען ווען די פרוכטען און די תבואות ווערען צייטיג און געשניטען און געזאַמעלט.

אידען אָבער האָבען פאַרשטאַנען, אַז כדי די תבואה זאָל צייטיג ווערען און מען זאָל זיי שניידען און זאַמלען, מוז מען זי פריער זייהען און פלאַנצען; און אויב משה רבינו האָט פאַרזאָגט אויף אַנדערע פאַרמערשע ימים־טובים, טאָ פאַרוואָס ניט אויך אַ יום־טוב פון „נטיעה", פון פלאַנצען?

און אַזוי האָט די אידישע טראַדיציע געשאַפען דעם ראש־השנה פאַר בוימער, ווייל דער בוים איז דער קעניג פון אַלע פלאַנצען, און דאָס איז דער יום־טוב פון פלאַנצען, וואָס פאַלט אויס היינט, דעם 15טען טאָג אין שבט.

דער דאָזיגער טראַדיציאָנעלער יום־טוב, אויף וועלכען אידען זיינען ניט פאַרזאָגט געוואָרען און זיי האָבען אים אַליין געשאַפען, באַווייזט ווי דאָס פאָלק ליבט און פאַרשטייט אָפּצושאַצען די נאַטור און קאָן זיך באַגייסטערען פאַר איר שיינקייט.

עס איז אין אמת'ן ניטאָ נאָך אַ מענש אין דער וועלט, וואָס בענקט אַזוי נאָך אַ פרייען לעבען אין דער נאַטור, צווישען גראָזען און בוימער, ווי דער איד.

איר ווילט אַ באַווייז?

די פּאָעטען פון אַלע פעלקער, די גרויסע און די קלענערע, האָבען אויף אַלערליי אופנים באַזונגען די שיינע נאַטור — ליגען זייערע לידער אויף די פאַרשטויבטע פּאָליצעס פון די ביבליאָטעקען, און זעלטען ווען עמיצער דערמאָנט זיך אויף זיי און לייענט זיי.

נאָר ווען דער אידישער פּאָעט פון „ברכי נפשי“ האָט געזונגען זיין נאַטור־ליד, איז עס ביי אידען פאַרהייליגט און מיט באַגייסטערונג ווערט עס געלייענט פון יעדען טראַדיציאָנעלען אידען אין אַלע ווינטערדיגע שבתים.

און אפשר איז דאָס דערפאַר, ווייל קיין אַנדער פּאָעט אין דער וועלט האָט ניט אַזוי קרעפטיג און שיין באַזונגען די נאַטור, ווי דאָס האָט געטאָן דער אידישער דיכטער.

דאָן איז דאָס ווידעראַמאָל אַ באַווייז, אַז דער איד איז געפילפולער און מיט אַ שטאַרקערען חוש פאַר שיינקייט, ווי דער גוי, וואָס האָט אַזוי צו זאָגען זיך ערצויגען אויף דעם שויס פון דער נאַטור.

און אָט ווי דער דיכטער פון „ברכי נפשי“ שילדערט די נאַטור פון וואַלד און פעלד, ווי עס פּאַסט זיך פאַר דעם נאַטור־יום־טוב „ראש השנה פון די בוימער“:

„ער לאָזט די קוואַלען זיך פאַנאַנדערגיסען אין טייכען, צווישען די בערג לויפען זיי ווייטער.

„טרינקען פון זיי די חיות פון די פעלדער, לעשען די וואַלד־אייזלען זייער דאָרשט.

„איבער זיי פליען די פויגעלעך פון דער לופט, פון אונטער די בוימער־בלעטער גיבען זיי זייער געזאַנג.

„די בערג באַוואַסערט ער פון זיינע זאַלען, די פרוכטען וואָס ער שאַפט זעטיגט די ערד.

„לאָזט ער גראָז פאַר די בהמות וואַקסען, און זעט דורך מענש־ליכער אַרבעט אַרויסצוברענגען.

„אויך וויין, וואָס דערפרייט דעם מענעשנ׳ס האַרץ, און אויל וואָס מאַכט זיין פנים קלאָר, און ברויט וואָס נעהרט אַ מענעשענ׳ס קראַפט.

„זאַפט־פול שטייען די ריזען־בוימער, די צעדערען פון לבנון, וואָס ער האָט געפלאַנצט.

„אום די געפעדערטע באַשעפענישען זאָלען דאָרט נעסטען, אויף די טענענבוימער זאָל דער שטאָרך בויען זיין הויז.

„די הויכע בערג זיינען פאַר׳ן ווילדען באָק, די פעלזען־שפּאַל־טען אַ שוץ פאַר די קראָליקעס.

„ער האָט באַשאַפען די לבנה, אום איינצוטיילען די צייט, די זון, וואָס ווייסט איר באַשטימטען גאַנג.

„ברענגט פינצטערניש, עס ווערט נאַכט, און עסווימעלט מיט חיות פון וואַלד.

„ברילען די יונגע לייבען נאָך רויב, פאַרלאַנגען פון דער גאָט־הייט זייער שפּייז.

„גייט אויף די זון, פאַרשווינדען זיי און פאַרקלייבען זיך אין זייערע היילען . . . "

דאָס זיינען נאָר עטליכע שטריכען פון דעם נאַטור־בילד, וואָס דער קינסטלער מאָלט אין זיין „ברכי נפשי". אָבער די באַגייס־טערונג, מיט וועלכער אונזערער אַ איד לייענט יעדען ווינטערדיגען שבת דאָס „ברכי־נפשי"־ליד, און דער טראַדיציאָנעלער יום־טוב

חמשה־עשר בשבט, וואָס ער אַליין האָט אויף זיך גענומען, באַווייזען וואָס פאַר אַ טיפען געפיל ער טראָגט צו דער שיינקייט אויפ׳ן לאַנד, און ווי שטאַרק ער גאַרט נאָך אַ רואיגען לעבען אין דער פרייער נאַטור.

אפילו דאָס פאַרדאַרטע שטיקעל באָקסער און די פאַרטרי־קענטע ארץ־ישראל־פייג, וואָס זיינען היינט די איינציגע עראינע־רונג פון דעם אַמאָליגען פריילּיכען חמשה־עשר בשבט, דערציילען פון דער טיפער בענקעניש, וואָס נאָגט אַ אידען׳ס האַרץ נאָך אַ ממשות׳דיגען יום־טוב פון פלאַנצען, ווי אין דער אַמאָליגער צייט פון אידעאַלער פאַרמעריי, ניט פון דער היינטיגער ביזנעס־פאַר־מעריי, וואָס מאַכט פון אַ מענשען אַ שטאָט־מאַן און דערווייטערט אים פון דער נאַטור־שיינקייט, כאָטש ער לעבט אויף דער פאַרם צווישען בלומען און בוימער...

די געשיכטע פון שבעה עשר בתמוז

די ליבע פון אַ אידישער פרוי צו אַ רוימער איז פיל שולדיג אין אידישען חורבן.

דער „פאַסט־טאָג פון דעם פערטען חודש״, האָט עס דער נביא גערופען. ביי אונז הייסט עס דער תענית פון דעם זיבעצען־טען טאָג אין תמוז — שבעה עשר בתמוז.

פאַסט־טעג, אָדער תעניתים, זיינען בכלל אַן אומאַנגענעמער עניין, פון וועלכען מיר אַלע וואָלטען זעהר וועלען זיך אַרויסדרייען און גיך אַריבער׳פטר׳ען. אפילו אין ליטע, אין דעם קלאַסישען לאַנד פון פאַסטען, האָבען אונזערע טאַטעס און זיידעס, ווען עס איז

געקומען צו אַ תענית, שטענדיג געזוכט אַ וועג „לקולא", ווי זיי האָבען עס גערופען; דאָס הייסט, זיך צו פאַרלייכטערען און זיך אַרויסצומאַכען פון דעם גאַנצען פאַסט־עסק — אפילו אין ליטע האָבען זיי ניט געוואָלט פאַסטען.

וואָרים אַ פאַרעלטערטע אינסטיטוציע איז דאָס פאַסטען. עס איז, להבדיל, די גאַנדי־פאָליטיק קעגען ענגלאַנד. איז ענגלאַנד, ווי באַקאַנט, טוט זיך דאָס אייגענע און גאַנדי האַלט כסדר אין פאַסטען און ווערט מיט יעדען טאָג אויסגעדאַרטער און קראַנקער.

און אַזוי האָט אַנומעלט גע׳טענה׳ט צו אונז אַ באַקאַנטער איד.

„פאַסטען, — אַזוי האָט ער ערקלערט, — האָט ביי מיר אַ פנים ווי אַ הונגער־סטרייק קעגען דעם רבונו של עולם. עס זעט אויס, ווי דאָס פאָלק ישראל וואָלט זיך אויס׳טענה׳ן מיט כביכול: „דו האָסט זיך געשטעלט אויף דער זייט פון אונזערע שונאים און דו דערלאָזט זיי ברענגען אויף אונז אַלערליי צרות, פאַרפאָלגונגען און גזירות, טאָ דערקלערען מיר אַ „תענית צבור", אָדער ווי מען וואָלט עס רופען אויפ׳ן מאָדערנעם לשון — אַ הונגער־סטרייק.

„אָבער, צי האָט איר ווען געזען, אַז מענשען זאָלען עפּעס גע־ווינען דורך אַ הונגער־סטרייק?" — מאָנט ביי אונז דער באַקאַנ־טער איד.

און דאָס באַווייזט, אַז פאַסטען איז ביי אידען ניט שטאַרק פּאָ־פּולער און נאָך ווייניגער איז עס פּאָפּולער ביי די אידען אין אַמע־ריקע. ניט אומזיסט זיינען דאָ אַ סך פון די תעניתים אינגאַנצען פאַרגעסען געוואָרען, אַז מען דערמאָנט זיי גאָר ניט. אפילו דער תענית פון שבעה עשר בתמוז איז שוין האַלב פאַרגעסען. וויפיל וועט איר גאָר געפינען אידען אין אַמעריקע, וואָס וויסען, אַז שוין דער נביא דערציילט וועגען דעם „פאַסט־טאָג פון פערטען חודש"?

אָבער, עס איז ניט דאָס פאַסטען, נאָר די פּאַסירונגען פון דעם

הײנטיגען פאַסט־טאָג, וואָס אַ איד וואָלט דאַרפען געדענקען און מיט וועלכע די לערער אין די אידישע שולעס וואָלטען געדאַרפט באַקאַנט מאַכען זײערע תלמידים.

מען מוז זיך דאָך באמת וואונדערן, פאַרוואָס ווען עס קומט חנוכה צי פורים פאַרקלינגט מען בײ אונז די וועלט מיט די חנוכה־ און מיט די פורים־שפּילען, אויף וועלכע אי די לערער, אי די תלמידים אַרבעטען ווי די ביבערס שוין מיט אַ האַלב יאָר פריער, און יעדער משה׳לע און יעדע חיה׳לע איז אַ יהודה המכבי אָדער אַן אסתר המלכה?

פאַרוואָס דערצײלט מען ניט בײ אונז די געשיכטע פון די אידישע תעניתים, איבערהויפּט פון דעם הײנטיגען תענית פון שבעה עשר בתמוז, פון וועלכען די קינדער וואָלטען פיל לערנען און אפילו די דערוואַקסענע וואָלטען מעגען זיך פאַרטראַכטען?

די לעגענדע דערצײלט, אַז דער זיבעצנטער טאָג אין דעם חודש תמוז איז אַלעמאָל געווען אַן אומגליקס־טאָג פאַר אידען; עס הײסט, אַז אין דעם טאָג האָט משה רבנו צעבראָכען די לוחות און דער אידישער קעניג מנשה האָט אַוועקגעשטעלט אַ געצקע אין בית־המקדש און אַן ערד־ציטערניש האָט געטרײסעלט גאַנץ ארץ־ישראל צוליב דער גרויסער זינד, און נאָך אַנדערע לעגענדעס ווערען אי־בערגעגעבען וועגען דעם הײנטיגען פאַסט־טאָג.

און אָט וואָס די געשיכטע דערצײלט:

דער רוימישער אָדלער האָט טיף אײנגעגראָבען זײנע נעגעל אין דעם לײב פון אידישען פאָלק, וואָס איז אומדערבאַרעמליך גע־וואָרען אויסגערויבט, אונטערדריקט און באַלײדיגט פון די רוימישע שטאָט־האַלטערס.

ווען די לאַגע איז געוואָרען אומדערטרעגליך, ווען די צרות זײנען אַריבער אַלע מאָסען, האָבען אידען רעוואָלטירט, און אונ־

טערצודריקען די אידישע רעוואָלוציע איז פון רוים געשיקט גע־וואָרען אספסינוס, וועלכער פלעגט שטענדיג זיין באַגלייט פון זיין זוהן טיטוס.

אָבער אספסינוס איז געווען מער פּאָליטיקער, ווי גענעראַל. אים האָט אינטערעסירט ניט די אידישע רעוואָלוציע, נאָר די קרוין פון די רוימישע אימפּעראַטאָרס.

און דער זוהן, טיטוס, האָט, פאַרשטייט זיך, געטיילט מיט אים זיין אַמביציע, און אום צו דערגרייכען זיין צוועק האָט ער פאַר־בונדען אַ ליבע מיט דער אידישער פּרינצעסין בערעניקע.

בערעניקע איז געווען אַן אָפּשטאַם פון די אַלטע חשמונאים, אַ טאָכטער פון קעניג אגריפּאַ דעם ערשטען און אַ שוועסטער פון אַגריפּאַ דעם צווייטען. זי איז געווען דריי מאָל פאַרהייראַט און מיט דרייצען יאָר עלטער פון טיטוס'ען, אָבער זי איז געווען אַ זעל־טענע שיינהייט און געבענשט מיט אַלע מעלות, און כאָטש אַן אָר־טאָדאָקסישע אידישע פרוי, דאָס הייסט, כאָטש זי האָט געהערט צו די פרומע, צו די פּרושים, האָט זי אָנגענומען די ליבע פון אַ רוי־מער, אַ געצענדינער.

אום צו טאָן איר געליבטען, מיט וועלכען זי האָט געהאָפט באַלד חתונה צו האָבען, אַ נחת־רוח, האָט זי אויסגעווירקט ביי איר פריינד, דעם גובערנאַטאָר פון עגיפּטען, דעם משומד טיבעריוס אַלעקסאַנדער, און ביי די אַנדערע גובערנאַטאָרען פון די וויכטיגע רוימישע קאָלאָניעס פון אַפריקע און אַזיע, אַז זיי זאָלען פּראָקלאַ־מירען אספסינוס'ען פאַר'ן רוימישען קייזער, און רוים האָט גע־מוזט צושטימען.

און ווי האָט טיטוס אָפּגעדאַנקט זיין געליבטער פאַר איר טרייהייט ?

באַלד ווי ער איז געוואָרען דער יורש פון דער רוימישער

קרוין, האָט ער זיך גענומען צו דער באַלאַגערונג פון ירושלים, וואָס ער האָט חרוב געמאַכט, און האָט אויסגעפירט אין דעם אי־דישען לאַנד די שווידערליכסטע הריגות, וואָס האָבען צו זיך נים קיין גלייכען אין דער מענשליכער געשיכטע.

עס הייסט, אַז טיטוס האָט באַוויזען אַזוי פיל אכזריות קעגען אידען, ווייל די רוימער האָבען געהאַט טענות צו אים פאַר זיין ליבע צו אַ אידישער פרוי; האָט ער זיי געוואָלט באַווייזען, אַז ער איז נאָך אַ גרעסערער שונא פון אידען, ווי זיי זיינען. און ווען בערעניקע איז שפּעטער געקומען צו דערמאָנען אים אויף זיין פאַר־שפּרעכען מיט איר חתונה צו האָבען, האָט ער זי אַרויסגעטריבען פון רוים.

און דער פאַסט־טאָג שבעה־עשר בתמוז איז דער פּראָלאָג צו דער בלוטיגער דראַמע, וואָס וואָלט אפשר פאַרמידען געוואָרען, ווען אַ אידישע פרוי וואָלט זיך ניט געיאָגט נאָך אַ געמישטער הייראַט.

די אַלטע תפילות און די נייע סליחות

אַמאָל האָבען אידען געדאַווענט ווי פרייע, אומאָפּהענגיגע מענשען. — דער גלות־שטעמפּעל.

די סליחות, וואָס אידען הייבען אָן זאָגען אין די שולען פאַר ראש השנה און וואָס ווערען געזאָגט ביז איבער די ימים־נוראים, זיינען מערסטענס געשאַפען געוואָרען אין מיטעלאַלטער, און זייערע פאַרפאַסערס זיינען געווען אידישע געלערענטע, וועלכע האָבען מיט זייערע אויגען צוגעזען דעם מורא'דיגען עלענד פון

זייער פאָלק, אָדער האָבען אויף זייערע אייגענע פּלייצעס אַריבער־געטראָגען די גזירות און רדיפות פון די אידישע פּיינינגער.

פיל פון אונזערע געלערנטע פון יענער צייט, פאַרפאַסער פון סליחות, ווי עס איז באַקאַנט פון דער געשיכטע, זיינען געשטאָרבען מיט אַ שרעקליכען מאַרטירער־טויט פאַר זייער גאָט און זייער פאָלק.

און די סליחות, וואָס זיי האָבען געשריבען, זיינען אַ טיפער קרעכץ פון צער איבער דער הילפלאָזיגקייט פון אַ פאָלק, און עס טראָגט זיך פון זיי דער וויי־געשריי פון פאַרפייניגטע און אונטער־דריקטע מענשען, וואָס וויינען, בעטען רחמנות און רעדען מיט אונטערטעניגקייט אַזוי ווי שפּל׳ע בעטלער.

אָבער די דאָזיגע הכנעה און אונטערוואַרפענקייט ליגט כלל ניט אין דעם אידישען כאַראַקטער. אפילו אין די קריטישסטע צייטען פון זייער פאָלקס־לעבען האָבען אידען אויפגעהאַלטען זייער ווירדע און קיינמאָל זיך ניט דערנידעריגט צו דער מדרגה פון עלענדע שקלאַפען, וואָס קוקען־אויס אויף דער גנאָד פון זייערע הארען.

אידען האָבען אַלעמאָל געפאָדערט גערעכטיגקייט, אָבער ניט קיין גנאָד און רחמנות; זיי האָבען אָפּגעהיט זייער כבוד און זיך ניט דערנידעריגט, אום צו חנפ׳ענען דעם שטאַרקען.

איר געפינט דערפאַר ניט אין די אַלטע אידישע תפילות די אומבאַהאָלפענקייט און דעם ביטול פון דעם אייגענעם „איך", ווי אין די סליחות.

אַ סך אַלטע אידישע תפילות זיינען פאַרצייכענט אין דער ביבעל. ווען יעקב אבינו, למשל, איז געווען אין געפאַר פון זיין ברודער עשו, וועלכער האָט מאַרשירט קעגען אים מיט אַן אַרמיי פון פיר הונדערט מאַן, האָט ער, דער אָרימער יעקב, געזוכט הילף ביי גאָט, געזאָגט צו אים אַ תפילה, אָבער ער האָט פונדעסטוועגען

ניט געוויינט, ניט געבעטען קיין רחמנות און ניט געמאַכט פון זיך קיין שפל'ע באַשעפעניש, נאָר ער האָט דערמאָנט אויף דער הבטחה, אויף דעם צוזאָג, וואָס גאָט האָט געגעבען.

אַזוי האָט משה רבנו אין אַלע זיינע תפילות פאַר די פאַרזינדיגטע אידען קיינמאָל ניט געבעטען פאַר רחמנות און ניט געזוכט קיין גנאָד. פאַרקערט, ער האָט אָפט געהאַט טענות צום רבונו של עולם:

„וואָס ווילסטו? — אַזוי אומגעפער פלעגט ער זאָגען — שטראָפען די אידען? פאַרטיליגען זיי? אָבער וואָס וועט מצרים זאָגען? די שאַנד וועט דאָך זיין אויף דיר, וואָרים די גוים וועלען רעדען, אַז דו האָסט די אידען אויסגעראָט, ווייל דו האָסט ניט געהאַט קיין כוח זיי אַריינצוברענגען אין דעם לאַנד, וואָס דו האָסט זיי פאַרשפּראָכען. נו, איז דאָס שיין פאַר דיר?"

ווי געפעלט אייך דער נוסח פון אַט דער אידישער תפילה פון דער אַלטער צייט?

און מען דאַרף ניט קיין מער רירענדע, מער טראַגישע תפילה, ווי די, אין וועלכער משה רבנו בעט, אַז ער זאָל קאָנען אַריינקומען אין דעם אידישען לאַנד. הער נאָר אַ מעשה: זיין לעבען האָט ער אַוועקגעגעבען פאַר'ן פאָלק, אַלע צרות האָט ער צוליב זיי אַריבערגעטראָגען, נאָר אַז ער האָט דערגרייכט צום ציל און ער קאָן האָבען נחמה, וויל גאָט אַוועקנעמען פון אים די נשמה.

זאָגט ער אַ תפילה און בעט מיט אַ צעבראָכענעם האַרצען:

„לאָז מיך אַריבערגיין און לאָמיך זען דאָס שיינע לאַנד".

אָבער ער האָט ניט אַרויסגעבראַכט קיין וואָרט וועגען רחמנות, וועגען גנאָד און טובות. גערעכטיגקייט האָט ער געוואָלט און ניט קיין רחמנות, וואָס דערנידעריגט אַ מענשען.

און וואו איר געפינט אין חומש און ביי די נביאים אַ תפילה,

אַ געבעט צו גאָט, איז זי מיט ווירדע, אָהן שפלות און אָהן דעם אַפּיל פאַר רחמנות.

עס פאַרשטייט זיך, אַז נאָכ'ן חורבן האָט געמוזט קומען אַן איבערברוך אין דער אידישער נשמה; אידען זיינען געוועזען גע־שלאָגען, זיי האָבען פאַרלוירען זייער זיכערקייט און אָנגעהויבען צו באַשולדיגען זיך אַליין אין זייערע צרות.

אַזוי אומגעפּער דערציילט עזרא:

„און צו מנחה בין איך אויפגעשטאַנען פון מיין תענית און איך האָב קריעה געריסען, און האָב איינגעבויגען מיינע קני, און פאַרשפּרייט מיינע הענט צו גאָט און געזאָגט: מיין גאָט, איך שעם זיך אויפצוהויבען מיין פּנים צו דיר, וואָרים אונזערע זינד זיינען אַזוי פיל, דאָס זיי זיינען שוין אַריבער אונזער קאָפּ און אונ־זערע שולדען זיינען געוואַקסען ביז צום הימעל . . . "

אָט, ווי איר זעט, כמעט אַ שטיק פון אונזערער אַ סליחה, פונ־דעסטוועגען איז ניטאָ קיין ערנידערונג. ווען אַ מענש איז מודה אויף אַ באַגאַנגענער זינד. מען האָט אין די אַלטע אידישע תּפילות ניט דערלאָזען צו קיין שפלות, מען האָט געלייגט כבוד אויפ'ן מענ־שען און אים ניט מבזה געווען.

ווייל אַזוי איז דער אידישער כאַראַקטער, און דאָס איז דער גייסט פון דער אידישער תורה, וועלכע לערנט, אַז דער מענש איז באַשאַפען געוואָרען אין גאָט'ס פורעם; ער איז די קרוין פון דעם באַשאַף און אים איז געגעבען געוואָרען די בחירה, די פולע פריי־הייט צו פירען זיך ווי אים געפעלט. דערפאַר איז ער דאָך דער באַהערשער פון דער ערד, און געוויס פאַסט ניט פאַר אַ הערשער צו מאַכען זיך שפל און נבזה'דיג, שטיין פאַר עמיצען מיט הכנעה. גאָט וויל דוקא, אַז אַ מענש זאָל היטען זיין כבוד, אויפהאַלטען זיין ווירדע און זיין אַ צירונג פאַר זיך און פאַר דער געזעלשאַפט.

אַזוי האָט פאַרשטאַנען די אידישע תורה און אַזוי האָבען אידען אַלעמאָל באַגריפען זייער אומאָפּהענגיקייט. דאַן איז אָנגעקומען דער מיטעלאַלטער, און יעדער, ווער עס איז באַקאַנט מיט דער געשיכטע פון יענער צייט, האָט געוויס געלייענט פון דער אומ־וויסענקייט און באַרבאַריזם, אין וועלכע די מענשען זיינען דאַן גע־זונקען און ווי די אידען זיינען געווען דערנידעריגט און באַרויבט פון זייערע רעכט.

און דעמאָלט זיינען פאַרפאַסט געוואָרען די סליחות, אין וועלכע עס ווערט אַרונטערגעריסען די קרוין פון דער מענשליכער ווירדע. וואָרים, וואָס איז גאָר דער מענש, לויט ווי ער ווערט געשילדערט אין די ימים־נוראים׳דיגע סליחות ? אַ ליימענער שערבעל, אַ הויפען שטויב, אַ קריכענדיגער וואָרעם, וואָס איז געבוירען און אויסגע־קנאָטען אין זינד און איז ניט ווערט וואָס ער גייט אויף דער וועלט. עס איז גאָר ניט כדאי, וואָס ער איז באַשאַפען געוואָרען, ווייל ער איז ניט מער ווי אַ „כלי מלא בושה וכלימה״, אַ געפעס פון שאַנד און אומווירדיגקייט.

אָבער דער דאָזיגער באַגריף פון דעם מענשען איז ניט אידיש. די אומגליקליכע אידען אין גלות האָבען עס געלערנט פון די גוי׳־אישע אַסקעטען, וועלכע האָבען דעם מענשען מבזה געווען, אַזוי ווי דער הייליגער פראַנץ פון אַזיזי, וועלכער האָט גערופען אַ וואָר־רעם זיין ברודער.

די אַלטע אידישע תפילות צו גאָט זיינען געווען מיט ווירדע, מיט רעספעקט צו אַנדערע, אָבער אויך צו זיך.

אין „צענטען טאָג פון צענטען חודש"

אַ קאַפּיטעל געשיכטע פון 25 הונדערט יאָר צוריק.

עס איז אַן אַלטע געשיכטע, וואָס האָט פּאַסירט מיט פינף־און־צוואַנציג הונדערט יאָר צוריק, אויף וועלכער מיר דערמאָנען זיך אין דעם „פאַסט־טאָג פון צענטען חודש", ווי דער נביא רופט עס, אָדער ווי מיר רופען עס קורץ — „עשרה בטבת".

עס איז די געשיכטע פון דעם בלוטיגען קאַמף צווישען אידען אין בבל.

אַ סך וואַסערען זיינען שוין אַריבערגעלאָפען זינט יענער צייט, אַ סך האָט די וועלט זיך געענדערט אין דעם משך פון די דריט־האַלבען טויזענט יאָר. גרויסע מלוכות זיינען געבוירען געוואָרען און געשטאָרבען, גרויסע מלחמות זיינען אויסגעפאָכטען געוואָרען, די גאַנצע מענשהייט האָט גאָר געקראָגען אַן אַנדער פּנים.

און פון בבל איז שוין לאַנג קיין געדעכעניש ניטאָ. דאָס מעכטיגע לאַנד פון דעם דעמאָלטדיגען דיקטאַטאָר נבוכדנאצר מיט זיין פּרעכטיגער הויפּטשטאָט, אין וועלכער עס האָבען זיך צוזאַ־מענגעקליבען אַלע וואונדער פון אַלטערטום, איז היינט אַ שטיק טערקישע וויסטעניש מיט עטליכע איינגעהויקערטע אָרימע דערפּ־לעך. דער בבל׳שער גלאַנץ איז שוין לאַנג פאַרלאָשען געוואָרען, אפילו דער נאָמען איז פאַרגעסען, ווי די אידישע נביאים האָבען פאַראויסגעזאָגט.

נאָר אידען פאַסטען נאָך עשרה בטבת; נאָך דריטהאַלבען טויזענט יאָר פון וועלט־איבערקערענישען איז נאָך ביי זיי געבליבען איינגעקריצט אין זכרון זייער לעצטער קאַמף קעגען בבל.

און אויב עס איז אמת, אַז די געשיכטע איז די בעסטע לע־רעריך, דאַן וואָלטען אידען היינט גערעדאַרפט לייענען און זיך פאַר־טראַכטען אויף דער געשיכטע פון יענעם קאַמף אין עשרה בטבת, פון וועלכען מען קאָן נאָך איצט פיל לערנען.

פון יענעם קאַפּיטעל געשיכטע ווייזט זיך קלאָר אַרויס, אַז אַלע צרות אויף אידען זיינען דעמאָלט געקומען, ווייל זיי האָבען צופיל זיך געמישט צווישען די שכנים׳שע פעלקער, געגלויבט זיי און זיך פאַרבונדען מיט זיי, אָדער ווי מען רופט עס אויפ׳ן דיפּ־לאָמאַטישען לשון, געשלאָסען מיט זיי אַליאַנצען.

ווען אידען וואָלטען געפירט זייער אידיש לעבען, געזאָרגט פאַר זייערע אייגענע אינטערעסען און ניט געווען לייכטגלויביג, וואָלטען זיי רוהיג געזעסען אויף זייער לאַנד, כאָטש זיי זיינען גע־ווען באַהערשט פון בבל; וואָרים קיין גרויזאַמער הערשער איז נבוכדנאצר ניט געווען, און אַנטקעגען אַנדערע הערשער פון זיין צייט איז ער געווען כמעט אַ מילדער מענש.

אַחוץ דעם איז עס געווען אין זיינע אינטערעסען, אַז אידען זאָלען האָבען זייער מלוכה. נבוכדנאצר האָט דוקא געוואָלט אויפ־האַלטען די אידישע אומאָפּהענגיגקייט; אָבער דער אידישער קעניג יהויקים האָט זיך געלאָזט אויפהעצען פון עגיפּטען און פעניציער, וועלכע האָבען אים פאַרשפּראָכען זייער הילף, וואָס זיי האָבען אים קיינמאָל ניט געגעבען.

און ווען ער איז געשטאָרבען און זיין זוהן יהויכין צוזאַמען מיט דער מאַמען נחושתה האָבען איבערגענומען די רעגירונג, האָבען זיי פאַרגעזעצט יהויקים׳ס פּאָליטיק און געמאַכט אַלע פאַרבאַריי־טונגען פאַר אַ רעוואָלוציע קעגען בבל, פאָלגענדיג די עצה פון עגיפּטען.

פונדעסטוועגען האָט נבוכדנאצר ניט פאַרלוירען דאָס געדולד

און ניט געמאכט קיין חורבן, ווי דאס וואלט געוויס געטאן אן אנ־דערער אויף זיין ארט. נבוכדנאצר האט נאר צוזאמענגענומען דעם אידישען קעניגליכען הויף מיט א פופצען טויזענט פראמינענטע אידען, וועלכע זיינען אים געווען באקאנט פאר רעוואלוציאנערען, און זיי געבראכט אלס געפאנגענע אין בבל.

ער האט אבער דעמאלט ניט פארגאסען קיין אידיש בלוט, ניט אנגערירט דעם בית־המקדש און ניט באליידיגט די איינוואוינער. פארקערט, ער האט געוואלט, אז די אידען זאלען זיך פילען פריי, און ער האט באשטימט פאר א קעניג צדקיהו׳ן, וועלכער איז געווען אן אידעלער, א פרידליכער און מיט א רוהיגען כאראקטער.

נבוכדנאצר האט געגלויבט, דאס מיט אזא מענשען אויפ׳ן טראן איז ער זיכער פון א אידישער רעוואלוציע, און כדי נאך מער צו פארשטארקען דעם פרידען, האט ער פון צדקיהו׳ן אפגענומען א פייערליכע שבועה אנצוהאלטען דעם שלום און ניט פארבינדען זיך מיט די שונאים פון בבל.

און צדקהיו וואלט זיין שבועה געהאלטען און אידען וואלטען רוהיג געלעבט אויף זייער לאנד, ווען נישט די אידישע אריסטאקראטען.

די אריסטאקראטען זיינען געווארען די אמת׳ע קללה פון דעם אידישען פאלק. זיי האבען פיל ארומגערייזט אין פרעמדע לענדער, איינגעזאפט אין זיך פרעמדע געדאנקען און אנגענומען אלע פרעמדע און שלעכטע מנהגים. זיי האבען אויף דעם שטייגער פון די אויס־געלאסענע קעניגליכע הויפען פון אשור און פעניציע געוואוינט אין פרעכטיגע פאלאצען מיט גרויסע הארעמס און אנגעפירט אלערליי הויף־אינטריגיעס צו צווינגען צדקיהו׳ן צו אן אויפשטאנד קעגען בבל.

דער אידישער קעניג איז, אין גרונט גענומען, געווען ערליך.

ער האָט פיינט געהאַט די אַסימילאַציע, געוואָלט בלייבען געטריי זיין שבועה צו נבוכדנאצר'ן און איבער אַלץ האָט ער געוואָלט אויפהאַלטען דעם שלום; נאָר ער האָט ניט געקאָנט ביישטיין דעם דרוק פון די אַריסטאָקראַטען, וועלכע האָבען געוואָלט מלחמה.

און גראָד דעמאָלט איז אין ירושלים אָפּגעהאַלטען געוואָרען אַן אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפערענץ, ווי מען וואָלט עס היינט גערו־פען, פון די רעגירונגס־פאָרטרעטער פון אדום, מואב, עמון, צור און צידון, וועלכע האָבען געגעבען אַ הייליגען פאַרשפּרעכען צו העלפען די אידען, אַבי נאָר צו רעוואָלטירען קעגען בבל.

מער האָט צדקיהו מיט זיין שוואַכען כאַראַקטער ניט געקאָנט אויסהאַלטען, און די מלחמה קעגען בבל איז ערקלערט געוואָרען.

דעמאָלט האָבען די אידען דערזען די פאַלשקייט פון זייערע „עלייעס", פון זייערע פאַרבינדעטע, וואָרים קיין איינציקע פון די רעגירונגען, וואָס זיינען געווען אויף דער קאָנפערענץ אין ירושלים, האָט ניט געהאַלטען איר פאַרשפּרעכען, ניט געשיקט קיין הילף. די אידען זיינען איבערגעלאָזען געוואָרען אַליין צו זייער גורל, און דעם צענטען טאָג אין צענטען חודש, אָדער עשרה בטבת, האָט נבוכדנאצר אָנגעהויבען שטורמען די פעסטונגען פון ירושלים, וואָס האָט שפּעטער זיך געענדיגט מיט דעם מורא'דיגען חורבן.

מיט דריטהאַלבען טויזענט יאָר צוריק האָט פּאַסירט די גע־שיכטע, און דאָך וואָלטען אידען פון איר קאָנען עפּעס לערנען נאָך היינט.

זיי וואָלטען קאָנען לערנען, אַז אַ איד דאַרף פירען זיין אייגען אידיש לעבען און ניט זוכען איבערצונעמען פרעמדע מנהגים, ווי יענע אידישע אַריסטאָקראַטען; אַז פּאָליטישע פאַרשפּרעכונגען האָבען קיין ממשות ניט, און ווי אַזוי אַ אידישער פירער דאַרף זיין. עס איז דאָ פיל צו לערנען פון יענער אַלטער פּאַסירונג.

אין דעם אומעטיגען שבת פון „חזון"

א קאפיטל אידישע געשיכטע פון דער צייט פון דעם נביא.

ווען דער איד וואלט מער לערנען און פארשטייען זיין אלטע אידישע געשיכטע, וואלט ער האבען א פיל בעסערען באגריף וועגען דעם היינטיגען שבת, וואס איז דער שבת פון אומעט, אדער ווי מען רופט אים „שבת חזון".

שבת חזון, ווי עס איז באקאנט, הייסט דער דאזיגער שבת, ווייל מ'לייענט די הפטורה „חזון ישעיהו" — די פאראויסזעהונג פון ישעיה, פון דעם גרויסען נביא, וועלכער האט פאראויסגעזען פאר אידען א ביטערע צייט פון אומגליק און חורבן.

און די הפטורה פון חזון ווארפט א טיפע מרה שחורה, און פרומע אידען גייען ארום מיט א באהאלטענעם טרויער, טוען ניט אן קיין שבת'דיג מלבוש, רעדען מיט א וויינענדיגען איכה־ניגון און פראווען שטילע אבלות.

נאר עס לוינט זיך צו קענען די אידישע געשיכטע פון ישעיה הנביא'ס צייט.

ווען דער גרויסער נביא האט געשילדערט זיין פינצטערען „חזון", האבען אידען דעמאלט דוקא געלעבט פריי און גליקליך. אי פאליטיש און אי עקאנאמיש איז דאס אידישע פאלק געשטאנען אויף א הויכען שטאפעל פון מאכט, ווארים די קעניגען פון יהודה, וועלכע דער נביא האט געקענט, זיינען געווען קלוגע און פעהיגע הערשער.

דער קעניג עזיהו, למשל, איז אחוץ א העלדישער גענעראל, וועלכער האט געמאכט א סך דעראבערונגען, געווען אויך א וויסענ־

שאַפּטסמאַן. דער פּסוק דערציילט, אַז ער האָט ערפונדען אַ נייעם מלחמה־וואַפען, אַ מין אויטאָמאַטישען ביקס, וואָס האָט אים פיל געהאָלפען קעגען די אידישע שונאים. עזיהו איז אויך געווען דער ערשטער, וואָס האָט איינגעפירט אַ שטענדיגע אַרמיי. ער האָט ניט געוואָלט זיך פאַרלאָזען אויף וואָלונטירען אַליין.

אַזאַ אויסגעצייכענטער קעניג איז אויך געווען זיין זוהן יותם, פון וועלכען די גמרא האָט גאָר אַ הויכע מיינונג.

אמת, דער קעניג אחז האָט „געטאָן שלעכטס אין גאָט'ס אויגען", ווייל ער האָט געמאַכט אַ סך טעות'ן אין זיין רעגירונג און געפירט מיט די געצענדינערשע שכנים אַ מין „אַפּיזמענט" פּאָליטיק, וואָס האָט געבראַכט די אידען פיל שאָדען, אָבער אַ ליבעראַלער מענש איז ער געווען, און געלאָזט יעדען לעבען אויף זיין שטייגער. און זיין זוהן, דער באַרימטער קעניג חזקיהו, דער אויפבויער פון דער אידישער קולטור, איז דאָך אַוודאי געווען אַ גערעכטער הערשער.

און אין דער זעלבער צייט איז אין דעם אידישען לאַנד פון די עשרת השבטים געווען אַ קעניג ירבעם דער צווייטער, אַ מענש מיט זעלטענע פעהיגקייטען און אַ בוזים־פריינט פון דעם יהודה־קעניג עזיהו. און די ביידע קעניגען־פריינד האָבען צוריקגעגעבען דעם אידישען פאָלק זיין אַמאָליגען גלאַנץ ווי אין שלמה המלכ'ס צייטען; צוריקגעוואונען פאַר די אידען אַלע פאַרלוירענע טערי־טאָריעס, און אַ גרויסען האַנדעלס־פלאָט האָבען זיי געבויט, וואָס האָט נאָך איבערגעשטיגען דעם פעניצישען.

דער אידישער האַנדעלס־פלאָט, אָדער די „אניות תרשיש", ווי די ביבעל רופט עס, איז געשוואומען איבער אַלע זיבען ים'ען — אין אַראַביע, אין אינדיע, אין אַלע ווינקעלעך פון דער דעמאָלט־באַקאַנטער וועלט, פונוואַנען מען האָט געבראַכט זעלטענע סחורות,

וואָס האָבען די אידען רייך געמאַכט, ווי דער פסוק זאָגט:

„ותמלא ארצו כסף וזהב ואין קצה לאוצרותיו" — און זיין לאַנד איז פול געוואָרען מיט זילבער און גאָלד, און ער פאַרמאָגט אוצרות אָהן אַן ענד.

אַזוי איז דער אידישער מצב געווען בכלל אין ישעיה׳ס צייטען, און עס איז דערפאַר קיין וואונדער ניט, דאָס ווען ער האָט גערופען זיין פינצטערען חזון, האָט אים קיינער ניט געגלויבט, וואָרים מענשען האָבען שוין אַזאַ טבע, אַז ווען עס גייט זיי גוט, ווילען זיי גאָר ניט גלויבען אין שלעכטס.

אָבער דער נביא האָט שוין דעמאָלט געוואוסט און פאָראויסגעזעהען, וואָס פיל קלוגע מענשען אין אונזער צייט זעהען און פאַרשטייען.

ער האָט געוואוסט, אַז אין אַ לאַנד פון גרויסע שפע, וואו דער האַנדעל איז שטאַרק אַנטוויקעלט און די אינדוסטריעס וואַקסען, קלייבען זיך די רייכטימער אין איינצעלנע הענט, און וואָס מער יענע ווערען רייכער, אַלץ ווערען די פאָלקס־מאַסען אָרימער. אַזוי איז געווען דעמאָלט, ווי מען זעט עס אין פיל לענדער היינט.

עס זיינען אויך דעמאָלט רייך געוואָרען די סוחרים, וועלכע האָבען געפירט אַ גרויסען אימפּאָרט און עקספּאָרט האַנדעל; האָבען מאָנאָפּאָליזירט אַלע מערק און קאָנטראָלירט די פּרייזען; עס זיינען געוואָרען רייך די אַריסטאָקראַטען, די פעאָדאַלען, וואָס האָבען פאַרכאַפּט גרויסע לענדערייען, פון וועלכע זיי האָבען אַרויסגעצויגען אוצרות. דער קליינער פאַרמער און דער האַרעפּאַשנער אַרבעטער זיינען פונקט ווי היינט אין אַמעריקע, געווען אויף גרויסע צרות; געאַרבעט פאַר אַ הונגער־לוין, געווען פאַרמאַרגעידזשט צו די געלט־זעק, און ווען זיי האָבען ניט געקאָנט באַצאָלען די חובות, האָבען די גרויסע האַרען זיי פאַרקויפט אין שקלאַפעריי.

„שריך סוררים וחברי גנבים כלו אהב שחד ורדף שלמונים״ — דיינע פירשטען זיינען אַ הפקר׳דיג גנבים־געזינדעל, וואָס זוכט כאַבאַר און יאָגט זיך נאָך אַן אומעהרליכען פאַרדינסט.

די פירשטען, אָבער ניט דער איינפאַכער איד, די רייכע, ניט די אָרימע. און אויב עמיצער האָט זיך צו פאַרטראַכטען אין דעם אומעטיגען שבת חזון, זיינען עס די אידישע „באָסעס״, וואָס ווילען ניט באַשעפטיגען קיין אידישע אַרבעטער; די רייכע אידען, וואָס אַנטלויפען פון אידען; די אידען, וואָס באַרעדען אידען, וואָרים — „ציון במשפט תפדה ושביה בצדקה״ — דאָס מיינט: אידען מוזען פראַקטיצירען רעכט און גערעכטיגקייט, וועלען זיי זיכער געהאָלפען ווערען.

אַזוי זאָגט דער נביא אין דער הפטורה פון שבת חזון.

מען דאַרף געדענקען די אידישע שמחות

ווייל אין פרייד דערנעהענטערען זיך די מענשען אין פריינדשאַפט. — שמחת בית השואבה.

ווען אַ מענש געפינט זיך אין אַ געהויבענער שטימונג, ווען ער פילט צופרידען און גליקליך, און עס איז אים, אַזוי־צו־זאָגען, גוט אויפ׳ן הארצען, וואָלט ער זיך צעקושט מיט דער גאַנצער וועלט, געפאַלען יעדען אויפ׳ן האַלז, און מיט אַלעמען זיך געטיילט זיין פרייד. אַזוי איז שוין אַ מענשענ׳ס טבע, וואָס איז געוויס זעהר לויבענסווערט.

אין אַט דעם צושטאַנד פון גליקזעליגקייט און זעלישען פאַרגעניגען האָט, לויט ווי די גמרא דערציילט, זיך געפונען אין אַ גע־

וויסען שמחת בית השואבה דער נביא יונה, וועלכער איז באַרימט ביי די אַמעריקאַנער אידען צוליב זיין מפטיר יונה — נאָר דעמאָלט איז ער נאָך קיין נביא ניט געווען.

ניט פיל אידען אין אַמעריקע האָבען געהערט פון שמחת בית השואבה, און די וואָס האָבען יאָ געהערט, ווייסען אפשר אויך ניט דעם באַטייט. אָבער אין די אַלטע צייטען פון בית־המקדש איז די שמחה פון בית השואבה געווען גאָר אַ גרויסע פריידיגע גע־שעהעניש, ווען מען פלעגט אין אַן אָוונט פון חול־המועד סוכות, גיין מיט געזאַנג און קלאַנג און מיט זעלטענע צערעמאָניעס צום שילוח, צו שעפּען וואַסער פאַר׳ן מזבח.

און די שטאָט איז געווען ווי פאַרטרונקען אין אַ ים ליכט, און קאַפּעליעס מוזיק האָבען געשפּילט, און אַלע האָבען געזונגען נאַציאָנאַלע לידער, און מען האָט געטאַנצט אַקסל צו אַקסל. איין גרויסע מענשען־כוואַליע, אַזוי ווי צוזאַמענגעגאָסען אַלע אינאיינעם און איינער אין אַלע און יעדער מיט אַ געפיל פון זיכערקייט און פרייד, וואָס האָט אַריבערגעשטיגען אַלע גרעניצען.

ניט אומזיסט דערציילען די אַלטע לערער, אַז ווער עס האָט ניט צוגעזען די שמחת בית השואבה, האָט ניט געזען קיין אמת׳ע שמחה אין זיין לעבען.

און עס איז געווען די שמחת בית השואבה, וואָס האָט, לויט דער מיינונג פון דער גמרא, באַאיינפלוסט יונה׳ן צו ווערען אַ נביא ביי אידען.

ער איז פריער קיינמאָל קיין נביא ניט געווען, נאָר אַ פּשוט׳ער איד פון ערגעץ אַ שטעטל אין דעם אידישען הינטערלאַנד, וועל־כער פלעגט מיט זיין ווייב קומען אין ירושלים אויף יעדען גרויסען יום־טוב, ווי אידען זיינען פאַרזאָגט. איז ער אויך אין יענעם יום־טוב סוכות געקומען, און די באַגייסטערינדעגע סצענעס פון גליק־

ליכער פרייד און ברידערליכקייט, וואָס ער האָט צוגעזען צו שמחת בית השואבה, האָבען אים אַריינגעבראַכט אין אַזאַ עקסטאַז, אַז ניט נאָר איז זיין אייגען פאָלק אים געוואָרען נאָענט צום האַרצען, נאָר עס האָט זיך אין אים דערוועקט אַ הייסע פריינדשאַפט צו דער מענשהייט בכלל, און קודם כל האָט ער זיך דערמאַנט אָן דעם שכן אשור מיט זיין הויפטשטאָט נינוה.

די גמרא־לייט, וועלכע זיינען געוואוינט צו ריידען קורץ, גיבען־איבער די געשיכטע בקיצור, אַז צו שמחת בית השואבה האָט אויף יונה׳ן פלוצלינג גערוט דער רוח הקודש און ער האָט געקראָגען די נבואה צו גיין וואָרענען די גרויסע שטאָט נינוה, אַז אין פערציג טעג אַרום וועט זי חרב ווערען, אויב די מענשען וועלען נישט תשובה טאָן און זיך רעפאָרמירען.

אָבער פון וואַנען האָט צו דעם איינפאַכען אידען פלוצלינג זיך גענומען אַזאַ אינטערעס צו פרעמדע מענשען, אַז ער איז צוליב זיי געוואָרען אַ נביא?

עס איז קלאָר, אַז דאָס איז דער מוט און די מונטערקייט פון דעם צופרידענעם, גליקליכען מענשען, וואָס וויל זען אַלעמען גליקליך, ווי ער אַליין איז. ער איז ניט ווי דער מרה־שחורה׳ניק, וואָס גייט־אַרום ווי הינטער דער וואַנט און ווערט אויפגעפרעסען פון זיין אומעט, וואָרים אַזעלכער איז פאַרביסען און פאַרביטערט קעגען דער גאַנצער וועלט און קעגען זיך אַליין. ער קאָן ניט זיין אַ פריינד צו קיין מענשען, און פאַרליידט ניט, אַז אימיצער זאָל זיין גליקליך, ווייל ער אַליין איז ניט גליקליך. נאָר אין מונטערער פרייד איז אַ מענש מסוגל צו ליבע און פריינדשאַפט צו אַנדערע.

און די רוישיגע פרייליכקייט פון שמחת בית השואבה האָט פאַרכאַפּט אויך אונזער יונה׳ן, און אַ פריינדשאַפט צו דער גאַנצער וועלט האָט זיך אין אים דערוועקט, אַז ער איז געוואָרען שטאַרק

פאַרזאָרגט פאַר דעם גורל פון נינוה, וואָס איז אין געפאַר חרב צו ווערען אין פערציג טעג אַרום.

ער האָט שוין געוואָלט לויפען אַהין מיט זיינע נביאות און דערפילען זיין מיסיע, נאָר דאָ האָט ער פלוצלינג זיך דערמאָנט, אַז די אייגענע העמד איז נעהענטער צום לייב, און איידער ער גייט פאַרזאָרגען נינוה זאָל ער בעסער פריער זאָרגען פאַר זיין אייגען פאָלק און פאַרהיטען עס פון אַן אומגליק.

וואָרים אויב ער וועט וואָרענען נינוה קאָן דאָך גריילעך זיין, אַז די מענשען דאָרט וועלען טאַקע טאָן תשובה, זיי וועלען זיך רעפאָרמירען, און מיט דעם כוח פון תשובה וועלען זיי נאָכדעם באַפאַלען די אידען, פון וועלכע אשור איז אַן אייביגער שונא. ווי קאָן ער דאָס טאָן צו שטאַרקען די הענט פון די אידישע שונאים, אַז זיי זאָלען נאָכדעם חרב מאַכען דאָס אידישע לאַנד ?

אָבער אַ הומאַנטאַריער איז ער דאָך, און אַ נבואה האָט ער איבערצוגעבען, און יונה בן אמתי — אַזוי זאָגט דער מדרש — האָט געמאָנט דאָס רעכט פון דעם זוהן און ניט פון דעם טאַטען, דאָס מיינט — ער האָט זיך איינגעשטעלט פאַר אידען און ניט פאַר נינוה, ווי ער איז פאַרזאָגט געוואָרען, און ער איז גאָר אַנטלאָפען פון גאָט, כביכול, זיך געזעצט אויף אַ שיף, געלאָזט זיך אַריינוואַרפען אין ים, געוואָרען פאַרשלונגען פון אַ פיש און אַריבערגעטראָגען גאַנצע פעק מיט צרות, אָבי צו ראַטעווען זיין פאָלק פון נינוה׳ס תשובה.

דאָס איז דער גייסטיגער כוח, וואָס, לויט, ווי די גמרא מיינט, דער נביא יונה האָט געשעפט פון שמחת בית השואבה; דאָס איז די גייסטיגע קראַפט, וואָס איז באַהאַלטען אין יעדער אידישער שמחה, ווען אידישע מענשען קומען זיך צוזאַמען און פילען זיך צוזאַמענגעבונדען אין פריינדליכקייט און צוטרויען.

אָבער אידען אין גלות קאָנען זיך ניט פרייען, און די אידישע שמחה איז פאַרשטערט. און אויב עס געפינען זיך נאָך וואו-ניט-וואו אמת־פרומע אידען, וואָס ווייסען דעם באַטייט פון שמחת בית השואבה, איז זי אָבער מערסטענס פאַרגעסען, אַז עס איז פון איר קיין זכר ניט געבליבען.

און דאָך וואָלט עס נויטיג זיין ווידעראַמאָל צו באַנייען איר אין אונזערע זכרונות, ווייל אין שמחת בית השואבה, ווי אין יעדער נאַציאָנאַלער אידישער שמחה, ליגט דער כוח צו דערנהנטערען אַ אידען מיט ליבע און רעספעקט צו זיין פאָלק, אפילו ווען ער איז ניט קיין נביא.

קהלת

די פילאָזאָפישע שיטות פון די אַלטע גריכען און דער אידישער שטאַנדפונקט.

ווען דער גרויסער אידישער קעניג שלמה איז געקומען אין זיינע אַלטע יאָרען — אַזוי דערציילט די ביבעל — האָבען זיינע ווייבער אָפּגענויגט זיין האַרץ צו דינען פרעמדע געטער, ווי עשתורת און כמוש, וואָס זיינען, ווי באַקאַנט, געווען לוסטיגע געטער פון וויין, ווייב און געזאַנג.

ווי אַזוי אַ קלוגער מענש ווי שלמה האָט אויף די אַלטע יאָרען געקאָנט אַזוי ווייט זיך באַנאַרישען, איז גראָד קיין קשיא ניט. מען ווייסט שוין ניט פון היינט, אַז ווייבער קאָנען פאַרפירען דעם קליגסטען מאַן אין אלף השישי אַריין.

נאָר עס לאָזט זיך עפּעס ניט שיקען, אַז בעת ער, אונזער שלמה,

איז געווען פאַרנומען מיט זיינע פאַרגעניגענס און מיט די ווייבער, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אָנשרייבען אַזאַ ערנסט ווערק מיט אַ פרום־מאָראַלישען אויספיר, ווי קהלת, וואָס אידען לייענען היינט אין זייערע שולען.

קהלת, ווי יעדער איד וויסט, איז איינע פון די פינף מגילות, אָדער ספרים, וואָס מיר לייענען אין די גרויסע ימים־טובים און אין עראינערונג פון געוויסע נאַציאָנאַלע געשעהענישען, און אַט וואָס די אַלטע אידישע געלערנטע דערציילען וועגען דער היינ־טיגער מגילה:

דער שרייבער פון קהלת, זאָגען זיי, איז שלמה המלך. ווען ער איז געווען יונג, אין דעם פרילינג פון מענשליכען עלטער, האָט זיך אים געשיר־השירים׳ט, האָט ער געזונגען פון ליבע און ווייך, פון שיינקייט און אויפבליאונג, און דערפאַר, הייסט עס, לייענט מען טאַקע שיר השירים אין דער פרילינגס־צייט פון פסח.

און אין די מיטעלע יאָרען, ווען די הייסע בלוטען ביי אַ מענ־שען ווערען אָפּגעקילט און מען קוקט שוין אויף דער וועלט מיט רוהיגע, ניכטערע בליקען, איז אונזער שלמה גאָר געוואָרען אַ בעל יועץ האָט אָנגעשריבען זיין משלי, אין וועלכען ער לערנט די מענשען די פראַקטישע זייט פון לעבען.

דאַן איז אָנגעקומען די בייזע עלטער. אַלע חושים זיינען אָפּ־געשוואַכט, די הענט ציטערן, די פיס בויגען זיך, עס זיינען „שנים שאין בהם חפץ", ווי קהלת באַקלאָגט זיך, יאָרען, וואָס טויגען סיי־ווי אויפ׳ן פייער, און אַז דער קלוגער שלמה האָט דערגרייכט צו אַט די יאָרען, זאָגען יענע געלערנטע, האָט ער געגעבען דער וועלט זיין קהלת מיט איין גרויסען זיפץ „הכל הבלים", אַז דאָס לעבען איז אין דעם לעבען ניט ווערט.

ניט אומזיסט, הייסט עס, לייענט מען קהלת אין סוכות, ווייל

עס איז די צייט פון הארבסט, ווען אויך די גאנצע נאטור זעט־אויס אלט און שוואך, און עס גיסט א קאלטער רעגען, און עס פרעסטעלט, און עס איז א מענשען זיין לעבען ניט ביחא.

עס איז זעהר טרויעריג אויף די אלטע יארען, זאגט קהלת.

אבער לויט ווי די ביבעל דערציילט, האט אונזער שלמה באַ־וויזען, אז אויך אויף דער עלטער קאן מען לעבען א גוטען טאג, אויב מען פארמאגט נאר די מיטלען, און עס לייגט זיך ניט אויפ׳ן שכל, אז אין זיינע פארגעניגענס האט ער זיך אוועקגעזעצט זיפצען — „הכל הבלים״.

דערפאר זיינען דא פיל געלערנטע, סיי אידישע און סיי קריסט־ליכע, וועלכע גלויבען, אז קהלת איז גאר ניט שלמה המלכ׳ס אר־בעט; עס הייסט, אז עמיצער אן אנדערער איז דער פארפאסער פון דער מגילה, כאטש מיר ווייסען ניט ווער ער איז.

נאר פאר אונז איז אין אמת׳ן ניט קיין נפקא מינה ווער דער שרייבער פון קהלת איז. א אידען מוז נאר אינטערעסירען דער אינהאלט פון קהלת, וואס איז איינס פון די וויכטיגסטע ווערק פון דער אלטער אידישער ליטעראטור.

קהלת איז ניט קיין נאמען פון א מענשען, כאטש עס איז דער־מאנט בפירוש קהלת בן דוד, אז קהלת איז דוד׳ס א זוהן; אבער עס איז אין ערגיץ ניט באקאנט, אז דוד האט געהאט א זוהן מיט אט דעם נאמען. פיל זיכערער איז, אז קהלת מיינט א זאמלונג, ווייל אין דער היינטיגער מגילה האט דער שרייבער צונויפגעזאמעלט די הויפט־פילאזאפישע סיסטעמען פון זיין צייט און האט זיי ארומ־גערעדט פון זיין ריין־אידישען שטאנדפונקט.

מען גלויבט, אז דאס איז געווען אומגעפער מיט א פינף הונ־דערט יאר פאר דער היינטיגער צייטרעכענונג, ווען די גריכען, וואס זיינען געווען באקאנט פאר די חכמים פון אלטערטום, האבען

געגעבן דער וועלט דריי פילאָזאָפישע שיטות: די סטאָאישע, די עפיקורעיאישע און די סקעפּטישע.

און די אַלע דריי סיסטעמען ווידערשפּרעכען זיך איינע די אַנדערע, זיינען זיך סותר איינע דער צווייטער, און וואָס איין פילאָזאָפיע בויט, צעברעכען די איבעריגע.

די סטאָאיקער, למשל, לערנען אַז אמת'ע חכמה און גוטע מידות אין אַ מענשען ליגען ניט אין די דרויסענדיגע אומשטענדען, נאָר אין דער נשמה גופא; און כדי צו דערגרייכען צום תכלית השלימות, צו דער הויכער מדרגה פון קלוגשאַפט און גוטע זיטען, מוז אַ מענש אונטערדריקען זיינע פאַרלאַנגען און דערשטיקען אין זיך זיינע געפילען.

לערנען אָבער די עפיקורייער פונקט פאַרקערט, אַז דער תכלית פון לעבען איז נאָר צו עסען און טרינקען און געניסען אַלע פאַרגעניגענס פון דער וועלט, ווי איינער קאָן זיך פאַרגינען, ווייל די איינציגע, אמת'ע מאָראַל ליגט דוקא אין אַ מענשענ'ס געפילען. מיר זיינען גליקליך, ווען אונזער קערפּער און גייסט זיינען פריי פון וויטאָגען און זאָרג. ווייטער גיבען מיר נישט קיין שמעק טאַבאַק פאַר אַלע זיטליכע ראַנגלענישען.

קומען די סקעפּטיקער אָדער צווייפלער און צעוואַרפען די ביידע פילאָזאָפישע בנינים. די סקעפּטיקער האַלטען, אַז דער מענשליכער שכל איז בכלל ניט מסוגל צו באַגרייפען די גרויסע אמת'ן פון לעבען. זיי זאָגען, אַז מענשען וועלען אפשר קיינמאָל ניט קאָנען זיך דערגרונטעווען צום תכלית פון דעם באַשאַף, אָדער ווי קהלת דריקט אויס דעם געדאַנק פון די סקעפּטישע פילאָזאָפען מיט די ווערטער:

„מי יודע אם רוח בני האדם העולה היא למעלה ורוח הבהמה היורדת למטה לארץ" — ווער ווייסט, אויב דעם מענשענ'ס גייסט

שטייגט אַרויף אין דער הויך און דער גייסט פון די אַנדערע באַ־שעפענישען זינקט אַרונטער אין דער ערד. יאָ, ווער ווייסט?

נעמט קהלת אָט די דריי הויפּט־פילאָזאָפישע שיטות פון די אַלטע גריכען, שטעלט זיי אַוועק איינע קעגען דער אַנדערער, דער־מאָנט די עפּיקורייאישע לעבענס־אַנשויאונג:

„טוב מלא כף נחת ממלא חפנים עמל" — בעסער איין הויפען צופרידענקייט, איידער צוויי הויפענס דורך אַרבעט און זאָרג. גייט נאָכדעם אַריבער צו דער סטאָאישער לערע:

„החכמה תעוז לחכם" — די חכמה, ווי זיי באַגרייפען, שטאַרקט דעם פאַרנינפטיגען.

קהלת רעדט זיי אַלע אַרום און קומט צו זיין אידישען אויס־פיר, אַז דעם מענשענ׳ס וואוילזיין און זיין גליק הענגען אָפּ פון אים אַליין, פון זיין אויפפירונג אין פּריוואַטען לעבען, אין דער פאַמיליע און אין געזעלשאַפטליכען לעבען — אין זיינע כלל־אַר־בעטען. ווען אַ איד לעבט אידישליך, איז אַ גוטער מאַן צו זיין וויב, אַ גוטער פאָטער צו זיינע קינדער, אַ גוטער שכן און אַ פריינט צו זיינע מיטמענשען — דאַן לעבט ער זיכער אין צופרידענקייט און גליק.

און דאָס איז דאָך צו וואָס די אַלע פילאָזאָפישע שיטות שטרע־בען, נאָר זיי גיבען דעם מענשען גאָר ניט; אַ איד אָבער קאָן זיין גליקליך, ווען ער דערפילט זיינע אידישע פליכטען —

„כי זה כל האדם" — דאָס איז דער תכלית פון דעם אידישען מענשען.

אַזוי האָט קהלת דערקלערט זיין אידישען שטאַנדפּונקט קע־גען די גריכישע פילאָזאָפען, און דאָס איז דער זין פון דער מגילה.

די געשיכטע וואָס מען דאַרף לערנען

די אידישע געשיכטע, לויט ווי דער אידישער פילאָזאָף האָט זי פאַרשטאַנען. — „צום גדליה".

וון דער גרויסער דיכטער און פילאָזאָף ר' יהודה הלוי האָט פאַרפירט זיין באַרימטען וויכוח צו באַווייזען, אַז די אידישע אמונה שטייט ווייט העכער איבער די אַנדערע וועלט־רעליגיעס, האָט ער זיך אָוועקגעשטעלט אויף דעם פונדאַמענט פון דער געשיכטע.

ער האָט געוואוסט, אַז רעליגיע איז אַ געפילס־זאַך, וואָס לאָזט זיך בכלל ניט דעבאַטירען, וואָרים יעדער מענש איז צוגעטאָן צו דעם גלויבען, אין וועלכען ער איז געוואַקסען און האָט איינגעזויגען מיט דער מאַמע'ס מילך. רעליגיע איז סענטימענטאַליטעט, געפיל, און ווען אַ מענש פילט פאַר עפּעס, וועט איר עס פון זיין קאָפּ מיט קיין האַק ניט אַרויסשלאָגען.

דערפאַר האָט דער אידישער פילאָזאָף זיך ניט אָפּגעשטעלט אויף די אַנדערע אמונות. ער האָט ניט געזוכט צו באַווייזען, אַז יענע רעליגיעס האָבען פאַרקרימט און זיינען פאַלש, נאָר אַז די אידישע רעליגיע איז אמת.

און די אידישע רעליגיע מוז דאָך זיין אמת, וויל בעת אַלע אַנדערע אמונות הענגען אָפּ נאָר פון געפיל, פון גלויבען, איז די אידישע אמונה אַ שטיק מענשליכע געשיכטע.

אַזוי האָט ר' יהודה הלוי אין זיין באַרימטען וויכוח מיט דעם כאַזאַרען־קעניג געזוכט אַרויסצוברענגען, אַז אידישקייט איז, אַזוי־צו־זאָגען, אַ היסטאָרישע רעליגיע, וויל זי איז געבויט אויף היס־

טאַרישע פאַקטען, וואָס קאָנען ניט אָפּגעלייקענט ווערען.

און דאָס איז דאָך אמת; ווארים וואָס איז די גאַנצע אידישע תורה, אויב ניט געשיכטע?

די תורות פון די אַנדערע רעליגיעס רעדען פון מלכות שמים, פון הימעלשען קעניגרייך, פון גלויבען און פון לויב אויף גאָט דעם וואונדער־טוער; אָבער אין דער אידישער תורה געפינט איר דערפון כמעט גאָרנישט.

די אידישע תורה פאַנגט אָן מיט אַ גאַנץ קורצער באַשרייבונג פון דעם וועלט־באַשאַף, אָבער זי גייט באַלד אַריבער צו דער גע־שיכטע ווי אַזוי די פעלקער האָבען זיך אַנטוויקעלט, ווי אַזוי זיי האָבען זיך צעטיילט, און איבערהויפּט פאַרנעמט זיך די תורה טאַקע מיט דער אידישער געשיכטע. אפילו די מצוות זיינען די אידען געגעבען געוואָרען, אום זיי זאָלען זיך דערמאָנען אויף זייער גע־שיכטע.

ניט אומזיסט האָט משה פאַרזאָגט, אַז אידען זאָלען געדענקען זייער געשיכטע, ווייל אום צו זיין אַ גוטער איד מוז מען לערנען און קענען די אידישע געשיכטע.

און געוויס איז די געשעהעניש, וואָס האָט פּאַסירט מיט קאַרגע 24 הונדערט יאָר צוריק, אַ וויכטיגער קאַפּיטעל אידישע געשיכטע — די געשעהעניש, וואָס האָט געפירט צו „צום גדליה“, צו דעם פאַסט־טאָג נאָך גדליה׳ן.

דאָס איז געווען פיר יאָר נאָך דעם גרויסען אומגליק, וואָס איז באַקאַנט אַלס „דער ערשטער חורבן“.

דאָס לאַנד איז געווען חרב ומוחרב. פון די פיר מיליאָן אידען, וואָס ארץ־ישראל האָט פאַרמאָגט אין דוד המלכ׳ס צייטען און וואָס האָבען זיך פאַר די קאַרגע 500 יאָר ביז צום חורבן נאַטירליך פאַר־מערט, זיינען געבליבען קוים 800 נפשות. פון די אַלע מיליאָנען

זיינען אַ טייל אויסגעַהרג׳עט געוואָרען, אַ טייל פאַרשלעפּט געוואָרען אין געפאַנגענשאַפט, אַנדערע פאַרקויפט אין שקלאַפעריי און פיל זיינען אַנטלאָפען און צעשפּרייט געוואָרען אין פרעמדע לענדער.

און די עטליכע הונדערט איבערגעבליבענע זיינען אויך געווען די אָרימסטע פון די אָרימע, די „דלת העם", אויף וועלכע די זיגער האָבען זיך קוים אומגעקוקט און זיי איבערגעלאָזען אויף זייער לאַנד אונטער דער פירערשאַפט פון דעם אידען גדליה בן אחיקם.

גדליה האָט געהערט צו דער פרידענס־פּאַרטיי פון דעם נביא ירמיהו, וועלכער האָט שטענדיג געוואָרענט, אַז ווען מען קאָן ניט אַרויף מוז מען אַרונטער, און אַז ווען אידען זיינען צו שוואַך צו פירען מלחמות, מוזען זיי זיך אונטערוואַרפען צו דער הערשאַפט פון דעם שטאַרקערען, פון בבל.

אַזוי איז אויך געווען די מיינונג פון גדליה. דערפאַר האָבען די זיגער געהאַט צו אים צוטרוי. און סיי ווי האָבען זיי קיין מורא ניט געהאַט, אַז דאָס קליין הייפעלע אידען וועט וואַגען צו רעוואָלטירען, און גדליה איז געווען פריי צו העלפען די אָרימע אויף וויפיל דאָס איז אים מעגליך געווען.

ער האָט דאָס חרב׳ע לאַנד צעטיילט צווישען דעם הייפעל היימלאָזע, געמאַכט זיי פאַר ערד־אַרבעטער, געבויט פאַר זיי הייזער און איינגעפירט נויטיגע רעפאָרמען.

און ווען אידען זיצען אויף זייער לאַנד, בליהען זייביידע. די קליינע באַפעלקערונג פון דעם אידען־לאַנד האָט זיך פאַרגרעסערט, די אַלטע רעוואָלוציאָנערען קעגען בבל זיינען געקומען צוריק און געשוואָרען טרייהייט צו גדליה׳ן, און אויף די פעלדער איז געווען אַ גרויס גערעטעניש.

ארץ־ישראל האָט אָנגעהויבען קומען צו זיך. אין דער בייער

אידישער הויפטשטאָט מצפה האָט ווידער אַמאָל זיך אָנגעפאַנגען אַ רוישיג אידיש לעבען.

און מיט איינגעהאַלטענע אָטעמס און מיט דער גרעסטער שפּאַ־נונג האָבען די געפאַנגענע אין בבל געהערט פון דער תחית־המתים פון זייער לאַנד, און אַ נייע האָפענונג האָט אין זיי ערוואַכט, די האָפענונג אויף אַ באַלדיגען צוריקקער אין זייער היימלאַנד.

זיי האָבען געהערט, אַז ארץ־ישראל לעבט ווידער אויף און געזען פאַר זיך אַ שנעלע גאולה; און אָט די האָפענונג, אַז זייער לאַנד ווערט צוריקגעבויט, האָט זיי געשטאַרקט אין גלות און זיי געהאַלטען צוגעבונדען צו זייער פאָלק.

און דאָס זיינען אין אמת'ן געוועזען די גרעסטע פאַרדינסטען פון דעם פירער גדליה פאַר זיין אָרימער, געשלאָגענער אומה; וואָרים העלפענדיג דעם היפּעלע אידען אין ארץ־ישראל האָט ער דער־מיט אויפגעמונטערט די פאַרטריבענע אין בבל און געשטאַרקט אין זיי דעם גלויבען, אַז זיי אַליין וועלען אויך צוריקקומען יעדער אונ־טער זיין ווייבשטאָק און אונטער זיין פייגענבוים.

אַזוי איז עס אַלעמאָל, אַז ווען דאָס אידיש לאַנד בויט זיך, קלאַפּען שטאַרקער די אידישע הערצער אין אַלע גלות־לענדער.

דאָך, לויט ווי די טראַדיציע דערציילט, האָט אַ באַנדע אַלטע רעוואָלוציאָנערען, שונאים פון בבל, אין דעם 3טען טאָג אין תשרי, דער'הרג'עט גדליה'ן מיט אַלע זיינע פריינט און די באַאַמטע, און מורא האָבענדיג פאַר דער ראַכע פון דעם בבל'שען הערשער איז דאָס ביסעל אידען פון ארץ־ישראל אַנטלאָפען און זיך צעשפּרייט אין אַלע גלות־לענדער.

דער טויט פון גדליה'ן איז, ווי מען קאָן זיך פאָרשטעלען, גע־ווען אַ מורא'דיגער קלאַפּ פאַר די האָפענונגען פון די געפאַנגענע אין בבל, וועלכע האָבען אין דעם אונטערגאַנג פון דעם „יתר הפליטה“

אין ארץ־ישראל געזען דעם אונטערגאנג פון זייער פאלק. טא וואס בלייבט זיי איבער אויב ניט זיך צו אסימילירען?

און ווי שנעל עס איז ביי אידען אנגעגאנגען דער פראצעס פון אסימילאציע אין דעם אזוי־גערופענעם „גלות בבל" דערציילען אונז עזרא, נחמיה און אנדערע. אין די קורצע 70 יאר פון זייער גלות האבען אידען פארגעסען זייער תורה, זייער שפראך און זיינען אריין אין געמישטע הייראטען.

ווייל כדי צו בלייבען א איד מוז מען זיין צוגעבונדען צום אי־דישען לאנד, מען מוז האפען אויף א אידישער גאולה, אויף א אי־דישער צוקונפט.

דאס באווייזט אונז די געשעהעניש פון „צום גדליה", און דאס דערציילט אונז די אידישע געשיכטע בכלל.

און מען דארף זי לערנען.

דעם אידענ'ס געבעט אין הושענא רבה

אבער עס לוינט זיך אריינצוקוקען אויך אין די אנדערע אידישע תפילות און טאקע זיי פארשטיין.

הושענא רבה.

ניט קיין גרויסער יום־טוב. אין סך־הכל איז ער דער פערטער טאג פון א האלבען יום־טוב, פון חול המועד; אבער פאר דעם פרומען אידען איז עס „גמר הדין". דער עפילאג, דער שלוס פון דער גרויסער רעליגיעזער דראמע, וואס איז באקאנט אלס ימים־נוראים, אזוי ווי דער זוהר זאגט:

„ופתקין נפקא מבי מלכא" — הושענא רבה ווערען ארויס־

געגעבען די צעטלעך, דער „ווערדיקט״ פון דעם הימעלשען קאורט, וואָס האָט צען טעג לאַנג גע׳משפט אַלע באַשעפענישען.

און דערוואַרטענדיג זיין ווערדיקט, זיין פסק־דין, קומט דער איד ווידער אַמאָל בעטען פאַרציאונג, אַלגעמיינע פאַרצייאונג ניט פאַר זיך אַליין, נאָר פאַר זיין גאַנצען פאָלק.

דאָס איז בכלל דער זין פון הושענא רבה, לויט ווי דער גלויביגער איד פאַרשטייט אים.

אָבער, צי איז איינער אַ גלויביגער איד, צי ניט — עס לוינט זיך אַריינצוקוקען אין די תפילות, וואָס ווערען געזאָגט אין די שולען; תפילות, אין וועלכע עס שפּיגלען זיך אָפּ דעם אידען׳ס לעבען, זיין כאַראַקטער, זיינע אידעאַלען און זיינע האָפענונגען.

מיר נעמען דאָ איינע פון די תפילות, איבער וועלכער עס איז שוין אַמאָל געשריבען געוואָרען, און וועלכע פאַנגט זיך אָן מיט די ווערטער: „אום אני חומה״, און אין אונזער אידישער איבערזעצונג לייענט זי זיך אַזוי:

„איך בין אַ פאָלק, שטאַרק ווי אַ מויער און קלאָר ווי די זון, און דאָך ווער איך געטריבען און אַרומגעוואָרפען ווי אַ פּאַלמען בוים, צעטרייסעלט פון שטורעם. צוליב דיר, גאָט, ווער איך גע־הרג׳עט און באַטראַכט ווי אַ שעפּס צום שלאַכטען; צעזייט און צעשפּרייט צווישען שונאים, ווייל איך בין צוגעבונדען און באַ־העפט מיט דיר און שלעפּ אויף זיך דיין יאָך. איך בין דער איינציגער, וואָס גלויבט אין דיר אַלס דעם איינציגען גאָט, און כאָטש איך ווער דערפאַר געפּייניגט אין גלות, לערן איך דאָך מורא צו האָבען פאַר דיר. מיינע באַקען ווערען געפּאַטשט, איך בין איבער־געגעבען אין די הענט פון שלעגער און ליידען לייד איך פאַר דיר, איך, אָרימע און אומגליקליכע. און מיר זיינען עס, הייסט עס, די אויסגעלייזטע דורך גאָט׳ס גוטסקייט, די הייליגע שעפּסעלעך, די

קהלות יעקב, וואָס זיינען באַצייכענט מיט דיין נאָמען; טאָ שרייען מיר צו דיר: העלף! און מיר פאַרלאָזען זיך אויף דיר, אַז דו וועסט אונז העלפען".

די איבערזעצונג איז אפשר ניט גאַנץ ריכטיג, אָבער אַזוי פאַרשטייען מיר דעם טייטש פון דער תפילה, וואָס איז אי ריהרענד, אי פאַרביטערט, אי שטעכיג, און אין וועלכער עס אַנטפּלעקט זיך דער אמת'ער אידישער כאַראַקטער, ווי מיר קענען אים.

דער איד, ווי עס ווייזט זיך אַרויס פון אָט דער תפילה, ליידט ניט פון, וואָס מען רופט „אינפיריאָריטי קאָמפּלעקס", אין וועלכער ער ווערט אָפט באַשולדיגט. ער האַלט זיך ניט נידעריגער פון אַנדערע מענשען; פאַרקערט, ער פילט, אַז ער איז שטאַרק ווי אַ מויער און וועט איבערלעבען אַלע זיינע בייע שונאים, ווי ער האָט איבערגעלעבט די אַלטע, פון די פריערדיגע צייטען.

און אין פאַרגלייך צו אַנדערע איז ער קלאָר ווי די זון. מען געפינט ביי אים קיינמאָל ניט אַזעלכע פאַרברעכער, ווי מען הערט און מען לייענט פון פרעמדע פעלקער. דער איד, ווי דער פאַרפאַסער פון דער תפילה פאַרשטייט, איז אַלעמאָל בעסער פון דעם גוי, ער האָט מער מעלות פון יענעם.

אָבער ער ליידט טאַקע דערפאַר, ווייל ער איז אַ איד. זיין גלויבען אין איין־איינציגען גאָט מאַכט אים פאַר דעם כפרה־הינדעל פאַר אַלע „זיבעציג אומות". רייסט מען אים, צופּט מען אים, שליידערט מען אים אַרום ווי אַ פּאַלמען בוים, וואָס ווערט געטרייסעלט פון שטורעם. און אין די באַקען פּאַטשט מען אים, און ווער עס האָט אַ האַנט שלאָגט אים.

נאָר פאַרלירען דעם מוט און זיך אונטערגעבען, דאָס ליגט ניט אין דעם אידען'ס כאַראַקטער. און אַז עס ווערט אים שוין גאָר ביטער, מאַכט ער איבער זיך אַליין אַ וויץ, רופט ער זיך די

הייליגע שעפסעלעך, די צאן קדושים, די קהלות פון „דזשייקאָב״ פססס... פססס... און זאָגט אַריין אַ שטעכווערטעל דעם צוויי'טען אויך, אפילו גאָט אַליין.

אַזוי איז דער איד געווען אויך אין די ערגסטע צייטען פון זיין געשיכטע. אַז קיין גערעכטיגקייט האָט ער אין ערגיץ ניט גע־קאָנט געפינען און זיין לעבען איז געהאַנגען אויף אַ האָר, האָט ער אַלע זיינע צרות אָפּגע'פּטר'ט מיט אַ וויץ און האָט גרויס הנאה געהאַט, ווען דער וויץ האָט געטראָפען זיין גוי'אישען שונא אין זיבעטער ריפּ.

מען דערציילט אַזאַ וויץ פון דעם באַרימטען רב ר' מאיר פון רוטענבערג, וועלכער איז ביטער פאַרפאָלגט געוואָרען פון די גויים און איז שפּעטער געשטאָרבען אין געפענגעניש.

ברענגט מען אַמאָל דעם גרויסען רב אַ געפאַנגענעם פאַר דעם שר, פאַר'ן פריץ פון שטאָט, וועלכער האָט צו אים טענות פאַרוואָס אידען ווילען זיך ניט אויס'שמד'ען. „אַ פאָלק פון עקשנים זייט איר, — בייזערט זיך דער פריץ, — פאַרוואָס ווילט איר ניט גלוי־בען אין גאָט'ס זון? אין דער גאַנצער וועלט איז עס אָנגענומען, אַז ביי אַ רייכען טאַטען איז דער זון אויך אַ בטוח. פאַרוואָס איז יעזוס, גאָט'ס זון, ביי אייך ניט באַטרויט?״

„ווייל זיין טאַטע לעבט אייביג — ענטפערט דער מהר״ם — און קיינער אין דער וועלט געטרויט ניט אַ זון, וואָס קאָן ניט ער־וואַרטען קיין ירושה״.

אין זיינע בייסענדיגע וויצען און שטעכיגען הומאָר האָט דער איד אויסגעגאָסען זיין ביטער האַרץ און זיך געפילט באַרוהיגט, כדי ווייטער צו קאָנען פאָרזעצען דעם קאַמף.

און דאָס מערקט זיך אויך אין דער דערמאָנטער תפילה.

קלאָגט דער פּייטן איבער די אידישע צרות אין גלות, שיל־

דערט אַלע זייערע ליידען און חוזק׳ט אַביסעל אָפּ פון זיך אַליין, פון זיין פאָלק, און מאַכט אויך אַ וויץ קעגען דעם רבונו של עולם, פון וועמען ער פאָדערט דאָך הילף.

און וואָס פאַר הילף פאַרלאַנגט ער? רייכטום? מאַכט? נקמה פון די שונאים?

ער בעט נאָר „תתננו לשם ולתהלה״, דאָס מיינט, רעספּעקט פון די פעלקער, אָן עהרענהאַפטען נאָמען, ניט זיין קיין בזוי׳דיגער ארומוואַנדערער פון לאַנד צו לאַנד, נאָר צו האָבען אַן אייגענע היים, אַ באַלעבאָס פאַר זיך, מיט כבוד פון די שכנים.

און מען מעג אפילו זיין ניט קיין פרומער איד, אָבער עס לוינט זיך דאָך פון צייט צו צייט אַריינצוקוקען אין די אידישע תפילות און טאַקע זיי פאַרשטיין, וואָרים וויפיל געדאַנקען רופען אַרויס אַזעלכע תפילות, ווי די פון הושענא רבה!

דער אַמאָליגער „עומר״, היינטיגע ספירה

דער אויסדרוק פון אַ גליקליך פאַרמער פאָלק און דער צייכען פון גלות-טרויער.

אונזערע אידען אין דער אַלטער היים, דאָס מיינט, אַ גרויסער טייל פון זיי, האָבען גע׳סוחר׳ט, געהאַנדעלט, גע׳מנחם־מענדעל׳ט און גע׳חלומ׳ט פון גרויסע געשעפטען; אונזערע אידען אין אַמעריקע אין דער היינטיגער צייט פאַנטאַזירען פון גיין אויפ׳ן לאַנד. אַלע געשעפטען וואָלטען זיי מוחל געווען, אַבי צו ווערען פאַרמערס.

זאָל, אדרבא, זיך געפינען אַ פילאַנטראָפּ און אָנבאַטען יעדען

אידען אַ „פאַרמקע", און איר וואָלט געזען, ווי דער „סטאַרקיפּער" וואָלט צוגעשלאָסען זיין קראָם, דער אַרבעטער וואָלט אַוועקגעוואָרפען זיין וואַרשטאַט און אפילו דער מאַנופעקטשורער וואָלט פאַרלאָזען זיין שאָפּ — אַלע ציהען זיי היינט צום לאַנד, צו פאַרמעריי.

אמת, לויט ווי פאַכלייט דערציילען, איז נאָך קיין פאַרמער אין אַמעריקע ניט רייך געוואָרען פון פאַרמעריי. עס הייסט, אַז די זעקס מיליאָן פאַרמס, וואָס אַמעריקע פאַרמאָגט, זיינען פאַרמאָרגיידזשט אָדער פאַרשולדיגט אין ווייט אַריבער פיר ביליאָן דאָלאַר, און ווען די רעגירונג וואָלט ניט אַלע ווייַלע קומען צו הילף און ניט איבערנעמען דעם פאַרמערשען קאַפּוויטאַג, וואָלטען אפשר אַלע פאַרמערס זיך צעלאָפען פון זייערע נחלאות און אַלע פאַרמס וואָלטען געוואָרען פאַרוואַקסען מיט ווילד־גראָז.

נאָר אויב אפילו עס איז אמת, וואָס יענע פאַכלייט דערציילען, איז עס אויך ניט דעם אידען׳ס עסק; ער וויל פון גאָרנישט הערען; פאַר אים איז פאַרמעריי אַן אידעאַל, עס ציט אים צום לאַנד.

און דאָס איז ניט קיין וואונדער.

ער איז, אַזוי צו זאָגען, אויסגעקנאָטען פון אַ משפחה פון פאַרמערס. זיינע אור־עלטערן האָבען זיך באַשעפטיגט מיט פאַרמעריי און מיט האָדעווען בהמות; די ערשטע גרינדער פון דער אומה, ווי שאול און דוד, זיינען געווען מענשען פון לאַנד, און קיין קינסטלער ביי קיין אומה ולשון האָט ניט אַזוי שיין און אַזוי באַגייסטערט באַזונגען די נאַטור, אין וועלכער דער פאַרמער לעבט, ווי דאָס האָט געטאָן דער אידישער דיכטער. דאָס אידישע פאָלק, אינגאַנצען גענומען, איז געווען אַ באַגייסטערט פאַרמער פאָלק.

און דער בעסטער באַווייז איז טאַקע דער „עומר", וואָס אידען הויבען היינט אָן צו ציילען.

וואָס איז עומר?

דער רבי האָט אונז פאַרטייטשט: אַ גאַרב. דאָס איז געווען דער ערשטער סנאָפּ תבואה פון גערשטען, וואָס איז אָפּגעשניטען געוואָרען אויפ'ן פעלד און וואָס האָט געגעבען דעם סיגנאַל, אַז עס איז אָנגעקומען די שניט־צייט פאַר די פאַרמערס.

ווען מען רעדט מיט אַן אַמעריקאַנער פאַרמער, דערציילט ער אייך, אַז פאַר אים איז די שניט־צייט גאָר ניט קיין שמחה, וואָרים מיט וואָס זאָל ער זיך פרייען? אָפּשניידען די תבואה פון פעלד קאָסט געלט, און ווען עס איז אָפּגעשניטען, קומט דער „קאָמישאָנער" אָדער דאָס „פּעקינג הויז" און צאָלט אים אַ שיבוש. עס לוינט זיך גאָר ניט אַראָפּצונעמען די גערעטעניש פון די פעלדער, באַקלאָגט זיך דער אַמעריקאַנער פאַרמער.

און ביי אידען איז די שניט־צייט געווען איין גרויסער, לאַנגער, פאַרמערשער יום־טוב.

מען דאַרף נאָר לייענען מיט וואָס פאַר אַ פּאַראַד דער עומר, די ערשטע דריי סנאָפּעס תבואה, זיינען אין אונזער צווייטען טאָג פּסח געבראַכט געוואָרען אין בית־המקדש. שוין פאַר יום־טוב האָט בית־דין אַרויסגעשיקט וואַזשנע לייט אויסצוגעפינען די בעסטע גערשטען־זאַנגען, וואָס זיינען צייטיג צום שניידען, און פון אַלע שטעט אַרום זיינען אידען זיך צוזאַמענגעקומען, אום צוצוזען די צערעמאָניעס ביים שניידען דאָס ביסעל תבואה פאַר'ן עומר.

שטייט דער שניטער און שניידט די גערשטען־זאַנגען, בינדט זיי צוזאַמען אין דריי סנאָפּעס, אַרבעט ביז בין־השמשות מיט דעם גרויסען עולם אַרום אים, און ווען עס איז שוין פינצטער, רופט ער אויס מיט אַ שטאַרקער שטים: „די זון איז שוין אונטערגעגאַנגען" — „אונטערגעגאַנגען!", טראָגט זיך צו אים דער ווידער־קול פון דער גרויסער מענשען־מאַסע. „איך וועל שניידען!" — לאָזט ער זיי וויסען. „שניידען!" — טראָגט זיך דער ענטפער.

דריי מאָל רופט דער שניטער און דריי מאָל קריגט ער דעם ענטפער, און ווען די סנאָפּעס ערשט-צייטיגע גערשטען ווערען מיט פייערליכע צערעמאָניעס געבראַכט אין בית-המקדש, ווערען די קערנער אַרויסגעקלאַפּט פון די זאַנגען, געריינינגט, געקליבען, געבראַטען אין פייער, געמאָלען אין דער מיל און דער גרעסטער טייל פאַרטיילט צווישען דעם גרויסען עולם — אַ צייכען, אַז מען האָט זיך דערוואָרט צו דער נייער גערעטעניש.

און אַז דער סיגנאַל איז געגעבען געוואָרען, האָבען די פאַרמערס מיט שמחה זיך אַ נעם-געטאָן צו דער אַרבעט, און דאָס האָט ביי זיי געדויערט ביז צו שבועות, וואָס איז די ענד פון דער שניט-צייט.

דערפאַר טאָקע הייסט עס, אַז שבועות איז גאָר ניט קיין באַזונדערער יום-טוב; עס איז אַ חג-הקציר, אַ יום-טוב פון דער שניט-צייט, וואָס האָט זיך אָנגעפאַנגען אויף מאָרגען נאָכ׳ן ערשטען טאָג פסח; עס איז אַ המשך, אַ פאַרזעצונג פון פסח, און די צווישענצייט פון פסח ביז שבועות איז געווען איין לאַנגער חול-המועד — פרייליכע טעג פאַר די פאַרמערס און פאַר׳ן גאַנצען פאָלק.

אַזוי איז געווען דער עומר, וואָס מיר ציילען, ביי דעם פאָלק פון די גליקליכע פאַרמערס.

וואָס איז איצט דער עומר?

עס איז אַ תפילה צום רבונו של עולם, אַז מיר זיינען פאַרזאָגט אויפ׳ן עומר „כדי לטהרנו מקליפותינו ומטומאותינו"; דאָס הייסט, די מצוה פון דעם עומר איז אונז געגעבען געוואָרען, אום מיר זאָלען זיך רייניגען און באַפרייען פון די ניט-גוטע און פון דער בייזער טומאה.

און אָנשטאָט דעם עומר האָבען מיר היינט ספירה — אָנשטאָט צו זיין יום-טוב׳דיג אין די טעג צווישען פסח און שבועות, מוז

אַ איד טרויערען. ער טאָר ניט חתונה האָבען מיט זיין מיידעל, וועלכע ער ליבט, און טאָמער איז ער באַוואָקסען ווי אַ בער, טאָר ער זיך ניט אָפּשערען די האָר; ער טאָר זיך ניט פרייען און ניט געניסען די פאַרגעניגענס פון דער שיינער פרילינגס־צייט. און אבער איז ער, דער איד; עס איז ספירה, די זעלבע ספירה, וואָס איז ביי דעם אידישען פאַרמער געוועזען די פרייד פון שניט־צייט און האָט פאַרבונדען פסח און שבועות אין איין יום־טוב.

און עס וואָלט געוויס זיין זעהר גוט, ווען אידען וואָלטען פונ־דאָסניי קאָנען אָנפאַנגען דאָס לעבען פון אַ פאַרמער פאָלק, ווי זיי זיינען אַמאָל געווען, ווייל ווען זיי זיינען געווען איינגעפונדעוועטע פאַרמערס, יעדער אונטער זיין ווייןשטאָק און אונטער זיין פייגענ־בוים, האָבען זיי ניט געהאַט אונזער ספירה מיט דעם גאַנצען גלות־טרויער. זיי זיינען געווען אַ צופרידענע, גליקליך פאָלק, שטאַרק אין קערפּער און אין דעם אידישען גייסט.

אָבער, צי קאָן זיי דאָס די אַמעריקאַנער פאַרמעריי געבען?

דער שיינער געדאַנק פון שבת שובה

אַ פאַרברעכער, זאָגען די אַלטע חכמים, האָט אַ קראַנקע נשמה — מען דאַרף זי היילען.

אין אַ שיינער שטאָט פון הוילע יענקים, אַרום 50 מייל פון ניו יאָרק, איז פאַראַן אַ גרויס געשעפט אָדער, ווי מען רופט עס, „דעפאַרטמענט סטאָר", וואָס אַלע יאָר אין דעם שבת צווישען ראש השנה און יום־כפור שטייט עס געשלאָסען.

די אייגענטימער, צוויי ברידער, זיינען אַמעריקאַנער אידען,

וואָס ווייסען פון אידישקייט ווייניגער פון אַ שבת־גוי; זיי האָבען גאָר קיין שייכות ניט מיט אידען און זיי אַליין וואונדערען זיך אויך, פאַרוואָס זיי מוזען אין דעם „ביזי"־שבת שליסען דאָס געשעפט.

אָבער זייער פאָטער, אַ פרומער בייערישער יאָהודי פון דעם אַלטען דור, האָט זיי דאָס שטרענג פאַרזאָגט אין זיין צוואה, און די צווייַ זין האַלטען הייליג דעם טאָטענ'ס צוואה.

און אַלע יאָר אין דעם שבת פאַר'ן „ביג האָלידעי" שטייט דאָס גרויסע געשעפט געשלאָסען.

נאָר עס איז באמת גאָר ניט נויטיג צו פאָרען פאַר 50 מייל פון דאַנען. גייט דורך די גרויסע געשעפטס־גאַסען פון ניו יאָרק און איר וועט זעהן, דאָס מער ווי אַ העלפט פון אַלע געשעפטען, וואָס זיינען אין אַלע שבתים פון יאָר אָפען פאַר ביזנעס, שטייען אין דעם שבת פאַר יום־כפור אויף שלאָס און ריגעל.

פילע פון די אייגענטימער זענען ווי יענע צוויי ברידער, וואָס ווייסען אַליין אויך ניט די מאָטיווען פאַרוואָס זיי מוזען דאָס טאָן — עס איז אַ טראַדיציע.

די מערסטע אָבער ווייסען יאָ, אַז דער שבת פאַר יום־כיפור האָט אַ באַזונדערן נאָמען. עס איז שבת שובה, אָדער ווי אַ סך אידען רופען עס — שבת תשובה.

און תשובה איז דאָך ביי אידען זייער אַ וויכטיגער ענין. ביי קיין אומה ולשון איז ניט אַזוי פיל געשריבען געוואָרען און ביי קיינעם האָט מען אַזוי פיל ניט געלערנט וועגען דער גרויסקייט פון תשובה, פון חרטה האָבען אויף אַ באַגאַנגענער זינד, ווי מען האָט עס געלערנט ביי אידען.

האָט דאָך רבי עקיבא געזאָגט, אַז תשובה איז געקומען נאָך לאַנג איידער די וועלט איז באַשאַפען געוואָרען, און לויט ווי אַ תלמוד'ישע לעגענדע דערציילט, האָט משה רבנו, ווען ער איז

אַרויף אויפ'ן הימעל, געהערט ביים סאַמע כסא הכבוד די שבחים פון תשובה.

און די אידישע מאָראַליסטען, ווי ר' יצחק עראַמא, ר' יצחק אבוהב און אַנדערע, האָבען די וויכטיגקייט פון טאָן תשובה דער־קלערט אויף אַ נאַטירליכען וועג.

אַ מענש, וואָס זינדיגט — זאָגען זיי — איז גייסטיג קראַנק; זיין נשמה איז צוקאַליעטשעט, פּונקט ווי ביים פיזישען חולה איז צוקאַליעטשעט אַן אבר. ביידע מוזען זוכען אַ היילונג.

און די היילונג פאַר דעם זינדיגען איז — ער זאָל חרטה האָבען אויף זיינע פאַרברעכענס; ער זאָל תשובה טאָן.

און אי ביי די לערער פון דער אידישער רעליגיע און אי ביי די לערער פון אידישער מאָראַל שטייט דער בעל־תשובה אויף אַ העכערער מדרגה פון דעם צדיק.

האָבען מיר שוין געהערט אַ סך פלאַכע וויצען אויף דעם חשבון פון דעם בעל־תשובה. מען לאַכט פון דעם בעל־תשובה, מען גלויבט ניט אין תשובה.

אָבער פאַרוואָס?

תשובה מיינט — זיך אויסבעסערן, זיך רעפאָרמירען, אַוועק־וואַרפען די אַלטע שלעכטע געוואוינהייטען, די מיאוס'ע זיטען, און אָנפאַנגען דאָס לעבען פונדאָסניי.

און עס איז דאָך אין אמת'ן ניטאָ קיין שענערע, קיין איידלערע טאַט, ווי צו געבען אַ מענשען, וואָס גייט אויף קרומע וועגען, די געלעגענהייט זיך צו בעסערן.

ווען מען העלפט אַזאַ מענשען ברענגען אויפ'ן דרך הישר און ווען מען מונטערט אים אויף צו אַ ריינערן, אַ ניצליכערען לעבען.

און ווער ווייסט וויפיל מענשען זיינען אַוועק אין דער אונ־טערוועלט און זיינען געוואָרען פאַרברעכער און אויסוואורפען נאָר

דערפאַר, ווייל מען האָט זיי ניט געלאָזט תשובה טאָן, ניט געוואָלט זיי פאַרגעבען זייערע אַלטע זינד?

וואָרים ניט יעדער פאַרזינדיגטער קאָן זיין אַ זשאָן וואַלזשאַן, וואָס בלייבט ערליך נאָך די צרות, וואָס מען מאַכט אים ליידען. די מערסטע פאַרזינדיגטע קאָנען ניט אַריבערטראָגען די פאַראַכ־טונג און דעם אומצוטרויען פון די מענשען און זיי זינקען נאָך טיפער אין זייערע זינד.

מען מוז אַ פאַרברעכער לאָזען תשובה טאָן, אים געבען מוט, ער זאָל זיך רעפאָרמירען.

און קיינער האָט דאָס ניט אַזוי גוט פאַרשטאַנען, ווי די אַלטע אידישע חכמים.

אָט־וואָס דער מדרש דערציילט:

רבונו של עולם — אַזוי האָבען די אידען געזאָגט צו גאָט — ווי קאָנען מיר תשובה טאָן, אַז מיר זיינען אַזוי טיף פאַרזונקען אין געצענדינסט? און צי וועסטו גאָר אָננעמען די תשובה פון אַזעלכע בעלי עברות?

און גאָט האָט געענטפערט:

אויב איך האָב אָנגענומען די תשובה פון דעם ברודער־מערדער קין און פון דעם געצענדינערישען קעניג אחאב, און פון דער זינ־דיגער שטאָט נינוה, וועל איך אייער תשובה ניט אָננעמען? איך פאַרשטויס ניט קיין זינדער, אויב ער וויל באמת זיך בעסערן.

דאָס איז דער כוח פון תשובה, זאָגען די חכמים, און דער־פאַר איז תשובה גאָר אַ הויכע מדרגה, און מען זאָל אויפמונטערן אַ זינדיגען צו תשובה, אים געבען די געלעגענהייט חרטה צו האָבען אויף זיינע זינד.

און ווען אַ זון איז שלעכט און פאָלגט ניט, זאָלען די עלטערן אים ניט אַרויסטרייבען פון הויז און ניט שטופען אים צו ווערען

אַ גענגסטער, נאָר זיי זאָלען אים רופען צו תשובה, וועקען אין אים זיין נשמה, ער זאָל זיך בעסערן.

ווען אַ טאָכטער איז באַגאַנגען אַ פעלער, זאָל מען איר ניט פאַרשטויסען, כדי זי זאָל ניט אײנגאַנצען אַוועק אויף קרומע וועגען. מען זאָל איר לערנען ביז זי וועט עפענען אירע אויגען און זי וועט זיך פאַרשעמען פאַר אירע מעשים.

און ווען אַ ווייב האָט באַ'עוולה'ט איר מאַן און ווען אַ מאַן האָט אָפּגענאַרט זיין ווייב, זאָלען זיי פונדעסטוועגען ניט צוברעכען באַלד זייער היים און ניט פאַרביטערן איינער דעם צווייטען דאָס לעבען מיט סקאַנדאַלען.

וואָרים מען דאַרף קאָנען מוחל זיין די מענשליכע שוואַכקייטען און געבען אַ זינדיגען די געלעגענהייט תשובה צו טאָן, זיך צו רעפאָרמירען.

און אויב גאָט רופט די מענשען צו תשובה און וויל זיי מוחל זיין, דאַרפען דאָך די מענשען געוויס ניט זיין אכזריות'דיג איינע צו די אַנדערע, נאָר זיי זאָלען מודה זיין די אייגענע זינד און פאַרצייען די פרעמדע.

און דאָס איז דער געדאַנק פון תשובה.

רעליגיעזע סיסטעמען
פון דער וועלט

וועגן דער רעליגיע פון אַלטען מצרים

געצענדינער, וואָס האָבען ניט געגלויבט אין געצען

ווען מען וויל שרייבען די געשיכטע פון די פאַרשיידענע רעליגיעס, מוז מען אָנהויבען מיט דער רעליגיע פון דעם אַלטען עגיפּטען.

„עגיפּטען", אַזוי שרייבט פּראָפעסאָר טיעלע פון ליידען, „האָט, לויט איר געאָגראַפישער לאַגע, געמוזט ווערען דאָס וויגעלע פון האַנדעל און אַרבייט פון דער דעמאָלטדיגער וועלט; אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלץ. אין עגיפּטען האָט איר שטאַרקסטען אויסדרוק געפונען אויך די רעליגיע".

דאָס מיינט ניט, אַז די אַלטע מצריים האָבען געבראַכט די ערשטע אמונה אויף דער וועלט; זיי האָבען נאָר געגעבען זייער רעליגיע אַ באַשטימטען אויסדרוק, אַ באַשטימטען פּנים. זיי האָבען געשאַפען אַ סיסטעם אין דער אמונה.

און וואָס איז געווען די אמונה פון די אַלטע עגיפּטער? אויף וואָסערע יסודות האָבען זיי אויעקגעשטעלט זייער רעליגיע?

פון דער ביבעל ווייסען מיר, אַז עגיפּטען איז געשטאַנען אויף אַ נידעריגער שטופע פון געצענדינסט. אַזוי זאָגט דער נביא ישעיה (י"ט, א'):

„ונעו אלילי מצרים מפניו" — און די געצקעס פון מצרים וועלען זיך פאַר אים טרייסלען פון שרעק.

דער נביא ירמיה פאַרזיכערט (מ"ג, י"ב):

„והצתי אש בבתי אלהי מצרים" — און איך וועל אָנצינדען אַ פייער אין די הייזער פון די געטער פון מצרים.

אזוי די ביבעל, אַזוי פילע מאָדערנע געלערנטע — די אַלטע עגיפּטער, הייסט עס, זענען געווען אַ פאָלק פון געצענדינער, מיט אַ רעליגיע, וואָס האָט זיך געגרעניצט מיט פעטישיזם.

זענען אָבער דאָ אַנדערע גרויסע געלערנטע, ווי דער גלח דר. אָקספאָרד, וואָס ווילען באַווייזען דוקא פאַרקערט.

„די רעליגיע פון אַלט־עגיפּטען", זאָגט דר. אָקספאָרד, „איז געווען אַ ריין מאָנאָטעאיסטישע; זי האָט אפילו געהאַט איר השפעה אויפ'ן קריסטענטום — אַ רעליגיע, וואָס איז געבויט אויף דעם גרויסען געדאַנק פון אחדות הבורא, פון איין וועלט־מנהיג".

אָבער מען דאַרף קאָנען טיפער אַריינדרינגען אין דער געשיכטע פון יענער אוראַלטער רעליגיע, כדי צו פאַרשטיין, אַז צווישען די צוויי אַנטקעגענגעזעצטע מיינונגען פון די ביידערליי געלערנטע איז ניטאָ קיין סתירה.

וואָס זענען געווען די עגיפּטער — געצענדינער אָדער גלויביגע אין איין גאָט?

דאָס הענגט אָפּ, ווי מען קוקט אויף דער זאַך.

ווען מען גייט אַריין אין אַ קאַטוילישער קירך און מען זעט ווי די מענשען קניען און זענען מתפלל צו אַלערליי הייליגע; ווי זיי דערציילען אַלערליי נסים פון די „סעינטס" און האַלבע „סעינטס", מוז מען דענקען, אַז דער קאַטוליציזם איז געבויט אויף געצענדינסט.

וויפיל הייליגע, אַזוי פיל געטער.

און דאָך וועט אייך יעדער קאַטוליק שווערען, אַז ער איז אַ ריינער מאָנאָטעאיסט, גלויבט אין איין־איינציגען גאָט, וואָס דאָס קריסטענטום שטעלט פאָר דורך דער דריי־איינינקייט.

און אין גרונט גענומען, האָבען דאָך אויך די אַלטע עגיפּטער געגלויבט אין אַן איינציגען גאָט.

אמת, זיי האָבען פאַרהייליגט אַלערליי חיות און שרצים, זיי האָבען געדינט צום אָקס, מתפלל געווען צום קראָקאָדיל און גע־בראַכט קרבנות צו אַ קאַץ, צו אַ ים־פערד און אַנדערע באַ־שעפענישען.

אָבער דאָס איז דאָך געווען ניט זייער גלויבען, נאָר אַ סימבאָל, אַ רמז, וואָס האָט געזאָלט פירען צום גלויבען.

אין אַ לאַנד, ווי עגיפטען, וואו דער גאַנצער וואוילשטאַנד פון די מענשען איז אָפּגעהאַנגען פון דעם טייך נילוס, ער זאָל באַ־גיסען די פעלדער און ראַטעווען זיי פון טרוקעניש —

אין אַ לאַנד, וואו דריי־פערטעל איז אייביגע מדבר, איז עס דאָך נאַטירלעך, אַז מען האָט אין געוויסע חיות געזעהן דעם באַ־וויז פון גאָט'ס גוטסקייט.

האָט דען ניט דער אָקס באַוויזען, אַז ער האָט גענוג זאַפטיגע גראָז אויף די לאַנקעס?

האָבען דען ניט דער ים־פערד און דער קראָקאָדיל דערמאַנט, אַז דער נילוס איז נאָך ניט אויסגעטריקענט, אַז עס איז דאָ גענוג וואַסער, וואָס איז אַ ברכה פאַר מענשען?

און זיי האָבען די דאָזיגע חיות, דעם צייכען פון זייער וואויל־שטאַנד, טייער געהאַלטען און דורך זיי אָפּגעגעבען אַ שבח צום בורא עולם פאַר זיין גרויס גענאַד.

די עגיפטער האָבען אויך געדינט דער זון. אין דער ביבעל ווערט מער ווי איין מאָל דערמאַנט „בית השמש", „עיר החרס" אָדער „און", „אמון מנא" — די נביאים האָבען שטאַרק געדונערט קעגען די דאָזיגע שטעט פון דעם זונען־קולט, וואו די פרעה'ס האָבען געטראָגען דעם טיטעל „דער זוהן פון דער זון".

אָבער אויך צו דער זון האָבען די עגיפטער געדינט נאָר ווי צו אַ הייליגען, ניט ווי צו זייער גאָט.

האָט דאָך דער ליבעראַלער פּרעה אַמאַנאַטעס פאַרטריבען די גלחים און רעפאָרמירט דעם זונען־קולט, ווייל עס האָט אָפּגעשוואַכט דעם גלויבען אין דעם אמת׳ן גאָט.

און וואָס איז דער אמת׳ער גאָט פון די אַלטע עגיפּטער?

דאָס לעבען!

דאָס לעבען איז די העכסטע קראַפט אין דער נאַטור, דאָס לעבען שאַפט די נאַטור; אַלץ, וואָס לעבט, ווירקט, איז טעטיג און פירט צום פאָרטשריט.

וואָס איז דען דער סוד פון דער גאַנצער עקזיסטענץ, אויב ניט דאָס לעבען? די וועלט האָט אַ קיום, נאָר ווייל זי האָט אויף זיך לעבען, וואָס באַנייט איר פאָרם, גיט איר אַ ניי פּנים און לאָזט איר ניט פאַרגליווערט ווערען.

נעמט אָוועק דעם שאַפאַנדיגען כוח פון דער וועלט אָדער, ווי מיר רופען עס, דאָס לעבען, און דער גאַנצער באַשאַף מוז פאַר־ניכטעט ווערען.

און ווייל עס איז ניטאָ קיין העכערע קראַפט אין דער וועלט, ווי לעבען, איז עס קלאָר, אַז דאָס לעבען איז די גאָטהייט.

קומענדיג צום געדאַנק, אַז גאָט און לעבען איז איין באַגריף, האָבען די עגיפּטער געמוזט גלויבען אין השארת הנפש, אין תחית המתים און אפילו אין גלגולים.

זיי האָבען דאָך געמוזט געפינען אַן אויסוועג פאַר דער גאָט־הייט, וואָס איז אייביג, און פאַרמיידען די פאַרניכטונג, דעם טויט, וואָס איז אַ שונא פון גאָט דעם לעבען.

און דערפאַר די פּיראַמידען, די מומיעס, די טויטען־שטעט מיט אַלע צוגרייטונגען צו אַ נייעם לעבען; ווייל גאָט קאָן ניט שטאַרבען, גאָט איז אייביק.

דאָס איז די רעליגיע פון די עגיפּטער. גאָט איז אין דער

וועלט, און ווייל די וועלט איז אייביג, טראָגט זי אין זיך די גאָטהייט!
די רעליגיע פון די אַלטע עגיפּטער איז געווען פּאַנטעאיזם.

אַ פאַרגעסען פאָלק און זיין גלויבען

די חתים, איינע פון די „זיבען אומות", די אוראַלטע איינוואוינער פון ארץ־ישראל

צווישען די אַלטע רעליגיעס, וואָס די היסטאָריע פאַר־צייכענט, פאַרנעמט דעם ערשטען פּלאַץ נאָך דער עגיפּטישער די רעליגיע פון די חתים.

ווער עס איז באַקאַנט מיט דער ביבעל, ווייס, אַז די חתים גע־הערען צו די אַזוי־גערופענע „זיבען אומות", וואָס זענען געווען די אַלטע איינוואוינער פון ארץ־ישראל און האָבען געפירט אַ גרויסען האַנדעל אַזש אין די ווייטע לענדער.

אָבער קעגען קיין שונא האָבען די אידישע געזעץ־געבער און די נביאים ניט געפירט אַזאַ ביטערען פאַרניכטונגס־קאַמף ווי קעגען די דאָזיגע זיבען אומות.

אַזוי וואָרנט דער חומש (דברים ז׳, ב׳):

„והכיתם, החרם תחרים אותם, לא תכרת להם ברית ולא תחנם".

אין אידיש מיינט עס:

דו זאָלסט זיי אויסמאָרדעווען, זאָלסט זיי פאַרניכטען, קיין פריינדליכען בונד מיט זיי, קיין רחמנות אויף זיי.

ווען דער נביא האָט געוואָלט שילדערען די טיפסטע געזונ־קענהייט פון די אידען, האָט ער ניט געפונען קיין שטאַרקערען אויסדרוק ווי:

„מכרתיך ומלדתיך מארץ הכנעני, אביך האמרי ואמת חתית" (יחזקאל ט"ז, ג').

דאָס מיינט:

וואָס קאָן מען דערוואַרטען פון איך, אַז איר זייט איינגאַנצען אויסגעקאָנטען פון די שבע אומות? געבוירען און געוואַקסען אין דעם כנעני־לאַנד פון אַ טאַטען אַן אמורי און אַ מאַמען אַ חתית?

און דורך דער גאַנצער ביבעל ציט זיך אַזוי ווי אַן אומזיכט־באַרער פאַדים דער איינציגער פאַרלאַנג, דער הייסער וואונש די שבע אומות אויסצוראָטען, זיי עוקר מן השורש צו זיין.

פון וואַנען די דאָזיגע גרויסע שנאה, דער טיפער ברענענדער האַס?

סטאַדע, וועלהויזען, דר. בוירטש און אַנדערע ביבעל־פאָרשער און ביבעל־קריטיקער ערקלערען, אַז די סיבה איז אַ פּאָליטיש־עקאָנאָמישע.

אידען — זאָגען זיי — האָבען זיך אַריינגעריסען אין דעם פרעמדען לאַנד, פאַרנומען פון די איינוואוינער זייער היים און גוטס און אפילו זייער קולטור, איז כדי זיך צו פאַרזיכערען מיט'ן זיג, איז געווען נויטיג די באַזיגטע פעלקער אינגאַנצען אויסצוראָטען.

אָבער עס איז קלאָר, אַז די כוונה פון די קריסטליכע געלערטע איז די אידען צו ערנידעריגען, וואָרים די ביבעל גופא ערקלערט מער ווי איינמאָל, אַז יענע פעלקער האָבען געדינט צו זייערע געטער אויף אַ שענדליכען, שמוציגען אופן. זיי האָבען געדינט צו דער „עשתורת" און דער „אשרה".

דער קאַמף קעגען די שבע אומות, הייסט עס, איז געווען אַ רעליגיעזער.

און וואָס איז געווען די רעליגיע פון יענע פעלקער?

די ביבעל דערציילט עס ניט קלאָר; אָבער אין די אויסגראָ־

בונגען, וואָס זיינען ניט לאַנג צוריק געמאַכט געוואָרען אין די אַמאָליגע שטעט כרכמיש, חמת און אַנדערע, האָט מען געפונען טאָולען, וואָס שטעלען פאָר אין בילדער די עבודה צו דער עשתורת און דער אשרה.

עשתורת איז די געטין פון דער לבנה, וואָס דער נביא ירמיה רופט „מלכת השמים", און ווי די לבנה אין אָנפאַנג חודש ווערט זי פאָרגעשטעלט אין אַ האַלבען רינג אָדער אין דעם אויסגעבוי־גענעם האָרן פון אַ קו.

די אשרה, אַ גראַדער שטאָלצער בוים, אָדער אַ גלייך־געשניצ־טער האָלץ אויף אַ באַרג אַקעגען דער זון.

האָט די עשתורת סימבאָליזירט די לבנה, איז די אשרה געווען דער אָפּגאָט פון דער זון.ביידע שטענדיג צוזאַמען. מען האָט ניט געקאָנט דינען צו איינעם אָהן דעם אַנדערען; צוויי געטער אין איינעם, אַ מין גאָט פון „דו פרצופין".

און די חתים האָבען געגלויבט אין אַ דריי־איניגקייט. צו־זאַמען מיט די צוויי הויפּט־געטער איז נאָך פאָרבונדען אַ קלע־נערער גאָט.

ניט אומזיסט פאַרדאַמט די ביבעל דעם מיאוס'ען גאָטעס־דינסט, וואָס יענע פעלקער האָבען געמאָלען אפילו אין בילדער און אויסגעשטעלט אויף אַלע ווענט.

אַזוי זאָגט דאָך אויך דער נביא (יחזקאל ח', י'):

„וכל גלולי בית ישראל מחקה על הקיר" — זייערע אַלע פּאַס־קודסטווע אויסגעקריצט אויף דער וואַנט.

אָבער דער דאָזיגער גראָבער מגושמ'דיגער קולט — אַזוי שרייבט פּראָפעסאָר טיילאָר — איז דאָך אין אמת'ן נאָר דער דאָג־מאַטישער טייל פון דער אמונה.

די רעליגיעזע קאָנצעפּציע, דער אמת'ער באַגריף פון דער

גאָטהייט איז דאָך ביי די חתים געווען אַן אַנדערער.

זיי האָבען געזעהן דעם דראַנג פון דער נאַטור אין יעדען מין זיך צו פאַרמערען. דאָ אַ טרוקענער פעלז, פון וואַנען עס שפּראָצט פונדעסטוועגען אַרויס אַ גרעזעלע; דאָרטען אַ ווינט, וואָס פאַרטראָגט דעם בלומען־שטויב צו באַפרוכפּערען אַנדערע בלומען.

אין די הייסע זאַמדען פון דער מדבר, ווי אין די שניי־פעלדער פון קאַלטען צפון — אומעטום די זריעה, פון וואַנען עס שפּראָצט לעבען, אַלץ רייסט זיך צו לעבען און צו פאַרמערען — איז ניט דער דאָזיגער מעכטיגער דראַנג אמת'ע גאָטהייט?

און אַזוי זיינען יענע פעלקער אין זייער זוכעניש נאָך אַ גאָט געקומען צו דעם מושג, אַז די העכסטע מאַכט, וואָס רעגירט די וועלט און שאַפט האַרמאָניע אין דער נאַטור, איז די פרוכטבאַרקייט, וואָס זיי האָבען סימבאָליזירט אין דינסט צו דער אשרה מיט דער עשתורת, פון דעם זון־גאָט מיט דער לבנה־געטין.

אַזוי געפינט מען אויך דאָס פאַרגעטערן פון דעם קוואַל פון לעבען, דאָס פאַרהייליגען דעם נאַטירליכען פאַרלאַנג אויפצוהאַלטען דעם מין ביי די פילאָזאָפישע גריכען, ביי די קריגערישע רוימער און ביי אַנדערע פעלקער.

רעדענדיג ווייטער וועגען דער חתים־רעליגיע, ערקלערט פּראָפעסאָר טיילאָר, אַז טאַקע פון די חתים קומט צו די קריסטען דער גלויבען אין דער דריי־איינקייט און אַז רעשטלעך פון יענער רעליגיע געפינט מען נאָך ביי היינטיגען טאָג אין פאַרשיידענע אמונות און מנהגים.

און וויל מען וויסען, וואָס איז דער תמצית פון דער רעליגיע פון די חתים? וואָס איז דער יסוד פון זייער אמונה? איז דער ענטפער:

עס איז די נאַטור־רעליגיע אין איר העכסטער פאָרם, ווען

מענשען שטעלען זיך פאַר זייער גאָט מיט אַלע מענשליכע געפילען און פאַרלאַנגען.

אָדער ווי די געלערענטע רופען עס: „אַנטראָפּאָמאָרפישער פּאָליטעאיזם״.

אַ רעליגיע פון גאָלדענעם מיטעלוועג

דער גרויסער לערער קונג, דער באַגרינדער פון קאָנפוציאָניזם

קאָנפוציום איז אַ פאַרגרייזט וואָרט פון די כינעזישע ווערטער „קונג־פו־טשע״, וואָס מיינט „דער לערער קונג״. און טאַקע שוין אין דער פשוטקייט פון זיין טיטעל זעהט מען זיין גרויסקייט.

קאָנפוציוס איז ניט קיין גאָט׳ס זוהן, ווי יעזוס, ניט קיין נביא, ווי מאַכמעד, און אפילו ניט קיין מחוקק, ווי משה.

דער גרויסער כינעזער האָט ניט גענומען פאַר זיך קיין טיטעל — ער איז איינפאַך אַ לערער, וואָס האָט פון זיינע דריי טויזענט תלמידים געקראָגען שכר לימוד, צו מאַכען אַן אָרים לעבען.

ער איז ניט געווען קיין העלד, אָרום וועמען עס וועבען זיך לעגענדאַרישע מעשה׳לעך; ער האָט ניט באַוויזען קיין נסים — ער איז דער רוהיגער, פּראַקטישער מענש, איבערגעגעבען צו חכמה און באַגייסטערט מיט ליבע צו דער מענשהייט.

די לעבענס־געשיכטע פון קאָנפוציוס איז בקיצור אַזוי:

ער איז געבוירען געוואָרען אין יאָר 551 פאַר דער איצטיגער צייט־רעכענונג, ביי עלטערן, וואָס האָבען געשטאַמט פון אַן אַלטער

קעניגליכער משפחה; אָבער זיין פאָטער, וואָס איז שוין געווען א יורד, איז געשטאָרבען, ווען דער אינגעל איז אַלט געווען קוים דריי יאָר, און מיט מי און מאַטערניש האָט די אָרימע מוטער אים דערצויגען.

צו ניינצען יאָר האָט קאָנפוציוס חתונה געהאַט. ער האָט געלעבט מיט זיין פרוי פופציג יאָר און איז געווען אַ פאָטער פון פיר קינדער, פון וועמען ער האָט גאָר קיין נחת ניט געהאַט, וואָרים דריי פון זיי זיינען געשטאָרבען ביי זיין לעבען.

נאָך זיין מוטער'ס טויט, ווען ער איז אַלט געווען דריי־און־צוואַנציק יאָר, האָט ער זיך גענומען צו לערעריי.

ער איז שנעל געוואָרען פאָפּולער, און די רעגירונג האָט אים געמאַכט פאַר אַ באַאַמטען; אָבער זיין לערעריי האָט ער ניט אַוועקגעוואָרפען, אפילו ווען ער איז צו פופציג יאָר געוואָרען קרימינאַל־מיניסטער.

און ווען ער האָט דורך אינטריגעס פאַרלוירען זיין אַמט, האָט ער מיט זיינע תלמידים זיך אַוועקגעלאָזען אויף לאַנגע וואַנדערונגען.

ווען ער איז אַלט געווען פיר־און־זיבעציג יאָר, איז ער אין אַ געוויסען טאָג אַריינגעקומען אין הויז און האָט געזאָגט צו זיינע תלמידים:

„דער גרויסער באַרג מוז איינפאַלען, דער שטאַרקער קלאָץ מוז צעבראָכען ווערען און דער מענש מוז אַזוי ווי אַ גרעזעלע פאַרוועלקען".

מיט די ווערטער האָט דער גרויסער לערער זיך אַוועקגעלייגט אויפ'ן בעט און איז מיט אַ וואָך שפּעטער געשטאָרבען.

איינפאַך געלעבט און איינפאַך געשטאָרבען, אָהן נסים און אָהן לעגענדען, וואָס ווערען געוועהנליך דערציילט פון גרויסער פירער.

ווייל זיין גאַנץ לעבען האָט קאָנפוציוס געלערנט זיינע תלמידים, אַז עס זיינען גאָר ניטאָ קיין גרויסע מענשען; יעדער מענש קאָן זיין גרויס, אויב ער וויל נאָר שטרעבען דערצו.

„אַ גרויסער פירער", האָט ער אַמאָל געזאָגט, „דאַרף גאָר ניט האָבען קיינע באַזונדערע פעהיגקייטען. ער דאַרף נאָר באַזיצען ער־פאַרונג און קענטעונישען".

אַן אַנדער מאָל האָט ער געזאָגט:

„איך בין ניט פעהיגער פון אַנדערע און ניט געבילדעטער פון זיי; איך בין אָבער אַ מתמיד".

קאָנפוציוס האָט געלערנט זיינע תלמידים, אַז אַ געזעלשאַפט איז געבויט אויף פינף פאַרוואַנדשאַפטען:

די קרובה'שאַפט צווישען מאַן און ווייב, צווישען עלטערען און קינדער, צווישען די אַלטע און די יונגע, צווישען דעם רע־גירער און רעגירטע און צווישען פריינט און פריינט.

„און גליקליך איז די געזעלשאַפט", האָט ער געזאָגט, „ווען יעדער טייל פון איר טוט זיין פליכט".

פון דער דאָזיגער לערע איז צו זעהן, אַז קאָנפוציוס האָט גאָר ניט געהאַט דאַגעגען, וואָס די וועלט איז איינגעטיילט אין הערשער און באַהערשטע, אין שטאַרקע און שוואַכע.

און דער אמת איז, אַז קאָנפוציוס איז ניט געווען קיין רעוואָ־לוציאָנער און האָט ניט געוואָלט איבערקערען דעם סדר העולם.

ער האָט געגלויבט אין „הימעל", דאָס מיינט — אין גאָט, ווי אַלע כינעזער, און האָט אפילו סאַנקציאָנירט די קרבנות, וואָס ווע־רען געבראַכט צום „הימעל" און צו די נשמות פון די פאַרשטאָרבענע.

קאָנפוציוס איז ניט געקומען באַשאַפען קיין נייעס.

ער האָט אָבער געלערנט, אַז „די געפילען, וואָס דער הימעל האָט אַריינגעגעבען אין דעם מענשען, רופט מען נאַטור, און כדי

א מענש זאָל לעבען נאַטירליך, מוז ער אָפּהיטען די דרכי המוסר".

דאָס הייסט, ווען אַלע מענשען וואָלטען פאַרשטיין די פליכטען פון אדם לחברו, וואָלטען זיי לעבען גליקליך אפילו אונטער דעם היינטיגען סיסטעם פון הערשער און באַהערשטע.

ווען מען האָט אַמאָל געפרעגט קאָנפוציוס, וואָס איז דעם מענשענ'ס חוב אויף דער וועלט, האָט ער געענטפערט קורץ:

„טו ניט דאָס, וואָס דו ווילסט ניט, אַז יענער זאָל דיר טאָן".

דאָס איז דער ואהבת לרעך כמוך, וואָס משה רבינו האָט לאַנג פאַר אים געלערנט און וואָס דער אַלטער הלל האָט שפּעטער אי־בערגעזעצט מיט „מאן דסני עלך לחברך לא תעביד".

קאָנפוציוס האָט געשריבען אַ „בוך פון היסטאָריע", אַ כי־נעזישען „ספר המנהגים", אַ בוך פון קלוגע ווערטער, וואָס איז אַ מין „משלי"; אָבער אין ערגעץ דערמאָנט ער ניט וועגען השארת הנפש, וועגען אַ יענער וועלט אָדער וועגען אַ גן־עדן און אַ גיהנום. לויט קאָנפוציוס הייסט עס, אַז שכר מצוה בהאי עלמא ליכא.

קאָנפוציוס גייט אַרויס פון דעם שטאַנדפונקט, אַז מעשי אָבות ירשו בנים, אַ מענש ווערט באַצאָלט ניט פאַר זיינע אייגענע מעשים, נאָר ער שניידט וואָס די עלטערען האָבען געזייהט.

גוטע עלטערן זיינען די עטרת בנים — קינדער געניסען דעם שכר. אלא די עלטערען זיינען געווען זינדיג, איז שני הבנים תקהינה, ליידען זייערע שפּעטערדיקע דורות.

קאָנפוציוס איז געווען דער רעליגיעזער מאָראַליסט, אויב מען קאָן עס אַזוי אָנרופען. ער האָט געוואָלט שאַפען אַ בריק צווישען דעם מענשען און זיין גאָט; ער האָט געזוכט דעם גאָלדענעם מיטעלוועג.

און קאַרגע דריי הונדערט מיליאָן מענשען זיינען היינט אָנ־הענגער פון קאָנפוציאַניזם.

אַ נייער געדאַנק פון אַלטען גלויבען

די כינעזישע רעליגיע טאַאָאיזם און די מאָדערנע ווימנשאַפט

אויך רעליגיעס האָבען זייער מזל, און דעם גרעסטען שלימזל איז, ווי עס ווייזט אויס, באַשערט דער רעליגיע, אָדער ריכטיגער געזאָגט, דער תורה פון טאַאָ.

צו אַזאַ ירידה, צו אַזאַ דעמאָראַליזאַציע, ווי דער היינ־טיגער טאַאָאיזם, איז נאָך קיין אמונה ניט געקומען.

וואָרים טאַאָאיזם מיינט היינט אין כינע די רעליגיע פון קמיעות, סגולות, עין־הרע־אָפּשפּרעכעניש, כישוף און שווינדלערישע בעל־שמ'ען, עס איז דער גלויבען פון דער נידעריגסטער און פאַנאַ־טישסטער כינעזישער מאַסע.

אַ געבילדעטער מענש אין כינע שעהמט זיך צו זיין אַ טאַ־אָאיסט.

און דאָך איז דער טאַאָאיזם אין תוך אַריין גאַנץ אַנדערש, ווי מענשען זעהען אים היינט.

וואָס איז טאַאָ?

לאָמיר הערען ווי לאַאָ טזו, דער גרינדער פון טאַאָאיזם, וואָס האָט געלעבט אין איין צייט מיט קאָנפוציוס, ערקלערט עס:

„טאַאָ — אַזוי לערנט דער גרינדער — האָט עקזיסטירט אין אַלע אייביגקייטען, און עס איז גאָר קיינמאָל ניט געווען אַ צייט, ווען ער איז ניט געוועזן.

„אומעטום איז טאַאָ און עס איז ניטאָ קיין אָרט, וואו מען גע־פינט אים ניט.

„ער פירט אָן דעם אוניווערז מיט זיין גרויסקייט, דאָך איז ער זיך מצמצם אפילו אין דעם פאַדעם־דינעם וואָרצעל פון אַ גרעזעלע. ער איז אָהן אַ געשטאַלט, דאָך גיט ער יעדער זאַך אַ פנים.

„ער איז אומבאַגרעניצט, אומפערזענליך, אומבאַוועגליך, דאָך האָט ער געשאַפען די וועלט־האַרמאָניע".

בקיצור: איר צעשפּאַלט אַ שטיין — איר געפינט אין אים טאַאָ; איר זעט אַ פויגעל פליהען — עס איז מיט'ן כוח פון טאַאָ. טאַ וואָס איז טאַאָ?

עס איז וואָס מיר רופען נאַטור און וואָס די כינעזער קאָנען אַזוי ווייניג ערקלערען ווי מיר די נאַטירלעכע ערשיינונגען.

טאַאָאיזם, הייסט עס, איז די תורה פון נאַטור; די טאַאָאיסטען זיינען נאַטוראַליסטישע פילאָזאָפען.

און דער אמת איז, אַז דער יסוד פון טאַאָאיזם איז דער פּרינציפּ פון עוואָלוציע, ווי עס פאַרשטעהען אַלע מאָדערנע געלערטע.

לייענט, אדרבה, ערנסט העקעל'ס „נאַטירליכע שעפּפונגס געשיכטע" און איר וועט דאָרטען געפינען כמעט וואָרט פאַר וואָרט, וואָס דער טאַאָאיזם האָט געלערנט מיט 25 הונדערט יאָר צוריק.

פאַרשטייט זיך, אַז אין אַ רעליגיע, וואָס אָנערקענט די נאַטור אַלס די העכסטע קראַפט, איז ניטאָ קיין פּלאַץ פאַר גאָט — דער טאַאָאיזם רעדט כמעט גאָרניט פון אַ גאָטהייט.

אַלץ אין דער וועלט איז נאַטור, אויך דער מענש איז אַ טייל פון דער נאַטור, אַ קליין שרייפעלע אין דער גרויסער מאַשין, וואָס ווערט געטריבען פון טאַאָ.

און כדי צו זיין בתכלית השלימות, כדי צו דערגרייכען צו דער מדרגה פון פולקאָמענהייט, מוז אַ מענש בלייבען ביי זיין מקור, ער טאָר ניט אַוועק פון זיין שורש.

דאָס מיינט, ער מוז נאָכטאָן די נאַטור, פון וועמען ער איז אַ קליין טיילכעל; ער מוז פאָלגען די נאַטור.

די נאַטור איז ספּאָנטאַן, זי טוט איר אַרבייט פון זיך אַליין, פרייוויליג, ניט געצוואונגען; דער מענש דאַרף אויך אַרבייטען, ניט מיט אַ קאַלטען חשבון, ניט ווייל דאָס לוינט זיך אים אָדער ער ווערט געצוואונגען, נאָר ווייל ער פילט פאַר דער זאַך.

איר געפינט דעם זעלבען געדאַנק אין דער גמרא, וואָס לערנט, אַז מען דאַרף דינען גאָט „מאהבה" ניט „מיראה"; מען דאַרף טאָן גוטס ניט ווייל מען איז געצוואונגען, נאָר ווייל מען ליבט, מען האָט אַ נאַטירליכען געפיל פאַר מעשים־טובים.

און ווייטער:

די נאַטור שטרעבט ניט, דער מענש טאָר אויך ניט שטרעבען; די נאַטור איז פּאַסיוו, דער מענש מוז אויך אַלץ איבערלאָזען צום נאַטירליכען גאַנג.

ענערגיע, אַמביציע, פאַרלאַנגען — זיי זיינען אַ זינד קעגען דער נאַטור; אפילו קולטיווירען מדות טובות, צווינגען זיך צו טאָן גוטעס טאָר מען ניט.

מען מוז אַלץ איבערלאָזען צו דער נאַטור, מענשען מוזען זיין נאַטירליך.

עס איז קלאָר, דאָס די דאָזיגע לערע האָט געמוזט פירען דער־צו, אַז מענשען זאָלען ווערען אַפּהעטיג, גלייכגילטיג צום לעבען און זיך איבערגעבען צו שטילער רעזיגנאַציע, צום בלינדען צופאַל.

וואָרים וואָס קאָן העלפען אַ מענשען זיי שטרעבען, זיין קעמפען, ווען עס איז פון אים אַוועקגענומען זיין בחירה חפשית, ווען ער אַליין, הייסט עס, טאָר ניט חשבונ'ען, קלערען, נאָר ער מוז נאָכ־גיין דער נאַטור?

און אַזוי זעהען מיר טאָקע אַ סך טאָאאיסטען, וואָס זיינען אַוועק

אין די בערג, אין איינזאַמקייט צו פירען אַ נזיר־לעבען, כדי אויס־צומיידען די אַרבייט, וואָס איז אַ זינד קעגען דער נאַטור.

די לעגענדע דערציילט אפילו, דאָס פילע טאָאָאיסטען, מורא האָבענדיג פאַר זינד פון אַרבייט, זיינען געזעסען אומבאַוועגליך אַזוי לאַנג, דאָס אויף זייערע קערפּערס האָבען בלומען אָנגעהויבען צו וואַקסען.

מען דאַרף אָבער ניט דענקען, אַז אַלע טאָאָאיסטען זיינען גע־וואָרען נזירים; אדרבא, די מערסטע פון זיי האָבען זיך דוקא זיך שטאַרק באַטייליגט אין דער פּאָליטיק פון לאַנד. איר קאָנט אָבער דעם טאָאָאיסט קיינמאָל ניט אַרויסברענגען פון זיין רוהיגקייט.

ער ווערט קיינמאָל ניט פאַרצווייפעלט, ווען אים איז שלעכט, און איז קיינמאָל ניט שטאָלץ, ווען אים איז גוט. אָרימקייט און רייכ־קייט, טויט און לעבען — אַלץ ליגט ביי אים אויף איין וואָג, ווייל אַלץ איז נאַטור, ער אַליין איז נאַטור.

לאָאָ טזו, דער גרינדער פון טאָאָאיזם, האָט געשריבען אַ ספר „משלי״, פון וואַנען מיר ווילען דאָ איבערגעבען עטליכע פּערל־דיגע געדאַנקען:

„וואָס רייכער אין געזעצען אַ לאַנד איז, אַלץ אָרימער איז דאָס פאָלק.״

„וואָס שווערער עס זיינען די שטראָפען פאַר פאַרברעכען, אַלץ מער ווערען די פאַרברעכער.״

„עס איז ניטאָ קיין גרעסערער שלימזל, ווי דער בעל־תאוה, קיין אומגליקליכערער ווי דער בעל־מקנא און קיין גרעסערער קבצן ווי דער קאַרגער.״

דער טאָאָאיזם, ווי מיר האָבען שוין געזאָגט, איז היינט גע־זונקען צו זייער אַ שפּל׳ער מדרגה; אָבער דער תמצית, די עסענץ פון דער דאָזיגער נאַטור־רעליגיע געפינט איר ביי שפּינאָזאַ׳ן און ביי אַלע פילאָזאָפען־נאַטוראַליסטען.

דער פערזישער גלויבען און די אידען

די תורה פון זאָראָאַסטער, און וואָס אַ געלערנטער זאָגט

פערזיע, אָדער פרס, איז גוט באַקאַנט צו יעדען אידען, וואָס האָט עפּעס געלערנט, וואָרים אין פּערזיע איז געשריבען געוואָרען אַ וויכטיגער טייל פון דער אידישער געשיכטע.

האָט דאָך פערזיע אַרויסגעגעבען דעם גרויסען אידען־פריינט כורש, וועמען דער נביא ישעיה האָט גערופען „משיח פון גאָט".

האָבען דאָך אין פערזיע געלערנט פילע פון די גרויסע תלמודיסטען, די בויער פון דער טראַדיציאָנעלער אידישקייט.

און עס איז געווען אויך אין פערזיע, וואו עס איז געבוירען געוואָרען די רעליגיע פון זאָראָאַסטער אָדער זאַראַטוסטראַ, אָדער גאָר זאַרדוסט.

די רעליגיע, וואָס האָט, לויט דער מיינונג פון פילע געלערנטע, איבערגעלאָזען טיפע שפּורען אין דעם אידישען לעבען.

זאָראָאַסטער איז געווען איינער פון די עלטסטע רעליגיאָנס־לערער אין דער מענשליכער געשיכטע. דען לויט דער באַהויפּטונג פון יאָהאַן גוטשמיד און אַנדערע באַקאַנטע פאָרשער, האָט דער באַגרינדער פון זאָראָאַסטעריאַניזם געלעבט אין איין צייט מיט משה רבינו.

זיין לעבענס־געשיכטע איז בקיצור אַזוי:

ער איז געבוירען געוואָרען אין אַ פּרינצליכער פאַמיליע און האָט גאַנץ יונג חתונה געהאַט מיט אַ פּרינצעסין; אָבער בעת אַלע פּרינצען האָבען, ווי געוויינליך, זיך אָפּגעגעבען מיט וועלטליכע פאַרגעניגענס, איז דער יונגער זאָראָאַסטער געווען אַ גרויסער

מתמיד און האָט פיל געלערנט.

די חברה וואוילע־יונגען, די פרינצען און אַריסטאָקראַטען האָבען פון אים חוזק געמאַכט; אָבער ער איז געבליבען דער ערנ־סטער מענש. דער דענקער, וואָס האָט שטיל באַווײנט די מענש־ליכע נאַרישקייטען.

איבערהויפּט האָט אים וועה געטאָן, ווען ער האָט געזעהן דאָס פאָלק פאַרזונקען אין אַ ווילדען, אומגעלומפּערטען געצענדינסט.

און זאַראַאַסטער האָט ביי זיך באַשלאָסען אויסצוררייניקען די געצען פון זיין לאַנד, ווערען אַ רעפאָרמאַטאָר.

איז ער אַוועק אין דער מדבר, פאַרבראַכט אין התבודדות גאַנצע דרייסיג יאָר, און זיין איינציגע נאַרונג פאַר די אַלע יאָרען איז געווען טרוקענע קעז.

אָבער אין זיין איינזאַמקייט האָט ער דערקענט דעם „קלוגען״, דעם „באַלויכטען״, דאָס מיינט גאָט. דאַן איז ער געקומען צוריק און געבראַכט די מענשען אַ נייע תורה, געלערנט זיי אַ נייעם גלויבען.

ווען ער איז אַלט געווען 75 יאָר, איז ער דערמאָרדעט געוואָרען, אַרויסגייענדיג פון קירך; אָבער אַ זאַראַאַסטער שטאַרבט ניט; צדיקים במיתתם קרוים חיים, און זאַראַאַסטער׳ס נשמה לעבט ביז היינטיגען טאָג אין די גרויסע צדיקים.

דאָס איז אין קורצען די געשיכטע, ווי עס דערציילען די אַלטע פערזישע שריפטען און וואָס האָט אין זיך פיל עהנליכקייט צו דער לעבענס־געשיכטע פון אברהם אבינו.

אָבער וואָס איז זאַראַאַסטער׳ס תורה? וואָס לערנט ער?

אין דער וועלט ראַנגלען זיך צווי כוחות, צווי נאַטור־קרעפ־טען, וואָס דער פערזישער מחוקק האָט פערזאָניפיצירט אין צווי

געטער, אין דעם גוטען גאָט ארמוזד און אין דעם בייזען גאָט אתרימאן.

ארמוזד באַשאַפט אַלץ, וואָס איז גוט און שיין; אחרימאן — אַלץ, וואָס איז שלעכט און מיאוס.

איינער אַ יוצר אור, דער צווייטער אַ בורא חושך.

און אייביג ראַנגלען זיך דיביידע געטער, די צוויי כוחות. זיי ראַנגלען זיך ניט פערזענליך, נאָר יעדער דורך זיין באַשאַף.

לעבען און טויט, גליק און אומגליק, ליכט און שאָטען, פרייד און טרויער — ווער זעהט דען ניט, אַז זיי זוכען איינע די אַנ־דערע אַריבערצוימאָגען, איינע די צווייטע צו פאַרניכטען?

דאָס איז דער קאַמף פון די געטער — דער קאַמף פון דער וועלט.

און אינמיטען פון אָט דעם קאַמף שטייט דער מענש. די גאַנצע מלחמה איז געצילעוועט נאָך קעגען אים, קעגען זיין נשמה.

דער גאָט, וואָס האָט באַשאַפען דעם מענשען, איז דער גוטער גאָט ארמוזד, צו וועמען אונזערע בשר ודם מוזען אָפּגעבען דין וחשבון פאַר אַלע מעשים.

אָבער אַרמוזד האָט געגעבען די מענשען די בחירה חפשית, די פרייהייט צו לעבען ווי זיי געפעלט, און מיט דער דאָזיגער פרייהייט באַנוצט זיך דער שלעכטער גאָט אחרימאן.

ער איז דער שטן, דער סמאל, וואָס זוכט שטענדיג צו פאַר־פירען דעם מענשען צו אַלדאָס בייז.

אָט אַזוי ראַנגלען זיך אין מענשען די ביידע געטער, אָדער רופט זיי דער יצר טוב מיט'ן יצר הרע, און ווען דער מענש שטאַרבט, ווערט זיין נשמה געבראַכט צום משפט פאַר די פמליא של מעלה, פאַר אַלע מעשים אויפ'ן עולם השקר.

איז דער מענש געווען אַ צדיק, גייט זיין נשמה תיכף אין גן

עדן, און אויב אַ רשע, שליידערט אים דער שטן אַרונטער אין שאול תחתיה, אין שרעקליכען גיהנום.

טאָמער איז די וואָגשאָל פון די מצוות מיט די עבירות גלייך, ווערט די נשמה ווידער אַמאָל באַשאַפען, כדי אין דעם צווייטען גלגול זאָל זי קאָנען תשובה טאָן, ווען זי וועט זיך געפינען אין דעם גוף פון אַ צדיק.

נאָר דער גוטער גאָט ארמוזד ווייסט די מענשליכע שוואַכקייטען, די מענשען זיינען פון זייער נאַטור זינדיג, מען דאַרף קאָנען זיי מוחל זיין.

און אין זיין גרויס גנאָד האָט ער באַשטימט אַ יום הגדול והנורא. דאָס מיינט, די אַלטע וועלט וועט אונטערגיין און מאַכען פלאַץ פאַר אַ נייער.

אָבער דער טאָג פאַר דעם וועלט־אונטערגאַנג וועט זיין אַ יום סליחה ומחילה. אַלע עבירות וועלען דעם מענשען פאַרגעבען ווערען אויף להכעיס דעם בייזען גאָט.

און דיביידע געטער זיינען ניט אַליין אין זייער קאַמף — יעדער פון זיי האָט זיינע העלפער. ארמוזד מיט זיינע גוטע מלאכים, משרתים, אופנים און חיות הקודש; אחרימאן מיט זיין אשמדאי, לילית וכל כת דלהון — קיין אַנדער רעליגיע שוויבעלט ניט און גריבעלט ניט מיט אַזוי פיל מלאכים און שדים, ווי דער זאָראָאַסטעריאַניזם.

די פאַרסים, וואָס זיינען היינט די איינציגע גלוביגע אין זאָראָאַסטער, לייקענען, אַז זייער גרויסגעבער האָט זיי געלערנט דעם דואַליזם, דעם גלויבען אין „שתי רשויות", אין צוויי געטער.

פאַר די פאַרסים עקזיסטירט נאָר איין גאָט, דער גוטער גאָט ארמוזד. זיי גלויבען אפילו ווייניג אין דער זענאוועסטא און אין

די אַנדערע הייליגע שריפטען, וואָס זיינען דער חומש פון די זאָ־ראָאַסטיאַנער.

זיי זאָגען, אַז די הייליגע שריפטען שטאַמען ניט פון זייער געזעצגעבער, נאָר די פּריסטער האָבען זיי געפעלשט.

און צולעצט האַלטען מיר פאַר וויכטיג איבערצוגעבען די מיינונג פון פּראָפעסאָר ל. מילס.

„עס איז קיין ספק ניט", זאָגט פּראָפעסאָר מילס, „אַז די אַלע שדים און מזיקים צוזאַמען מיט'ן גיהנום און גן עדן, ווי די אידען שטעלען זיך פאָר, האָבען זיי גענומען פון זאָראָאַסטער'ס אמונה.

„וואָרים דער אַלט־פּערזישער גלויבען האָט איבערהויפּט גע־האָט אַ גרויסען איינפלוס אויפ'ן גייסטיגען אידישען לעבען.

„אפילו דאָס וואָרט פּרושי, אָדער פּרוש, וואָס באַצייכענט ביי אידען אַ פרומען, אַ געלערנטען, שטאַמט אויך פון ,פּאַרסי'.

„דער גלויבען פון זאָראָאַסטער האָט איבערגעלאָזען טיפע שפורען אין אידענטום".

און מיר גיבען איבער די ווערטער פון פּראָפעסאָר מילס, ניט ווייל מיר שטימען איין מיט אים, נאָר ווייל דאָס איז די מיינונג פון אַ געלערנטען.

מענשען פאַרגעטערען מענשען

רעליגיעס פון דער אַמאָליגער גריכענלאַנד און פון דעם אַלטען רוים

פאַרוואָס האָבען די 500 גוטע בירגער פון גריכענלאַנד פאַר׳משפט דעם אַלטען חכם סאָקראַטעס צום טויט, ווי אַ שרעקלי־כען פאַרברעכער ?

ווייל סאָקראַטעס — אַזוי איז געווען קעגען אים די קלאָגע — האָט דעמאָראַליזירט די יוגענט, ער האָט אַליין ניט געדינט צו די געטער, און האָט אויך דעם יונגען דור געלערענט זיינע אפיקורסישע וועגען.

בקיצור, סאָקראַטעס איז געווען חייב מיתה, ווייל ער איז געווען אַן אפיקורוס, ער האָט ניט געהאַלטען פון דער רעליגיע פון זיינע גריכישע אבות.

און וואָס איז געווען די רעליגיע פון אַלטע גריכען ?

מען קאָן איר זעהן דורך דער מיטאָלאָגיע, וואָס איז אַזוי ווי אַ טויל אָדער אַ שלייער אַריבערגעצויגען איבער זייער גלויבענס־סיסטעם.

עס איז די פאַרגעטערונג פון דעם מענשען.

און פון די פאַרשיידענע מעשה׳לעך, וואָס זיי דערציילען וועגען זייערע גאַנצע געטער, האַלב־געטער און העראָיען, רוקט זיך בולט אַרויס די דאָזיגע קאָנצעפּציע פון דעם אַלטען גריכענטום.

עס איז דער מענש, וואָס איז די קרוין פון דעם באַשאַף און וואָס מאַכט דאָס לעבען ווערט צו לעבען. וואָס פאַר אַ פּנים וואָלט די וועלט, אָדער אפילו די גאַנצע יצירה געהאַט, אָהן דעם מענשען ?

ניט אומזיסט האָבען די אַלטע גריכען זיך פאָרגעשטעלט זייערע געטער מיט אַלע מענשליכע ליידענשאַפטען, מיט די מעלות און חסרונות פון דעם מענשען און מיט אַלע זיינע בייזע און גוטע געפילען.

אפילו דער גורל פון זייערע געטער האָבען די גריכען זיך פאָרגעשטעלט ווי דעם גורל פון די מענשען.

עס זיינען געווען געטער, וואָס זיינען געבוירען אין אָרימקייט און דחקות און זיך געפּלאָגט אין זייער בינטעל יאָרען; און געטער געבוירען אין אַלע רייכטימער.

געטער וואָס זיינען דער׳הרג׳עט געוואָרען און געשטאָרבען מיט מיתות משונות; געטער שאַרלאַטאַנעס און געטער וואָס האָבען זיך אָפּגעגעבען מיט צדקה און מעשים טובים.

אָט אַלץ פונקט ווי ביי מענשען, ווייל דער מענש איז די העכסטע מדרגה אין דער יצירה; עס איז ניטאָ קיין פולקאָמע־נערע באַשעפעניש ווי דער מענש. קיין גאָט קאָן ניט זיין בעסער פון דעם מענשען.

באַוואונדערענדיג דעם מענשען האָבען די אַלטע גריכען גע־האָט די גרעסטע התפּעלות, און פלעגען מיט גרויס באַגייסטערונג באַטראַכטען אַ נאַקעטען מענשליכען קערפּער.

דער מענשליכער גוף, וואָס איז ביי די פּערזיער און ביי אַנ־דערע פעלקער געווען בבחינת עפר ואפר, און וואָס דערפאַר האָבען זיי אים אָפּט געפּייניגט און באַטראַכט ווי דעם חיה׳שען טייל אין מענשען — אָט דער־זעלבער מענשליכער גוף איז פאַר די גריכען געווען דער קוואַל פון העכסטער באַגייסטערונג. דער שיינער נאַ־קעטער קערפּער פון אַ מאַן צי פון אַ פרוי האָט זיי אינספּירירט צו פּאָעזיע און קונסט.

דאָס איז די שיינע קונסט ביי די אַלטע גריכען, וואָס ווערט

באַוואונדערט ביז אויף היינטיגען טאָג.

און פּונקט ווי זיי האָבען דעם מענשען באַוואונדערט אין זיין געשטאַלט, אַזוי האָבען זיי אים פאַרגעטערט אין זייערע ימים־טובים.

נעמען מיר דעם יום־טוב פון פּאַנאַטענעאַ, וואָס איז געווען איינער פון די דריי גרעסטע יום־טובים אין אַלט־גריכענלאַנד.

אַטענעאַ איז לכתחילה געווען די געטין, די באַשיצערין פון אַטען, און ווי אַ באַשיצערין האָט זי געוואָלט זעהן די שטאָט וואַקסען און זיך פאַרמערען.

דערפאַר איז דער יום־טוב, וואָס איז יעדען יאָר געפייערט געוואָרען צו איר עהרע, געווען דער סימבאָל פון פאַרמערונג.

און ווען די דאָזיגע אַטענישע געטין האָט צוגעקראָגען דעם טיטעל „פּאַן״, דאָס הייסט, ווען זי איז געוואָרען אַל־גריכיש, אַנערקענט אין גאַנץ גריכענלאַנד, איז איר יום־טוב געוואָרען אַ יום־טוב פון אָפענער הפקרות.

קודם כל האָט מען צו דעם גרויסען פּאַראַד און צו אַלע צערעמאָניעס אין דעם דאָזיגען יום־טוב צוגעלאָזען נאָר מיידלעך, וואָס זיינען געווען מאַמעס און וואָס זיינען אין דעם טאָג שטאַרק באַעהרט געוואָרען.

דאָס מיינט, מען האָט די מיידלעך אויפגעמונטערט צו אויסגעלאַסענקייט. דערפאַר זיינען טאַקע אין קיין לאַנד אין דער וועלט ניט געווען אַזוי פיל אומפאַרהייראַטע מוטערס, ווי אין אַלט־גריכענלאַנד.

דאַן זיינען אין דעם טאָג פון דעם יום־טוב פון דער אַטענישער געטין אויסגעקליבען געוואָרען 25 יונגע מענער, וואָס האָבען ביי דעם מזבח פון דער געטין גאַנץ רעאַליסטיש אויסגעפירט זייער גאָטעסדינסט אונטער די עמבלעמען פון דעם בוים און די שלאַנג,

וואָס האָט זיך צוזאַמענגעדרייט אין אַ רינג.

דאָס זיינען די צוויי עמבלעמען — איינער גלייך, דער צוויי־טער רונד — וואָס מען באַגעגנט ביי דאָ אַלט־גריכען שטענדיג צו־זאַמען, און וואָס באַפּוצען אַלע זייערע אַרכיטעקטורען.

זיי זיינען די סימבאָלען פון פאַרמערונג, אויף וואָס עס איז באַגרינדעט די גאַנצע גריכישע מיטאָלאָגיע.

און וואָס איז די לעגענדע פון דער שיף פון אַטענע, וואָס האָט געפירט די העלדישע אַרגאָנאַטען צו דעם מיסטעריזען לאַנד, קאָל־כיס, אויב ניט דערזעלבער סימבאָל?

די שיף פון אַטענע, אָדער בעסער געזאָגט די געטין אַטענע אליין, סימבאָליזירט די פרוי, וואָס טראָגט אונטער איר האַרצען דעם קינפטיגען דור, וואָס דאַרף זיין באַשטימט צו גרויסע טאַטען.

אַזוי איז דער לעגענדאַרע שיף, אַזוי איז דער וואונדערבאַרער ברונעם פון אַפּאָלאָ, דער בעכער פון רעאַ, — עס איז דער עמבלעם פון דער פרוי, וואָס וואַרט אויף דעם בוים פון לעבען.

די דאָזיגע צוויי עמבלעמען קומען ביי די אַלטע גריכען אין פאַרשיידענע פאָרמען און באַהאַלטען אין זיך דעם געדאַנק פון מענשליכער פאַרמערונג, ווייל דער מענש איז דער „סמל אלוה״, דער סימבאָל פון גאָט — ניין, ער איז גאָט אַליין.

און קיינער האָט ניט אַזוי גוט פאַרשטאַנען דעם גרונט־פּרינ־ציפּ פון זייער רעליגיע, ווי די גריכישע געזעצגעבער ליקורג, סאָלאָן, פעריקלעס און אַנדערע.

און געטריי צו זייער רעליגיע האָבען זיי פאַרוואָרפען אַלץ, וואָס מיר באַגרייפען אונטער דעם וואָרט מאָראַל.

קענענדיג די רעליגיע פון די אַלט־גריכען פאַרשטייען מיר איצט, פאַרוואָס די אידען האָבען מיט אַזאַ מסירת נפש און אַזוי פאַרצווייפעלט געקעמפט קעגען דעם העלעניסטישען איינפלוס, קע־

געגן די גריכישע רעליגיעזע און געזעלשאַפטליכע אנשויאונגען.

דער אידישער מאָנאָטעאיזם און זיין באַגריף פון מאָראַל האָט געמוזט רעוואָלטירען קעגען אַ גאָט, וואָס געפינט זיין אויסדרוק אין מענשליכען קערפּער און מוז פירען צו מענשליכער דעגע־נערירונג.

**
*

די רעליגיע פון די גריכען איז אין אַלע פּרטים געוועזן אויך די רעליגיע פון די אַלטע רוימער.

אויך די רוימער האָבען פּערזאָניפיצירט זייערע געטער אין געשטאַלט פון מענשען, און אויך די רוימער האָבען אין זייערע רעליגיעזע יום־טובים און צערעמאָניעס געפירט דיזעלבע סימ־באָלען, וואָס די גריכען.

ניט מער, די רייכע און ווילדע פאַנטאַזיע פון די גריכען האָט די רוימער געפעלט.

די רוימישע געטער זיינען געוועזן, וואָס מען קען רופען, בלוט־אַרעם, אָהן ענערגיע, אָהן אַמביציע און אָהן לעבענסלוסט. קיינער ווייסט איבערהויפּט ניט צו וואָס מען האָט זיי געדאַרפט.

וואָרים זיי האָבען ניט געהאַט קיין שייכות ניט צו מענשען, ניט צווישען זיך אַליין.

די רוימישע רעליגיע איז געוועזן אַ וואולגאַרע, אַן אוממאָראַ־לישע, פּונקט ווי די גריכישע, אָבער אָהן דער פּאָעזיע פון די גריכען.

די רעליגיע פון אמתיער גלייכהייט

בודיזם, וואָס אָנערקענט ניט קיין גאָט, קיין נשמה און קיין יענע וועלט

מען האָט אונז אָנגעוויזען אויף אַ זעהר פּראָמינענטען אידען אין ניו־יאָרק, וועמעס נאָמען מיר האַלטען פאַר ניט פּאַסענד אַרויסצוגעבען, אַז ער איז אַ בודיסט.

ער איז, הייסט עס, אַן אַנהענגער פון דער תורה פון בודאַ; פון דער רעליגיע, וואָס איז באַקאַנט אַלס בודיזם.

מיר וויסען ניט אויף ווי וויט די באַהויפּטונג וועגען אַט דעם אידען איז אמת; מיר וויסען אָבער, אַז אויב אפילו יאָ אמת, שטערט עס אים אויך ניט צו זיין אַ גוטער איד, פאַראינטערעסירט אין אידישע ענינים.

אין אַלע ציוויליזירטע לענדער און צווישען אַלע גלויבענס זיינען דאָ מענשען, וואָס כאָטש זיי פילען זיך צוגעבונדען צו זייער לאַנד און זייער גלויבען, זיינען זיי פונדעסטוועגען אַנהענגער פון בודיזם.

זיי געפינען גאָר ניט קיין סתירה, קיין ווידערשפּרוך צווישען זייער אייגענער רעליגיע און דער רעליגיע פון בודאַ.

ווייל בודיזם איז די רעליגיע פון דעמאָקראַטיע, אויב מען קאָן עס אַזוי רופען. בודיזם לייקענט אָפּ אַלץ וואָס איז געטליך, איי־בערנאַטירליך און איבערמענשליך.

אַלע מענשען זיינען גלייך, אַלע זיינען פריי, אַלע האָבען זיי זייער אייגענע בחירה און זיינען זייערע אייגענע הערשער.

דאָס איז דער תמצית פון בודיזם, וואָס אַפּעלירט שטאַרק צו

יעדען מענשען, און דערפאַר איז זי פאַרשפּרייט מער פון אירגענד אַן אַנדער גלויבען.

ניט אומזיסט ציילט זי אַריבער פינף הונדערט מיליאָן אַנהענגער.

עס איז נישטאָ קיין גאָט, וואָס דעספּאָטעוועט איבער די מענ־שען, לערנט בודאַ; ניטאָ קיין צדיקים, וואָס זיינען די אַריסטאָ־קראַטען פון יענער וועלט, און אפילו ניט קיין נשמה, וואָס מיר באַגרייפען אַלס חלק אלוה ממעל.

דער מענש איז דער האַר פון זיינע מעשים, און פאַר אַלץ, וואָס ער טוט, איז ער פאַראַנטוואָרטליך נאָר צו זיך אַליין.

„אַלץ וואָס מיר זיינען", זאָגט בודאַ אויף איין פּלאַץ פון זיין תורה, „איז דער רעזולטאַט פון אונזערע אייגענע געדאַנקען. אויב אַ מענש רעדט אָדער טוט עפּעס מיט אַ שלעכטער כונה, שלעפּען זיך אים נאָך פאַלשקייט און דאַן צרות און פּיין, ווי דער ראַד, וואָס שלעפּט זיך נאָך נאָך דעם אָקס, וואָס ציט דעם וו גען".

„ווען איין מענש באַזיגט אין דער מלחמה טויזענט מאָל צען טויזענט סאָלדאַטען און אַ צווייטער באַזיגט זיך אַליין, איז ער, דער צווייטער, דער גרעסטער זיגער".

„אפילו אַ גאָט קאָן ניט אָוועקרויבען דעם נצחון פון אַ מענשען, וואָס האָט באַזיגט זיך אַליין."

„אַליין איז מען דער האַר פון זיך אַליין; ווער דען קאָן זיין דעם מענשענ׳ס האַר? און ווען מען קאָן באַהערשען זיך אַליין, איז מען מעכטיגער פון אַלע הערשער".

אָט די און נאָך אַנדערע לערען פון בודאַ און זיין גאַנצע שיטה האָבען געבראַכט פיעלע געלערנטע צום געדאַנק, אַז דער בודיזם איז גאָר ניט קיין רעליגיע, נאָר אַ מאָראַל פילאָזאָפיע, אַן עטישע לערע, אָט ווי כדומה למשל, די „עטיקעל קאַלטשור".

דאָס איז אָבער ניט אמת.

פילאָזאָפיע איז קאַלט, שטרענג, לאָגיש און גענייגט צו פעסימיזם; דער בודיזם האָט אָבער דעם פייער, די התלהבות און באַגייסטערונג פון אַלע רעליגיעס.

דער בודיזם האָט פאַר די מענשען אַ טרייסט ווי יעדע אַנדערע אמונה.

אויב אין אַנדערע אמונות איז דער טרייסט פאַר'ן מענשען דער שכר אויף יענער וועלט, מיט גן־עדן, מיט שור־הבר און מיט יין המשומר, איז אין בודיזם דער גרעסטער טרייסט די „נירוואַנאַ", דאָס אויפהערען צו עקזיסטירען.

און כדי צו דערגרייכען צו דער העכסטער מדרגה פון גליק, מוז אַ מענש שטרעבען זיך אַרויסצורייסען פון דער שליטה פון קארמא.

דאָס הייסט, זיך אויפצולייזען אין דעם אייביגען גאָרנישט, אין נירוואַנאַ, אַז אפילו קארמא זאָל אים מער ניט געפינען.

דעם דאָזיגען העכסטען גליק, לויט ווי בודאַ לערנט, איז אַלעמען באַשערט, עס איז קיין נפקא מינה, צי אַ גאָט, צי אַ מענש, צי אַ צדיק, צי אַ רשע — סוף כל סוף קומען אַלע אין נירוואַנאַ.

ניט מער, דער צדיק קומט אַהין שנעל, ער דאַרף ניט דורכמאַכן קיין פיל גלגולים; דער רשע אָבער מוז אָנפאַנגען די עקזיסטענץ פונדאָסניי, פון דער נידעריגסטער מדרגה, פון אַ וואָרעם, און דורכגיין אַלע גלגולים.

נאָכ'ן טויט, הייסט עס, הויבט ער ווידער אָן צו עקזיסטירען אין פאַרשיידענע פאָרמען, אפשר פאַר נייע מיליאָנען יאָרען.

און וואָס איז עקזיסטענץ, אויב ניט צרות, פיין און ליידען?

אָבער וואָס דאַרף מען טאָן, כדי צו זיין אַ צדיק און זיך שנעל פאַרדינען די ניורוואַנאַ?

און בודאַ האָט, אַלס פונדאַמענט פון זיין רעליגיע, געשאַפען,

וואָס ער רופט, די „פיר גרויסע אמת׳ן“ און די „אַכט טריט פון דעם וועג פון גערעכטיגקייט“.

דאָס זיינען די באַקאַנטע מדות טובות, ווי אַזוי אַ מענש זאָל זיך אַליין פירען און ווי מען דאַרף זיך פירען בין אדם לחברו.

די רייכע פאַנטאַזיע פון אָריענט האָט מיט אירע צויבער־פע־דים אויסגעשפּונען אַ סך לעגענדעס וועגען דעם גרינדער פון בו־דיזם און געשאַפען אַ גאַנצע מיטאָלאָגיע.

בודאַ — אַזוי דערציילט די לעגענדע — איז געבוירען אָהן אַ טאַטען. זיין מאַמע איז געווען אַ בתולה, ווען בודאַ האָט זיך אַרונ־טערגעלאָזען פון הימעל אין געשטאַלט פון אַן עלעפענט און איז אַריין אין איר בויך.

און ווען ער איז געבוירען געוואָרען, האָט ער אָנגעהויבען צו באַווייזען וואונדער איבער וואונדער, ווי מען דערציילט פון יעזוס׳ן.

דער אמת איז אָבער, ווי די געשיכטע דערציילט, אַז בודאַ, וואָס איז געבוירען מיט קאַרגע 600 יאָר פאַר דער איצטיגער צייט־רעכענונג, איז געווען דער זוהן פון אַ רייכען אינדישן קעניג און אַז זיין נאָמען איז געווען גוטאַמאַ סאַקיאַמוני.

ווי געוועהנליך אַן אָריענטאַלישער פּרינץ, איז דער יונגער גוטאַמאַ געווען אַ ווילדער שאַרלאַטאַן און זיינע סקאַנדאַלען האָבען שיער געבראַכט אַ רעוואָלוציע אין לאַנד.

עס האָט אפילו ניט געהאָלפען וואָס זיינע עלטערן האָבען אים חתונה געמאַכט מיט זיין שיינער קוזינע.

ווען ער האָט איינמאָל דערזעהן דעם צעפוילטען קערפּער פון אַ טויטען מענשען, איז פּלוצים געקומען אַ קריזיס אין זיינע גע־דאַנקען און ער האָט זיך פאַרטראַכט איבער דעם מענשנ׳ס סוף און איבער׳ן תכלית פון לעבען.

דאַן האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פון דער וועלט און אַלע פאַרגע־

ניגען, האט זיך אפּגעגאָלט דעם קאָפּ, זיך איינגעוויקעלט אין אַ געלען כאַלאַט, אָנגעטאָן אַ בעטלער־טאָרבע, ווי אַלע אינדישע נזירים, און זיך באַזעצט אין אַ וואַלד.

דאָ האָבען זיך אַרום אים אַרומגעקליבען די ערשטע 12 תּלמידים, וואָס האָבען אים געגעבען דעם טיטעל בודאַ, וואָס מיינט, דער אויפגעקלערטער, דער ערלייכטער, און זיי האָבען צוזאַמען געגרינדעט אַ מין איסיים־סעקטע, וואָס האָט געוואַנדערט דורכ׳ן לאַנד און געמאַכט פּראָפּאַגאַנדע.

אַ מאַמע, אַ בתולה, נסים, 12 תּלמידים, וואַנדערונגען — דאָס קריסטענטום, ווי עס זעט אויס, האָט געטאָן פּאַרקערט, ווי עס ווערט דערציילט פון יענעם תּנא —

דאָס קריסטענטום האָט דעם תּוך פון בודיזם אַרויסגעוואָרפן און אויפגעגעסען דעם שאָלעכץ . . .

LA 7315